ב י -- bis <L . ערשטער טייל פֿון אַ צאָל צונויפֿהעפֿטן=
אינטערנאַציאָנאַליזמען, ווײַזט אָן אויף דער עקסיס-
טענץ פֿון צוויי זאַכן, אָדער אייגנשאַפֿטן.
% בינאָם, בילאַטעראַל.

1955 " די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער אידעע פֿון בי=קולטוריזם
וועט מעגלעך מאַכן דעם יידישן קולטורעלן קיום אין
די גלות-לענדער ". א. טאַרטאַקאָווער, לק / גק, נ׳22, ז׳63.

ב " י -- ראשי תיבות פֿון פֿאַרשיידענע ווערטער=באַהעפֿטן
פֿון לק: בית=ישראל, בני=ישראל, בן=יחיד א"א.
1804 " ער האָט זיך לגמרי ניט אויף גפֿיהרט אַז וויא
איין ב"י צו קומט ". הרב צבי הירש הלברשטאַט,
שו"ת עטרת צבי, דף כ/1.

ב י אָ ג ר אַ ף -- דער, =ן. דער מחבר פֿון עמעצנס
ביאָגראַפֿיע, לעבנס=באַשרייבונג.
1951 " ר׳ יצחק בלאַזער איז דער שעפֿער פֿון דער מוסר=
באַוועגונג און איר טעאָרעטיקער, דער ׳ חוזר׳ און
פֿאַרטייטשער פֿון זיין רבינס שיטה און אויך זיין
ביאָגראַף ". א. מלאַכי, לק / ליטע I, נ"י, ז׳ 552.

ב י אָ ג ר אַ פֿ י ע -- די, =ס. לעבנס-באַשרייבונג.
1919 " די אַרויסגאַבע פֿון הערצלס ביאָגראַפֿיע און פֿון
זיין ווערק ׳אַלט - נייַלאַנד׳ איז ניט גענוג ".
זשיט XI , נ"י, ז׳ 45.
1964 " די סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע וועט אויפֿסניי
מוזן איבערשרייבן זיין ביאָגראַפֿיע ". יג, טמז, XI/22.

ב י אָ ג ר אַ פֿ י ש -- אַדי. שייכדיק צו ביאָגראַפֿיע (ס).

1951 " ווער בין איך, מען זאל מיין ביאָגראַפֿיע מיט מיין
בילד דרוקן ? - האָט |...| מיכל גאָרדאָן געענטפֿערט 10
זיינעם א פֿריינט, וואס האט זיך געגרייט אפּצודרוקן
וועגן אים א ביאָגראַפֿישן אַרטיקל ". ש. ניגער,
לק ליטע I, נ"י, ד' 801.

ב י אָ ד ר ע -- די, =ס. < P biodro. (פּויל, נאָ)
היפּט, זייט באָק. % אָננעמען ביי די ביאָדרעס.
זי האט ברייטע ביאָדרעס.

1929 " רעבעקא האט געקנאָטן מיט די הענט אונטער דער
קוס ביאָדרעס, איבער דעם צעווירענעם בויך. אַפּאַ, 32
VIII - 111.

ב י א ה | ביע | -- די, מצ ביאות | ביעס | 1. דאָס
קומען. 2. ( איפֿ ) דער סעקסועלער אַקט.

... " א פרוי ווערט דאס ווייב פון א מאן דורך דריי
זאכן : מיט געלט, מיט א געשריבענעם שטר און מיט ביאה
( קידושין א - 1 ).

... " א פרוי ווערט נישט טראגעדיק פון דער ערשטער ביאה
( יבמות לד ),

.......................................................

באַמ: פון וואנענט די ציטאטן? פון זאלקינדס איבז ?
פּיעטרושקא?

.......................................................

17 שון: מאל אויס א טויבן כלי-זמר, א בלינדן -
א רעגנבויגן און א סריס - דעם טעם פון ביאה.

... אפשר רעדנדיג, וואָס חידש אדם און דער אַנגעזאָגטער פון
דעם ראָש הפּרולינג". ממוס, שלמה ר' חיים'ס ה,
ז' 85 [?].

~~ביאה.~~

1610 " צו אונשפעטיגין דער דא ענטוורש זיין טוכטר לידיג

א/32 צו דיא ביאה און קידושין ". טח - רשי, ויקרא יט-כט.

ב י א ו ר | בייאור | - דער, =ים. 1.(תח) דערקלע-
רונג, אינטערפרעטאציע, פירוש.

1968 " אין מדרש, ׳ מדרש רבא ויצא; און אין די ביאורים
43 דארש בפירוש |...| יעקב אבינו טענהט צו לבֿנען,
אז פאר די צוואנציק יאר געטריי פיטערן זיינע שאף
האט ער אים געהאט פארהיט פון יעדן שאָדן ".
י. קאפלאן, גק, נ׳ 63/62, ז׳ 225.

2. ( טפעצ ) קאָמענטאַר, דער פירוש אויף תנ"ך פון
משה מענדעלסאָן (1786 - 1729) און זיינע חברים
שלמה דובנער און נפתלי הירץ וויזעל, אין דייטש,
געדרוקט, אינאיינעם מיט מענדעלסאָנס דייטשער איבער-
זעצונג פון תנ"ך, אין יאר 1789.

1868 " וועט זיך יא מאכן |...| אייך אפיקורס וועט
42 יא ברענגען א חומש מיט ביאור אין א בית המדרש
|...| זאל ער אים קנסענען |...| עטלעכע אָקעס יי"ש
אויף אונדזער חברה אכי"ר". קמ, נ׳ 41, I - 300.

... " אַנשטאָט דעם מע זאל לערנען ׳יורה=דעה׳, האט
39 מען בגנבֿה גענאשט א שטיקל ׳ ביאור ׳". שע,
ארעמע און פריילעכע II, ׳א " וויגרישנע בילעט", ז׳ 11.

1961 " ט. פרשל ברענגט אויף ארויס, אז עס זיינען פון
41 ~~צה"ל~~ 3/ה"ג אויסגעשניטן געווארן גאנצע שטיקער, ווו. דער
גאון רעדט קעגן דער פילאסאפיע, און א זאץ קעגן דעם
ביאור פון משה מענדעלסאָן ". מ׳ אונגער, טמז, VIII/3.

ב י אַ ז -- די, באַ. א געדיכטער באַוולשטאף.

% דאס קאַפּטל איז געווען פון ביאַז. <R: бязь

1928 " דעם ערשט אויסגעוועבטן מיטקאַל פירט מען אוועק אין א צווייטער אפטיילונג, ווו מע קאָכט, פארבט און מע קראכמאלט אים ביז סע באקומט זיך געלער ביאַז, רויטער קאַלענקאָר אדער פאַרביקער ציץ. ". ע. איזרא, ציג, קיעוו, ז' 70. 46

1925 " האָט באוול טייער געקאָסט. ווער וואלט באצאלט פאר א העמד פון ביאַז דעם מקח, וואס סע קאסט א גוט לייוונט העמד ?" י. יאכינסאן, מיט געניטע הענט, קיעוו. 48

ב י אַ י ר י ב י ס -- דער, | מצ נב |.
( רעג זאַמעט, אויך אנדערשווו אין ליטע ) א פּאַסקודסטווע, פאסקודנער מענטש. ?נ?

ב י אַ כ ע מ י ע -- די. די וויסנשאפט וועגן כעמישע פראצעסן אין לעבעדיקע ארגאניזמען.

|| ביאַכעמיש -- אדי. שייכדיק צו ביאכעמיע.

1930 " בנוגע די בוכאַרער יידן זייערע ביאַכעמישע ראסן-אייגנשאפטן געפארשט געווארן דורך דער קרייז-סטאַציע פאר טראָפּישער מעדיצין ". טאַז, נ' 9, ז' 12|?|. 55

|| ביאַכעמיקער -- דער, =ס. געלערנטער אין ביאכעמיע.

ב י אָ ל אָ ג -- דער, =ן. וויסנשאַפטלער אין ביאָלאָגיע.

1960 " גאָט, מיין גאָט! ווי אַלוויסנדיק איז דער כעמיקער,

ביאָלאָג ". י. פרידמאַן, די לעגענדע נח גרין, 64

נ"י, ז׳ 71.

ב י אָ ל אָ ג י ע -- די, באַ. די וויסנשאַפט וואָס

פאָרשט אויס די אַלגעמיינע געזעצן פונעם אָרגאַנישן

לעבן, ד.ה. פון די פלאַנצן און בעלי-חיים.

1965 " די וויסנשאַפטלער וועלן זיך באַקענען נישט נאָר

מיט דער מאַרין=ביאָלאָגיע, נאָר אויך מיט געאָלאָגיע 66

און אַלע אַנדערע אַספּעקטן פון דער אָקעאַנאָגראַפֿיע.

א. בלוישטיין, שמז, IX/2.

ב י אָ ל אָ ג י ש -- אַדי. שייכדיק צו ביאָלאָגיע.

% ביאָלאָגישער פאַקטאָר. ביאָלאָגישע פונקציע.

1951 " אַ פאָלק וואָס האָט אַ סך קינדער האָט אויך אַ האָפענונג

אויף ביאָלאָגישער רעפּראָדוקציע ". י. לעשטשינסקי, 72

לט ליטע I, נ"י, ז׳ 838.

ב י אַ ל י -- דער, =ס. <P: bialy) שגל, לאָקל

וואָרשע) אַזוי האָבן יידן אויף דער אַרישער זייט

צווישן זיך באַצייכנט אַ יידן וואָס באַהאַלט זיך 74

אויס ווי אַן אַריער | בלום, יישפּ XVIII - 1, נ"י, 1958|.

ב י אָ ל י ס ט אָ ק ע ר -- 1. סוב. איינוווינער

פון ביאַליסטאָק. 2. אַדי. שייכדיק צו ביאַליסטאָק.

% ביאַליסטאָקער פּלעצל.

47 ביאַליסטאָקער קוכנס -- האָבן געהאַט אַ שם אין דער
אומגעגנט און זיינען געוואָרן פּאָפּולער אויך אין
78 אַנדערע געגנטן. ווערן געמאַכט פון פייטן, ניט זיסן טייג;
זיינען קײַלעכדיק, מיט אַ גרעבערן, העכערן ראַנד,
זיינען באַשאָטן מיט מאָן און מיט ציבעלע | יישפּ
VI - 1 - 2 |.

76 ביאַליסטאָקער קוכן-פּרעסערס -- (שלש) וועגן בי
ביאַליסטאָקער יידן | ח. שעסקין, יישפּ VII |.

ב י אַ מ ע ט ר י ע -- די, באַ. מעסטונג פון לעבעדיקע
באַשעפענישן, דער עיקר פון מענטשלעכן קערפּער, מיט
דער הילף פון פאַרשיידענע אינסטרומענטן.

85 1929 " צוריק מיט 10 - 20 יאָר האָבן די ראַסן - פאָרשונגען
זיך געשטיצט הויפּטזעכלעך אויף די ערפאָלגן פון
דער אַנטראָפּאָלאָגיע, עטנאָגראַפיע און ביאָמעטריע ".
מאָז, נ׳ 1 - 2. ׳65

ב י א ת - ה ג ו א ל | ביאַס - האַגויעל | -- דאָס, באַ.
( מת ) דאָס קומען פון משיחן, פון אויסלייזער.

105/א 1881 " דאַרף ער איר ניט געבן קיין מזונות עד 'ביאת-
הגואל' ביז זי וועט קומען צו איין אַנדער שידוך ?".
וועלט מסורה, וואַרשע, דלוגאַטש, ז׳ 53.

105 1968 " חסידים האָבן דערציילט, אַז ער איז אַוועק פון
דער וועלט פון אַן איבערמענטשלעכער תשוקה |...|
צו ביאת - הגואל ". א. קאַליש, יזב אָטוואָצק,
ת"א, ז׳ 192.

ב י א ת - ה מ ש י ח | ביאס - האמעשיִעך | -- דאס, בא.

( מח ) דאס קומען פון משיחן.

1876 " ער איז דער הייסער יידישער פאטריאט און רעליגיעזער,

וועלכער וויל נאר איינפליסן יידן די אמונה אין 104/א

ביאת המשיח!", יל, דער סטאטעק, העפט I, אדעס, ז' 96.

1939 " דער מדרש זאגט בפירוש: אויב דו האסט מקיים

געוועקן די מצוה | פון שילוח הקן | קענסטו מרב זיין 108

| עורב זיין ? | ביאת אלי הנביא און ביאת משיח

צדקנו. באמת איז שווער צו פארשטיין פאר אזא

גרינגע מצוה זאל מען קענען אראפּבעטן אזעלכע צוויי

גרויסע געסט?", ר' שמחה בונם זונשיין, מאגלעניץ,

א הויף, לעבען שעלישטש, רופא כל בשר, ווארשא.

1963 " די אפשטימונג פון יו=ען לטובח דער גרינדונג

פון א יידישער מלוכה אין ארץ-ישראל איז דער 104

אנזאג אויף ביאת- הגאולה |...| אדער ביאת-המשיח ".

הל, עטייען און רעדעס, נ"י, ז' 374.

ב י ב -- דער, =עס. דזוו באב.

1850 " אז מען וויל האבין אז עס זאל קיין קנאביל פון

דעם מויל ניט שמעקן זאל מען נאך קנאביל עסין איין 112

ג'ראמנים זיסיק באריק אודר ביב געזאטינים ".

תעלה ארוכה, לבוב.

..."|...| קרויט און בוריקעס, ביב און פאסאליעס 111

און פרישע פרות". עגנון, א פשוטע מעשה.

ב י ב ו א ל נ י ק -- דער, =עס. ( כלש ) א

סידורל, א ספרל | סטומש | 619 |.

ב י ב ו ל ע -- די. פּס ביבעלע. מין דין פאפיר

וואס זאפט איין פליסיקייט; האט געדינט אפצוטריקענען

די טינט נאכן שרייבן ( קלעק-פאפיר ) און אויך צו

וויקלען טאבאק און מאכן פאפיראסן; אין געוויסע

ערטער אין פוילן האט 'ביבולע' געמיינט דווקא

א דיקן געמיינעם סארט פאפיר צום פאקן.

... " אויס דיר, צעריסן גראב שטיקל זאק, // וואס ביזט
232 פון אלע שמאטעס דער בראק// וועט זייער ניט זיין
גענוג פאר דיר, // אז דו וועסט ווערן ביבעלע-פאפיר?".
עטינגער, משלים, אויסג 1925, ווילנע, ז' 200 |?|.

1869 " בעסער |...| אפדרוקן דעם רבינס א תורה |...|
122 אויף פראסט ביבולע - פאפיר מיט רש"י - כתב;
אי עס וועט ווייניק קאסטן, און מיר וועלן פארדינען".
קמ, נ' 16, I - 115.

1970 " די אויסגעשניטענע אותיות ווערן פארקלעפט מיט
118 דורכזיכטיקער פארביקער ביבולע און אינעווייניק
ווערט אריינגעשטעלט א ליכטל, כדי די אותיות זאלן
אדורכלייכטן ". ספר סאנץ, ת"א, ז' 555.

1972 " פלטיאל האט געוויקלט א פאפיראס אין א ביבולע-
125 פאפיר ". קצז IV, ת"א, ז' 179.

|| ביבולקע -- די, =ס. פקפ פון ביבולע, פפ ביבלקע.

1960 " פון וועסטל-קעשענקעלע האט ער ארויסגעצויגן א
128 קליין ביכעלע מיט דינע ביבולקע - בלעטעלעך.
פאוואליע |...| האט ער אנגעשאטן א בערגעלע מאכארקע
אויף א בלעטעלע פאפיר. ב. דעמבלין, אין דער
וועלט אריין, פאר, II/14.

ב ביבולע

1795 " דובעלטאווי בראנטפין |...| צו מאכין זישיס
117 זאל מען טאן דרייא פונט צוקר אף גישוימט אין
צעהן קווארט וואשיר אונ דעם צוקר וועשיר צו פר
קילין, אונ אויף דער נאך אף לעשין דעם בראנפין
אונ זאל שטיין פיר אונ צוואנציג שטונד אונ אויף
דער נאך איבר זייען אויף ביבולע אודר דורך איין
קאפעלוס ". איין ביכל וואש דרינן גפינט זיך
זאכין משיקאווי, שקלאוו.

ב י ב ל -- די , =ען. תנ"ך ( נאמען אנגענומען
ס'רוב אין דער ניט=יידישער וועלט וואס באצייכנט
מיט דעם ווארט אויך דעם ברית=חדשה ).

" ער איז דער ייד, וואס אפילו די ביבל געלערנט
133 מיט א פראוואסלאווענעם ניגון, ער האט די ביבל
אויפגעפאסט קריסטלעך ווי טאלסטאי". מ. מוקדוני,
טעאטער און אידיש טעאטער, ז' 32.

0 ביבל=געזעלשאפט -- די, =ן.

1865 " אין דעם מאגאזין זענען דא צו פארקויפן תנכן
139 פשוטע, |...| אויך איבערזעצונגען |...| זייער
ווא לוול, פון דער מיסיאנערישער ביבל=געזעלשאפט.

ביבל=וויסנשאפט, ביבלפאלק -- דאס יידישע פאלק.

1974 " זי פרעגט |...| דו וואלסט זיך געקענט פארשטעלן,
143 אז צוויי יאר נאך דער מלחמה וועלן מיר נאך אלץ זיין
ווי געיאגטע חיות, אז דאס ביבלפאלק וועט זיין
דער יעגער?" י. עלבערג, אויפן שפיץ פון א מאסט,
מאנטרעאל, ז' 322.

ביבל-פארשער, ביבל- קאמענטאטאר.

1951 " דער רב, ר' משה בן יעקב הגולה, איז געווען
146 א תלמודיסט, א ביבל-קאמענטאטאר, א מקובל און א
פייטן ". מ. ווישניצער, ליטע! , נ"י, ז' 58.

ביבל = קריטיק, ביבל= קריטיקער.

1965 " דער גאנצער אוצר שרייבט ער | מ. ל. ליליענבלום |
144 וואס איך האב אנגעזאמלט אין מיין קאפ אין משך
פון מיין גאנצן לעבן איז צו-נישט געווארן אין דער
מינוט, ווען איך האב אנגענומען די מיינונג פון
די ביבל=קריטיקער ". ה. לייקאוויטש, ליטע !!,
ז' 766.

ביבלשפּראַך -- די, באַ. 1. לשון-קודש. 2. (פּיג)
מליצהדיקער סטיל, ווי אין תנ"ך.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ ף -- דער, =ן. א ספּעציאַליסט
פון ביבליאָגראַפיע.

1951" אזא גרויסער ביבליאָגראַף ווי יאָאַכים לעלעוועל
שטעלט פעסט, אז בעת עס איז אים אויסגעקומען צו 150
ארבעטן אויף די הערות צו אן אויסגאבע פון די מסעות
פון בנימין פון טודעלע, האט ער אין דער ווילנער
אוניווערסיטעט-ביבליאטעק געפֿונען זעלטענע ספרים
און מאנוסקריפּטן". י. שאצקי, זב ליטע I, ז' 710.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פֿ י ע -- די. 1. בוכוויסן,
בוכקענטעניש, די וויסנשאפט וועגן בוכפאָרשונג.
% אויף דעם פֿאַקולטעט פון הומאניסטיק איז דא א
באזונדערע קאטעדרע פאר ביבליאגראפיע.

2. רשימה פון ווערק פון א געוויסן שרייבער אדער
צו א געוויסער טעמע. % ס'איז נאך, צום באדויערן,
ניטאָ קיין פולע וויסנשאפטלעכע ביבליאגראפיע פון
י. פּרצעס שאפן.

1973" ווען מען זאל צונויפשטעלן א ביבליאגראפיע פון
אלץ וואס איז געשריבן געווארן וועגן יידישע לשונות 153
אחוץ העקרעיש, וואלט זי ארומגענומען עטלעכע טויזנט
נומערן". מורג I, ז' 58.

|| ש= -- אדי. שייכדיק צו ביבליאגראפיע.

1947" צווישן די דאזיקע זעלטענע ביכער געפינען זיך
א סך העברעישע ספרים, וואס זיינען פאר דער לעצטער 157
מלחמה געווען אן אביעקט פון א ריי ביבליאגראפישע
אויספארשונגען". י. שאצקי, טשענסטאכאווער יידן,
נ"י, ז' 5.

ביבליאטעק -- די, =ן. זן ביבליאטעקע.

1. א זאמלונג פון ביכער, און אויך דאס ארט וווּ די ביכער געפינען זיך.

1881 " צווישן דעם באַלקן און דער סטעליע |...| א רעכטע ביבליאטעקע פון ספרים, היינו: מחזורים, סליחות, 170
קינות |...| א היפש פעקל תחינות, אלטע לוחות ".
מ. זעליקאוויטש [מ. א. שאצקעס], דער פאר פסח, ווארשע, ז' 15.

1972 " מאַנדלשטאַם האט א טײַט געטאן מיטן פינגער אויף
זיין גרויסער ביבליאטעק ". ברוסילאוו, הוזה, 172
גק, ב' 75, ז' 67.

2. אן אינסטיטוציע, וואס האט א גרעסערע זאמלונג פון ביכער פאר עפנטלעכן באנוץ.

1953 " דאס ליד איז אפגעדרוקט געווארן אין אמסטערדאם,
אין א קליין ביכעלע, וואס איז איצט אן אוניקום 165
אין ביבליאטעק פון אָקספאָרדער אוניווערסיטעט ".
ש. דובנאוו וועלט געשיכטע VII,
ב"א, ז' 94.

0 ביבליאטעק=ווען. פאלקס=ביבליאטעק. פאראיין-ביבליאטעק.
שטאט=ביבליאטעק.

ם ביבליטעט

1724 " דיזר |...| מלך תלמי האט לאזן צו אננדר קומן
איבר ת"ש אלף ספרים, לסוף איז זיין ביבליטעט פר 161
ברענט ווארן דורך איין מלחמה ". בית ישראל ובית
הבחירה, אמשט'.

.......................................

באַמ: איז דאס א גרייז ( במקום ביבליטעק ) ?

ב י ב ל י אָ ט ע ק אָ ר -- דער, =ן. פּפּ ביבליאָטעקאַר.
דער מענטש וואס ארבעט אין ביבליאָטעק.

1963 " ער איז געווארן דער ביבליאָטעקאָר אין דער ביבליאָטעק
פון דער ווארשעווער סינאגאגע ". באַש, גימפּל תם,
נ"י, ז' 68.

|| =ין ( =שע ) -- ווּם.

ב י ב ל י אָ ט ע ק נ י ק -- דער, = עס.
( פּטמ ) איינער פון די וועלטלעכע יוגנטלעכע, וועלכע
האבן זיך גרופּירט ארום דער ביבליאָטעק פון שטעטל.
1968 " האבן די ביבליאָטעקניקעס געזאָגט |...| דער רב
131 וועט סיי ווי האלטן מיט די ספּעקולאנטן און בלוט-
זויגער ". חג, צמח אטלאס !! .

0=/33

ב י ב ל י אָ ט ע ק ע ר --- דער, מצ ~~ביבליאָטעקער(ס)~~.
דזוו, ביבליאָטעקאַר.

ב י ב ל י אָ פ י ל -- דער, =ן. ליבהאבער און
זאמלער פון ביכער.
1951 " א דאנק דעם למדן און ביבליאָפיל מתתיהו סטראַשון
203 ( 1817 - 1886 ) איז אין ווילנע געשאפן געווארן
די בארימטע ביבליאָטעק אויף זיין נאמען". י. שאצקי,
ליטע I, נ"י, ז' 756.

ב י ב ל י אָ פּ י ל י ז ם -- דער. דזוו ביבליאָפּיליע.

1951 " די לומדישע ~~סיבה~~ שטיקה אין ליטע האט אויך משפּיע געווען אויף דער אנטוויקלונג פון ביבליאפּיליזם". 204

י. שאַצקי, לײַב ליטע I, נ"י, ז' 756.

ב י ב ל י אָ פּ י ל י ע -- די. ליבשאַפט צו ביכער, צו זאמלען ביכער | סטוטש 379 | .

ב י ב ל י ע -- די. ( סל ) ביבל | קסוו |.

ב י ב ל י ש -- אדי. שייכדיק צו ביבל, תנך; תנכיש.

% ביבלישע מאָטיוון.

1928 " דער דיכטער איז געגאנגען ניט סתם אין אַפּגראַמען דעם ביבלישן ספר שמואל ". מוו, בילדער פון 212

ייד. ליט. געשיכטע, ווילנע, ז' 90.

1940 " די גאנצע ביבלישע געשיכטע האט זיך אויסגעוויזן אזוי פאנטאסטיש |...|, אז עס איז גאר קיין ספק 209

ניט געווען, אז דאס גאנצע איז גלאט א לעגענדע".

קאַראַלניק II, נ"י, ז' 21.

ב י ב ע -- די, =ם. דזוו ביבקע ~~[illegible]~~ .

.... 1972 " ביי קלמנען אויף דער ביבע |...| געמאַכט א שנעפּסל, געכאַפּט א טענצל ". קצין 6.3 III, ת"א, 1972, ז' 25. 228

בּ י ב ע ל ע -- דזוו ביבולע ~~[illegible]~~ .

פּפּ(לן) דיקטער.

ביבער -- דער, =ס. (זאַל) בעל=חי (ווסנג (Castor fiber, פון די נאַגערס, לעבט איבערהויפּט

אין וואַסער און ביים וואַסער; די פעל פון א ביבער

ווערט זייער געשעצט אין דער פעלץ - אינדוסטריע.

1862 " דער ביבער הייסט אויך קאַסטור. ער איז אזוי

גרויס ווי א שאָף. אונטער דעם שוואַנץ האָט ער א ביי טל 266

מיט א פעטע זאַפט ". א. מ. מאהר, ראשית למודים,

לעמבערג, ז' 50.

1931 " פילע יונקים, ווי דער באַבער, האָבן זיך אַדאַפּטירט

צו וואַסער-לעבן". ש. בלום, דער בוים פון לעבן,

נ"י, ז' 221.

1971 " לענגער ווי ביי די אנדערע שטעלט ער זיך אָפּ

ביי די זאַלצמאַן-ברידער, וואָס האָבן שוין א געהויבענעם 270

סאָרט פעל : מאַרדערס און סויבל, נערקעס, ביבער

און אויך הערמאַלין ". ב. רעסלער, טמז, XII/19.

0 ביבערהאַר. ביבערהוט. ביבער-קאַפּער.

אנטלויפן ווי א ביבער | סטוטש 432 |.

ווײַנען (יאָמערן) ווי א ביבער.

1951 " איך האָב געיאָמערט ווי א ביבער און שפּעטער

|...| געגאַנגען צום מגיד זיך מתוודה זיין ". 265

וו. שולמאַן, ליטע ! לב, נ"י, ז' 1164.

1967 " ער'ט דיך אוועקשלעפּן אין שענק און ווײַנען

פאַר דיר ווי א ביבער ". י. וואַרשאַווסקי, פאַר, 257

VIII / 26.

שוויצן ווי א ביבער.

צײַלעניש : עלי, באַלי, יאַטקע //, א שוואַרצע

כלה האָטע //, הינטערן אויוון זיצט זי,// אַזוי

ווי א ביבער שוויצט זי ". גאָפ, לשי, נ' 7, ז' 66.

... " די שיינע יידן האָבן, נעבעך, געשוויצט ווי א ביבער,

די פנימלעך זייערע זײַנען געווען אויסגעפּריעט ווי 254

א צימעס ". ממוס, ווינטשס, IX, ז' 66.

ם ביבר

1595 " מצוביל וריס וביבר - מאל מאה איין טאליר ".
256 קראקאווער קהילה תקנות, מעקלערייַ מ, ה.

ב י ב ע ר ג אַ ל -- די, בא. גאל פון א ביבער,
אמאליקע צייטן געניצט ווי א רפואה. [Castoreum?]

1885 " אונטן האט ער | דער ביבער | איין בייטל וואס
251 דאַרין ליגט איין מאטעריע וועלכע רופט זיך ביבערגאַל,
עס נוצט אין די אפטעקן אין איז זייער טייער ".
א. ג., דער פראצעס... ווארשע, ז' 44.

ם ביבר גאל.

1728 " ווען איינים ח"י דער שלאק האט בטראפין אונ'
274 קאן ניט רידין, זוא נעם איין שטיק ביבר גאל אונ'
טונק איהם איין אין גוטין ברנט וויין ". סור,
כט - ב - !.

1794 " |...| נעם ביבר גאל מיט ג' מידות יין וואל
278 גיקאכט דריגן, אינ אז דאש קינד גיבארין ווערט
זאל מען דאש קינד דער מיט וועשין |...| ".
סודה; נאווידוואהר.

ם | ביבעריַי | ב י ב ר יי א -- אַפּנאַרעריַי, שווינדלעריי.
1735 " דאש זיין דיא לייט דיא דעמוטיג זיין דארום דאז
288 מן זיא קעשטליך זאל האלטן, אונ שטעלן זיך פר דען
לייטן מיט ווארטן אונ ווערבן אז ווען זיא גרושי
חסידים זיין דערום דאז מן אינן גטרויאן אונ גלויבן
זאל, אונ ווען זיא היימליך הינטר דען לייטן קענן
ביברייא מאן זא טואן זיא עש ". שלמה זלמן לונדן
איבר׳ אורחות צדיקים, אמשט, דף יד / 1.

ב׳ י ב ע ר ן I -- אדי. וואס איז געמאכט פון ביבערס פעל.

1868 " אויפן קאפ אונטן א יארמלקע, אויבן א ביבערנעם קאשקעט |...| ". קמ, ג׳ 15, I - 110. 292

1966 " א רב אין א שטריימל און אין א טכוירן-פוטער מיט א ביבערנעם קראגן ". חג, טמז, I/7. 258

ב׳ י ב ע ר ן II -- אטוו. 1. שטארק וויינען, גיסן מיט טרערן.

1936 " האט נח צום ערשטן זיך געזידלט, דערנאך געביבערט מיט טרערן ". נאד, פאלעמיק, נ"י, ז׳ 78. 291

2. ( כלש ) דאוונען, מתפלל זיין | מטוטש 619 |.

3. ( גלש, דייטשלאנד ) בעטן זיך [ י. טריוואקס, כלי-זמר לשון, ביי אונז יודען, ווארשע, 1923, ז׳ 168 ].

4. ( גלש, פוילן ) שעפטשען | דצוו | .

ב׳ י ב ע ר נ י ק -- דער, =עס ( כלש ). 1. סידורל, א ספרל | נ. פרילוצקי, רשומות, כלי זמר לשון אין פוילן, 1917, ז׳ 276 |

2. א לערנער, א וויל-קענעוודיקער.

" ווער איז זי ? - א קונצן-מאכערין - דעם פאקוס-ניקס א טאכטער ? - זעט נישט אויס - זע נאר, ווי ס׳גייט אים אין יחוס, דעם ביבערניק !" אפא, XI, די טענצערין, ז׳ 11. 300

.....................................................................

איך צווייפן באטייט - ניט זיער, מע דארף נאכקוקן ביי יהודה עלזעט " וווּנדער=אוצר, ז׳ 39.

ב י ב קע I -- די, =ס. פּפּ ביבע, הוליאַנקע, ליאַמע, קערמעשל, פריילעכע מסיבה.

1963 " שפּעטער האבן זיי געהאט א ביבקע, און ווען זיי
309 זיי האבן זיך אנגעשיכורט, האבן זיי גענומען רעדן מיאוסע זאכן ". באש, פּאַר, III/2.

1975 " דער עולם פלעגט זיך נישקשהדיק פארוויילן, די
311 יונגע בעלי-בתּים זיינע ( ווייסנבערגס ) פלעגן אויך זיין איינגעלאדן אויף אלע 'ביבקעס '".
פערל ווייסנבערג, י. מ. ווייסנבערג - זיין לעבן און שאפן 1878 - 1938, צוק, אפּריל.

ב י ב קע II -- די, =ס. 1. קליינע קערנער פון באָב.

2. קייקעלעך, צואה פון ציגן, שאָף.

1932 " זיי שמעקן ... מיט ביבקעס באַגאסן מיט שולאייל".
318 נאד I, ז' 187.

3. א פּרישטשיקל אויפן פנים ביי יונגע בחורים איידער פון צייטיקן זיך.

1960 " די ביבקעלעך -- א סימן פון חשק צו בליונג
314 און פרוכפּערונג ". ב. רעסלער, טאָג, VI/16.

4. פּאַרהאַרטעוועט בלאַטער אויפן פנים.

1927 " |...| דער פּארזיצער מיטן פּרויעך - פּנים און מיט
308 דעם האריקן ביבקעלע אפן קינבערדל ". איבז דער נסתר, א. אראסיעוו, ערשט ניט לאנג, קיעוו.

5. ( פיג ) אויסבולטונג אין דער פארעם פון ביבקע ב 1.

" אין זיינע באהענטשקעטע הענט, האט ער געטראגן 1928

א שטעקן מיט ביבקעלעך ". א. ראבאן, אייגענע ערד, ווילנע. 315

6. ( פיג, שפל ) נארישקייטן, קליינקייטן.

ב י ג א ט -- דער, =ן. א פאנאטישער קריסט.

1968 " אין שפאניע האט דעמאלט געהערשט קעניג פיליפ דער

צווייטער און אין רוים פויפס פאולוס דער פערטער. 322

ביידע זיינען געווען גרויזאמע דעספאטן, קאטוילישע

ביגאטן, פאנאטישע אנהענגערס פון דער אינקוויזיציע ".

ברוס, גק 85, נ' 62/63, ז' 164.

|| =יש - אדי. פאנאטיש, קנאיש.

1865 " באזונדערס האבן די גייסטלעכע געהאט די איבער-

האנט אין שפאניען, דאס פאלק איז ביגאטיש, הענגט 326

אן דער קאטוילישער קירכע ". קמ, ב' 28, ז' 425.

.............................................

דאש: אפשר איז דאס דאס אלט-יידישע 'באגאטיש'?.

.............................................

ב י ג א מ י ע -- די. צווייווייבערייַ.

1932 " |...| וועגן די בלוטיקע קאמפן אין גאליציען

אין צוזאמענהאנג מיט ביגאמיע וואס ווערט אין א 330

צדיקישן הויף געטריבן ". ייז, יאשע קאלב,

אויסג נ"י, 1952, ז' 218.

|| =סט. -- דער, =ן. א מאן, וואס לעבט גלייכצייטיק מיט צוויי פרויען.

... לסוף האט זיך אויסגעלאזט, אז ער איז א ביגאמיסט. ער האט זײַן אייגנס |...| דרייַ ניט קיין געגעטע 328
ווייבער !" שע, לכבוד יום-טוב I, ' נישטא קיין נייעס', ז' 193.

ב י ג א ס -- דער. <P: bigos 1. א מאכל פון זויער-קרויט געקאכט מיט פלייש, פון פארשידענע מינים און שארף צוגעפּראוועט מיט פעפער.

2. (פיגיי) א געמיש, א מישמאש.

ב י ג י ו ר א נ י ע -- די. ( בלעכערײַ ) " א שטיקל בלעך אויף אויסצובייגן א דנא " | קסוו |. 337

ב י ג ל א ז ש -- דער, =עס. ( שגל ) די וואס לקחנען צו ( ---> ביגלען ב 2 ). [ בלום, יישפ XVIII - 1]. 352

ב י ג ל - א ײַ ז ן -- דער, =ס. פרעסאייזן; פרעסל.

1911 " א פאראַסט ביגל-אייזן, מיסט צוזאמענגעמישט פון קרייַקעס, אָפּפאַל, לייטערלעך און ברעטלעך פון שמאף - דאס איז זיין בעסטע רעקלאמע ". ז. מוירער, 343
זיי נישט קיין ווארילער יונג, טארנאוו, ז' 4.

1965 " זיינע הויזן - געפרעסט, אָקאַרשט פון אונטערן ביגל - אייזן ". ~~ז. שניאור,~~ ממז VII/4. 342
, es

ב י ג ל ב אַ ק - דער, ~ באַקן. פּרעסקלאַץ, א ברעט צום פּרעסן.

1948 „וואָסי ? קיין פּרעסלעך זיינען דען ביי שניידערס ניט געווען ? צי האבן פראסטע ביגלבאַקן ( טעקסט: בייגלבאַקן ) דען פארפעלט זי ?". ~~פ. מאַרקיש~~, פּמ, די וועלט דורך א שפּארונע, ~~[illegible]~~, ז' 156. 2195
[illegible], [illegible]

ב י ג ל ב ר ע ט -- די. דזוו ביגלבאַק.

ב י ג ל ט ו ך -- דאס, =טיכער. פּרעסטוך | סטוטש 526 |.

ב י ג ל - מ אַ ש י ן -- די, =ען. פּרעסמאַשין | סטוטש 526|

ב י ג ל ע ן -- טרוו. פֿאַר געביגלט. 1. פּרעסן, אויספּרעסן.

1967 " |...| זיינען געשטאנען ביי גרויסע פרעסאייזנס און געביגלט די פארטיקע מלבושים ". י. מעצקער, פֿאַר, III/ 19. 355

2. ( שגל ) לקחנען, צונעמען, גנבֿענען | בלום, ייִשפּ, XVIII - 1, נ"י, 1958 |. 353

ב י ג ל ע ר -- דער, =ס. ( אם ) א פּרעסער.

1910 " א שמש פון בז הויז דאַ א ביגלער ביי קלאַקס ". א. זאַלאטאַרעווסקי, קאַרטן, נ"י, ז' 4.

ב י ג ע ל -- דער. ( טעכט ) קלאַמער | ח. א. פּינקעל,

364 ייד. טעכנ. ווערטערב. כאַרקאָוו, 1923, ז' 59.|

| וואָסער מין קלאַמער?|.

ב י ג ע ס -- ----> ביגאַס.

ב י ד | בעיאַד | ה אַ ב ן : פֿער. זיין בכוח.

... " ווייזן זאָל גאָטעניו, אויב ער קאָן, // אַז ער

א/374 האָט ביד צו ליב צו טאָן |...| ". ממוס, יודל, ז' 58.

... " איך האָב געהאַט ביד ניט אַרויסלאָזן אים פֿון דאַנעם".

ברושי. שע, ~~בכחש~~ קינדער שפּיל.

1928 " אין דער ענגלישער אינדוסטריע איז אַ קריזיס,

מחמת מיטל=אייראָפּע האָט מען דערפֿירט צו אַזאַ צושטאַנד,

אַז זי האָט ניט ביד אייצוקויפֿן די ענגלישע פּראָדוקציע".

כ-ן איבזן, ד. כאַראַבין, עקאָנאָמישע געאָגראַפֿיע, קיעוו,

ז' 113.

ב י ד אַ -- די. < Uk: bida צרה, נויט . נאָר אין שוו:

קאָלי בידאַ, טאַ דאַ זשידאַ, | סטוטש | 235 | --

געזאָגט ווען איינער באַט הילף ביי עמעצן וואָס פֿריער האָט

ער אים מבטל געווען.

ב י ד אַ ל אַ כ ע -- דער / די, =ס. < Uk: bido-laxa אַ נעבעך,

398 אַן אומגליקלעכער. % " אַ בידאַלאַכע, אַזוי מוטשעט ער

זיך אַלע זיינע יאָרן "ₓ | קסוור |.

ב י ד אָ ן -- דער, =ען/=עס. < Fr: bidon < R: бидон

א בלעכקאַן פון צילינדרישער פאָרמע מיט א דעקל, געניצט פאַר מילך, בוימל אַא פליסיקייטן.

399 ... " עס גייען פֿויערטעס |...| מיט גרויסע בידאָנעס מילך ". סמב.

401 1931 " די סאָלדאַטן |...| גייען אריין | אין מאגאזין |, קוקן מיט פאַרדרוס אויף די פולע באנקעס, אויף די בידאָנען מיט פארבן ". ש. ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע, אדעס, ז' 97.

ב י ד אַ ר ק ע -- די, =ס. פֿאַ בעדאַרקע. א לײַכט וועגעלע אויף צוויי רעדער פאַר איין אדער צוויי מאַן, געניצט אין די סטעפּעס פון אוקראַינע און טראַנסקאַווקאַז.

405 1939 " איז ער אופגעשפרונגען אף גיך |...| און ארויס - געלאָפן: גיך שפאַנט מיר די בידאַרקע !". מ. אראנסקי, איג פריידן און לײַדן, קיִעוו.

ב י ד ח ז ק ה | בעיאַד כאַזאָקע | -- אדוו פֿר. מיט א שטאַרקער האַנט, מיט כוח, תקיפותדיק.

374 1904 " מיר צילן זיך ניט איינצוהאַלטן "ביד חזקה" די נאַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטישע סימנים |...|". דער אידישער ארבייטער נ' 17, זשענעוו, ז' 30.

א/374 ... " ער האָט ווייטער געפירט זיין התנגדות ביד חזקה, מיט חרמות און תקיפות פון אנשי חיל, ווי אין יענע צייטן ". פרץ, צווישן צוויי בערג.

1948 " די פאליאקן, וועלכע האבן געהערשט ביד חזקה׳ צ׳יען ארויס דאס לעצט ביסל ארעמקייט ביי די יידן מיט הויכע שטייערן ". מ. בערזאוויק, גאפ, נ׳ 7, ז׳ 40. 376

ביד חזקה אחת -- דזוו ביד חזקה.

... זי האט געוויס גערעכנט, אז איר בן וועט מן הסתם אננעמען מיך פארן קאלנער ביד חזקה אחת און וועט מיר געבן |...| צוויי פעמש", שע, טביה דער מילכיקער, ז׳ 146. 373

ביד רחבה | בעיאד רעכאווע |-- מיט א ברייטער האנט, ברייטהארציק. % געבן צדקה ביד רחבה.

" געגעבן האט זי דעם ׳שבת-אויבסט׳ עפעס ניט אזוי ביד רחבה". שע, פונ׳ם יאריד, ז׳ 65. 379

1959 " אויך ק. האט צושטייער געגעבן | אויף דער סעודה ביד רחבה ". ייט, טאג, VI/27. 377

ב י ד ר מ ה | בײַד ראַמאָ | -- אדוו פר. ענערגיש,
מיט א שטאַרקער האַנט, תקיפותדיק. % רעגירן ( געוועלטיקן)
ביד רמה.

..." דער נייער פּריסטאַוו |...| האט גראד ביד רמה
383/א געפירט דאס שטעטל". ממוס, מסעות, ז׳ 10.

... " אז עס קומט די צייט פון ימים נוראים, פירט
383 געצי | געצל ? | די ממשלה אין בית-המדרש ביד רמה".
שע, אַרעמע און פריילעכע !!, ׳ מען איז זיך מוחל׳,
ז׳ 217.

1959 " ר׳ איציקל |...| איז געווען א תקיף ~~בדרכיו~~ בדעותיו
381 און געפירט זיין התמנות ביד רמה ". וועלוול קיזנער,
קרום. שפיגל, טאַג, VII/8.

|| ביד - רמהדיק -- אדוו.
1923 " געוועלטיקט די רעאקציע גאר ביד-רמהדיק ".
383/ב ימ, נייס.

ב י ד ש ל י ש | בעיאַד שאַליש | אדוו פר. איך באהעפט
איינלייגן ביד שליש: איינלייגן געלט ביי א בורר
אדער אנדער השובן מענטש.

אַנגה 19טן י"ה|" טויזנט גילדענע רענדלעך האט מען פון
381/א אונדזערטוועגן ביד שליש איינגעלייגט ". געגאַרטע
וועלט, סאוו. אויסג, 1940, ז׳85.

1861 " זעט, זייט זשע מוחל ווי דער מחותן |...| מיט
381/ב זיין איידעם |...| גיבן מיר זעקס הונדערט רענדלעך,
רעכטע רענדלעך ביד שליש". אקטענפעלד, שטערנטיכל,
לייפציג, ז׳ 30.

ב י ד יי - ----> באדיי.

ב י ד י ם | בעיאַדאַים | - אדוו. ~~טייטש: מיט די~~
~~הענט. באטייט: ( מיג )~~ אליין, צוליב דער אייגענער
שולד.

1883 " דו האַסט אזא שידוך בידים קאַליע געמאכט ".

... געצל ? | די ממשלה און בית-המדרש ביד רמה .

שע, ארעמע און פריילעכע !! , 'מען איז זיך מוחל',

ז' 217.

1959 " ר' איציקל |...| איז געווען א תקיף ~~ברדרחו~~ [כדצגו]

381 און געפירט זיין התמנות ביד רמה ". וועלוול קיזנער,

קרום. שפיגל, טאג, VII/8.

|| ביד - רמהדיק -- אדוו.

1923 " געוועלטיקט די רעאקציע גאר ביד-רמהדיק ".

383/ב ימ, נייס.

ב י ד ש ל י ש | בעיאַד שאַליש | אדוו פר. אין באהעפט

איינלייגן ביד שליש: איינלייגן געלט ביי א בורר

אדער אנדער השובן מענטש.

אנה"19טן י"ה|" טוינט גילדענע רענדלעך האט מען פון

381/א אונדזערטוועגן ביד שליש איינגעלייגט ". גענארטע

וועלט, סאוו. אויסג, 1940, ז' 85.

1861 " זעט, דייט זשע מוחל ווי דער מחותן |...| מיט

381/ב זיין איידעם |...| גיבן מיר זעקס הונדערט רענדלעך,

רעכטע רענדלעך ביד שליש". אקסענפעלד, שטערנטיכל,

לייפציג, ז' 30.

ב י ד י י - ----> באדיי.

ב י ד י ם | בעיאַדאים | - אדוו. ~~שייטשט מיט די~~

~~הענט. באַטייַט: ( פיג )~~ אליין, צוליב דער אייגענער

שולד.

1883 " דו האסט אזא שידוך בידים קאליע געמאכט ".

410 נ. מ. שייקעוויטש ( שמ"ר), דער ליטוואק, אדעס,

-טעס העפט, ז' 6.

1908 " |...| און ווען מיר שוואכן בידים אַפּ דעם קערפּער

408 פונעם קינד, איז אומזיסט אונדזער מי צו ענטוויקלען

זיין גייסט". מ. גאטליעב, פאפולערע אלגעמיינע

היגיענע, ווארשע, ז' 44.

1962 " איר האט בידים גענומען און געשאפן זיך א

408/א פראבלעם". מענער און פרויען, טמז, VI/27.

בידים ריקניות | בעיאַדאַים רייקאַניעס |

אדוו פר. פּפּ בידים ריקות. ( ת ) מיט ליידיקע

הענט, אָן גארנישט.

1862 " ווער לאזט אזוי א טייערן מענטשן אוועק בידים

413 ריקניות ?" "ר׳ חיימל דער קצין׳, ז׳ 21, אדעס.

בידלאָ -- ----> בידלע.

בידלע -- די, =ס. 1. אלע היימישע זויג-

בהמות, וואס זיינען מעלה-גירה, פארמאגן הערנער,

מיט געשפּאָלטענע קלאָען; פּי״ק.

1906 " פון דער שיף-קאמאנדע |...| ווערט דער עמיגראנט

429 באטראכט ווי א בידלע ". "דאס נייע לעבען", נ׳1,

לאנדאן, ז׳ 72.

1953 " די אוקראאינישע באפעלקערונג איז נישט באשטאנען

428 פון קיין ׳בידלעס׳, פון ארבעט-בהמות, ווי די

פוילישע שליאכטע האט געוואלט פון איר מאכן".

ימ איבז ש. דובנאוו, וועלט=געשיכטע VII, ב"א, ז׳21.

2. ( פּעיאָ ) וועגן מענטשן מיט ווייניק בילדונג;

נאראָנים, סטאדע וואס לאזט זיך פירן ( געניצט אויך

ווי א זידלווארט ).

1883 " פארציי̆טן איך דער דומער וועלט, אז די יידישע

433 דאמען זיינען געווען פראסטע בידלעס, האט פאר זיי

אלץ געפאסט". חובב, איין נייע מעטהאדע..., ווילנע,

ז׳ 17 |?|.

1959 " א מיידל הײַנטיקע צייט דארף וויסן ווי אזוי

431 פאַרצוקומען מיט א מענטש, נישט אויסוואקסן א ווילדע

פינסטערע בידלע ". ב. דעמבלין, פּאָר, VIII/28.

ב י ד נ ע -- אדי. 1. אומגליקלעך, נעבעכדיק,

אויסדרוק פון רחמנות. < Uk: бідний

1887 "בידנע, בידנע זשאַרגאָן! עס מוז נאך דויערן

א קליינע ווײַלע, ביז מע וועט ארויסרויכערן אט 463

דעם דאזיקן דוך פון אונדזער יונגער ליטעראטור."

שע, ייִפֿאל, ג' 33, ז' 550.

1911 " דאס איז זי, זי - מיין אלטע, מיין דארע,

מיין בידנע שקאפע!. ממוס, קליאטשע, ק' 1003040.

1963 " וואס ווייסן זיי, די בידנע לייט, וואס לויערן

ארום // מיט בלאפעריי און נארישקייט אין דיינע 455

דלד אמות". סוצ, פֿון I, ת"א, 1963, ז' 68.

2. מיזערנע, נישטיק, פון קליינעם ווערט. % בידנע

הײַזלעך.

1866 " נאָר כל זמן זיי | די רוימישע יידן | זיצן ווי

א ווארעם אין כריין, דאכט זיך זיי, זיי האבן דאס 464

שטיקל פרנסה און וואָס וועלן זיי און אַ נייַ אַרט טאָן"

~~בידנע פאר גראשן, דען ער גיט אונדז פאר דיין קעפל~~

~~א שיינע פאר טוירנטער". שמ"ר, דער פערלוירענער~~

~~החן, ווארשא, ז' 26.~~ תמ, ז' 46.

[182...] " נא, האבן זיך אלע גוטע יידן אומגעקוקט, וואס

~~וואס~~ טײַטש! דעם בעט"ס איינעקלעך, אדעלעס קינדער, 444

זאלן נעבעך אזוי בידע זײַן! חיים מאלאגא, גדולת

ר' וואלף יידישע כתבים, ווילנע, ז' 235.

נקע -- צערטל-פארעם פון בידנע.

... " עס ארבעט מיט די זייטן, // מיין 'בידנענקע' פערד!

נישט דאס וואס פארציטן - // אלץ איז אין דר'ערד!" 470

פרץ, דער בעל-עגלה, פאעזיע, ז' 78.

ב י ד נ ע ו ו ע ן -- דזוו בידעווען.

1928 " תהילת האבן זיי אין נייעם לאנד שטארק געבידנעוועט".
469 ע. איזרא, שיך און קאלאשן, קיעוו, ז' 58.

ב י ד ע I -- די, =ס. 1. צרה, אומגליק. ‹Uk: bida

1952 " דער מענטש דארף שטענדיק געדענקען און טראכטן
476 וועגן דעם, ער/איבערהאלטן יעדע בידע ". באגדאן
האמערא, אום ביישפיל פלעווע, ווארשע.

2. אָרעמקייט, נויט, דחקות | סטוטש 498 |.

1973 " זי האט געטראגן די בידע, די שווערע משא אויף
479 דער פלייצע ". ב. האמער, גק נ' 78, ז' 137.

□ שטופן די בידע -- ( לאָקל, סאניק ) קוים דורכ-
קומען, לעבן בדוחק | קטוו |.

ב י ד ע II -- די, =ס. ----> בידקע.

ב י ד ע ו ו ע ן -- אוטוו. לײַדן נויט, לעבן אין
ארעמקייט, אויסשטיין א סך שווערקייטן, מאטערן
זיך. % ווי לאנג וועט מען אזוי בידעווען?
איר האט דען א השגה ווי אזוי איך האב געבידעוועט ?
‹Uk: bidyvatu.

1866 " אזוי האט ער | דער הדר-יינגל | געבידעוועט
486 ביז צו דער בר-מצוה". קמ נ' 6, ז' 85.

.. " אקעגן מיין פערדל האב איך מיך געפילט עפעס חייב.
497 |...| סטײַטש, אפגעהארעוועט מיט דעם אזוי פיל יארן
איינײנעם געבידעוועט |...| און פלוצים גענומען
און פארקויפט !" שע, טביה דער מילכיקער, ז' 193.

1948 " אוועק איז ער | דער מלמד | פון לעבן אין די סאמע

487 מיטעלע יארן, איבערלאזנדיק א פרוי און א סך

קינדערלעך, וואס האבן געבידעוועט און געהונגערט

צו גלייך מיט אים". ט. סליינבארט, גאָפּ, 185

ב"א, נ׳ 7, ז׳ 58.

ב י ד ק ע -- די, =ס. א טיף קורץ וועגעלע, אויף

צוויי רעדער.

... " מה-דאַך א בידקע איז נאר אויף צוויי רעדער,

548 ~~דעם-עך-אדרדאד-פאר~~ פונדעסטוועגן פארט מען אויף

איר, היינט בפרט דיין וואגן איז אויף דריי רעדער,

וועט ער אוודאי פארן". שע, לכבוד יום-טוב !!,

׳ פסח מיט א קל-והומר׳, ז׳ 183.

1953 " ס׳איז געווארן שווארץ פון די הונדערטער פויערישע

546 וועגענער, פורלעך, בידקעס און דראַבינעס".

ברוס, ביי די טייכן פון פאלעסיע, ז׳ 209.

■ ״|בידער | ב י ד ר -- אדי. < Mhd: biderbe

וויל, געטריַי, אָרנטלעך.

... " ער ווש ורום אונ׳ בידר דאש זאג איך אויך בור

534 וואר". שמואל בוך, פערז 85.

... " אשת חיל - איין בידרש וויפ". משלי לא, י 504

| רייכלין 8 |.

1676 " איין ווייב איין בידרש ווער קנש גיפינדן".

505 ברנט שפיגל, פרק ה.

1798 " איטליכר בעל תשובה פר וואר |...| מוז זייני

508 אויגן האלטן גאר נידר, ווען ער שון איז אזו חשוב

און בידר". משל הקדמוני, תקנ"ח, ז׳ 16.

ב י ד ר ן  ז י ך -- ווערן אַרנטלעך, ערלעך, פרום.

1696 " ( תתחסד ) דוא ווערשט גיבידרט אונ׳ גלייטרט

מיט דען צדיקים אונ׳ מיט דעם קרומך ( רשעים ) 544

דוא פֿר קרימשט מיט זיא צו פֿר טימלן זיא ".

| סידור | תפלה למשה...., דעסוי, קסח - 2.

ב י ה יי ו ר י אָ ר י ז ם -- דער, באַ. א ריכטונג

אין דער מאדערנער פסיכאלאגיע און סאציאלאגיע,

וועלכע שטודירט אין דער ערשטער ריי דעם אופֿן ווי

מענטשן פֿירן זיך אין באשטימטע סיטואציעס.

... " וואַטסאַנס ביהייוויאריזם לערנט דאך, אז 'פסיכאלאגיע

איז א נאטור=וויסנשאפט, א באשטימטער טייל פון דער 554

ביאלאגיע". 'סאגבוך', ייבל XIV, 1 - 2.

ב י ה יי ו ר י אָ ר י ס ט -- דער, =ן. אנהענגער

פון ביהייוויאַריזם, דער וואס פארנעמט זיך מיט

ביהייוויאריזם.

... " אין אַזעלכע אַביעקטיוו קאנטראלירטע ראיות, זאגן

די ביהייוויאריסטן, קען מען נישט ריידן וועגן

א קוואליטעט פון אן איבערלעבעניש |...| ".

'סאגבוך', ייבל XIV, 1 8 2.

|| =יש -- אדי. שייכדיק צו ביהייוויאַריזם.

..."|...| צוויי קוקן, דער ביהייוויאריסטישער און דער

דערפֿארונגס-מעסיקער". ייבל, XXXI - XXXII. 556

ב י ה מ ע -- פֿאַרט. אויף מיין
וואָרט, כ'לעבן.

1957 " ווען די קינדער וואלטן גישט אזוי געוויינט און
ביים הארץ וואלט אזוי שטארק נישט געצופט, וואלט 551
איך זיך פון ארט נישט גערירט. ביהמע " . ר. קארן,
9 דערציילונגען, מאנטרעאל, ז' 85. ?נ?

ב י ה ע נ ד -- באַהענד. ←----

ב י ה ש ט -- <D: Biester . מין פֿארב.

1785 " מוז דער שומר רעכט איין אכט געמען, דאס דיא
קאמיינע קעהס, מיט קיין ביהשט אדער מיט קיין פארב 558
וואו ביהשט איין קומט, געפארבט ווערט ". תקנות
להשומרים אצל הגבינות, אשר יסד אדמו"ר מוה"ר שאול,
אויסג 1846, אמשט', ז' 4.

ב י ו ג ל -- דער. ( אַם ) סיגנאַל-האָרן | סטוטש 286 | . ?נ?

ב י ו ד ע י ם | בעיודעים | -- אדון. באַוווּסט-
זיניקערהייט, מיט א כיוון. % " די עוולה וואס איך
בין אנטקעגן אים באַגאַנגען איז געווען ביודעים,
איר וועט זען, אז שפעטער וועט פאר אים ארויסקומען
א טובה."

|| ביודעימדיק -- אדי.

1956 " דא איז אבער פאראן א בפירושער קאמף, א ביודעימדיקער
געראנגל ארייננצוברענגען דאס פאלקס-לשון אין דער א/558
ליטעראטור אריין ". ים, יישפ XVI - 4.

ביודעים און בלא-יודעים | בעיוידים און בעלאַ-יוידים |

-- באוווּסטזיניקערהייט און נישט באוווּסטזיניקערהייט.

1953 " אזוי טוען עס אײַנד, ביודעים ובלא יודעים, אונדזערע נעאָ-גלות ראָמאַנטיקער ". לעא קעניג, גלות אין ישראל, גק, נ׳ 15, ז׳ 203. 563

1955 " איבּ די דאקומענטן, וואס זיינען צו אונדז [illegible] דערגאנגען, זיינען אפילו קאפירט פון עלטערע דאקומענטן, האבן די קאפיסטן געוויס אריינגעטראגן אהין, ביודעים און בלא-יודעים, שפּראכיקע עלעמענטן פון זייער צייט ". מוו, [illegible]יישפ XV - 1, ז׳ 16. 562

... " און ווי זיי האבן זיך ביטלעכווייז אליין ארויפגעארבעט און בלאָפֿן אונטער ביודעים ובלא-יודעים". שע, דער מ׳סטייק, סה, נ׳ 3, 1961, ז׳89 - I. 563/א

ב י ו אַ ל ע -- אַדי. < R: бывалый >. וואס האט א סך געזען און א סך איבערגעטראגן, מיט א סך נסיון, א געניטער ( מענטש ).

1870 " דער עולם האלט אָפּן מויל און אויערן און קוקט אים | דעם דערציילער | גלייך אין מויל אריין. אויף איין מאל רופט זיך אן איין ביוואַלע בויער | פויער? | : ׳עטאָ...זשע נאַש ריבקא׳". קמ, נ׳ 35, III - 263.

1948 " איך בין שוין דעמלט געווען א ביוואַלע סאלדאט". ה. פאליאַנקער, שמייע גאזלען, מאסקווע, ז׳ 58. 568

ב י ו אַ ל ע ץ -- דער, מצ ביוואַלצעס. א מענטש וואס איז אויסגעווען א וועלט, א בעל-נסיון.

אנ. 19טן י״ה | " מיין זיידע, דער צדיק, איז דאך א חכם, א ביוואַלעץ געווען, ער פלעגט תמיד צו זאגן: שטאָפּ׳זשע מיך נישט פאר די זינדיקע רייד ". גענאַרטע וועלט, סאַוועט. אויסג, 1940, ז׳ 61. 570

1863 " עס וואר אבער אונטער אונדזער געזעלעשאפט איין געוויסער מענטש |...|, וואס ער האט שוין איך זייעם לעבן געמאכט גרויסע רייזן און איז שוין אויסגעשטאנען איך זיינעם לעבן גרויסע סכנות און וואר איין רעכטער ביוואַלעץ". אמד, די דרייא לאנגע ווינטערנעכט, 571

32 -- בו

ביוואַק -- דער, =עס. פּפֿ ביוואַק. <Fr: bivouac <R: бивак. (מיליטער) צײַטווײַליקער פעלד-לאגער אונטערן פרײַען הימל.

1878 " צו זיינער אומגליק וואַר ער באלד אַנטדעקט פון איינעם |...| וואס האט זיך נאך געיאגט נאך א פערד וואס איז אנטלאפן פון זייער ביוואק ". אמד, קארטוכע, ווילנע, ז' 25. 575

1934 " זיי ווארפן זיך איבער מיט ווערטלעך, ווי זיי וואלטן געוועזן ערגעץ אויף א ביוואַק, אין א פעלד". ש. ברעגמאַן, אפּן מיזרעכ איז אומרויק, מאסקווע, ז' 106.

1947 " און שלאכטן פלאקערן, // און ס'שטורעמען אטאקעס// ביי טאג, ביי נאכט אן אפרו, // אן ביוואקעס". א. קושניראוו, גוו, דער ערשט, ז' 43. 574

ביוואַק -- דזוו ביוואַק.

ביוואַקירן -- אומוו. | סטוטש 111, 452 | אויפשלאָגן א לאגער, לעגערן.

ב י וו ע ן I -- אוטוו. < R: бывать. זײַן ערגעץ.

1898 " אײנער האט פֿאַרשמוצט זײַן נאָכבאַר, וואָס ער
583 האט בײַ אים געביװועט טאג און נאכט". א. מארגענשטערן,
עגל הזהב, ווארשע, ז' 12.

---

ב י וו ע ן ז יך -- אוטוו. גריבלען זיך(?)

.........................................

באַמ: ניט זיכער אין אויסטײַטש.

.........................................

1966 " ער איז געוועזן נישט קיין לעבנס-קינסטלער,
585 נאר א לעבנס שפּיאָן |...|. געשנאַפּט, אַלס ארומגעטאפּט,
זיך געביוועט אין זײַנע טיפֿענישן". נאד,
אונטער דער זון, ת"א, ז' 98.

ב י ו ט י - פ אַ ר ל אָ ר -- דער. ( אַמ ) שײנקײַט-
סאַלאָן.

1928 " זי האט געהאט א'ביוטי-פארלאר' אויף בראדוויי ".
קאַפּאַ קלעצקין II, ז' 28.

1962 " געוועזן איז דאס א גלאט שטיקל סחורה, אָפּגעפּאַקט,
592 אפּגעפּאַלירט, אַנגעקרײַזלט, ערשט פֿון ביוטי-פארלאר".
ר. סטאר, פּאר XI, 17.

ב י ו ל ע ט ' ן -- ------> בולעטין.

ב י ו ם ה ה ו א | באיום האהו | -- אַדוו פּר.
-----> בימים ההם.

ביום פקדי ופקדתי | בעיאָם פֿאָקדי אופֿאָקאָדעטי|

– פֿר. אדי (חומ) געלעגנהייט וועט קומען, סוועט (\\\)

598א/ אפגעצאלט ווערן. % איך וועל זיך מיט אייך שוין

אפרעכענען – ביום פקדי פקדתי!

1871 " האט אים אוועקגעלאזן פון זיך מיט איינע

598 'ביום פקדי ופקדתי', דאס הייסט דאס ער וועט אים

צוטרעפן צו איינער געלעגענערע צייט, ווייל אצונד

וואר ער צו גערעכט דאס ער זאל אים באשטראפן".

אמד, דיא ליבע אין וואלד, ווילנא, ז' 16.

ביוסט -- דער, =ן. <Fr: buste. 1. א סקולפּטור

פון אייבערשטן טייל פון א מענטשן ( ביזן ברוסט אדער

ביז די לענדן ).

... " דעם מאנומענט זאל מען אוועקשטעלן אויפן שול-

616 הויף, און אויפן שפיץ |...| זאל זיין אויסגעהאקט

דער ביוסט פונעם פארשטארבענעם ". שע, פון כתרילעווקע,

'כתרילעווקער פראגרעס', ז' 60.

1920 " אונטער פושקינס ביוסט שטעלט זיך אוועק אן

610 אינוואליד מיט איין פוס". סעג, פון רוסלאנד -

צעבראכענע זיילן, ווארשע, ז' 8.

1965 " אנטאָקאָלסקי האט געקראגן א פרעמיע פארן ביוסט

600 'איוואן דער גרויזאמער'". ח. לייקאוויטש,

ליטע II!, ז' 525. לב

2. ברוסט פון א פרוי.

1937 " אויף דער וואנט הענגט א פארגרעסערטע פאטאגראפיע

פון א יונגער פרוי מיט |...| א הויכן ביוסט".

ב. דעמבלין, 'וועסט סייד' און זאמלביכער II, ז' 28.

לב

1947 " די ווייבער |...| מיט אויסגעבעטע ביוסטן און
קישלעך פון הינטן ". טשענסטאכאווער יידן, 609
נ"י, ז' 40.

1962 " א יידענע מיט א טשאלנט-פנים און פעסטע קוגל-
אויגן, מיט א דרייפאכן גוידער און מיט אן אונטער-
געבעטן ביוסט". י. פערלאוו, פאר !!/4.

ביוסטהאַלטער -- דער, =ס. ברוסטהאַלטער,
סטאַניק, ליפטשיק.

1960 " זי פלעגט קיין מאל נישט טראגן קיין ביוסטהאלטער,
זי האט עס אויך נישט געדארפט, ווייל זי איז געווען 613
זייער דאר. י. קארנהענדלער, היימיש, אב -אלול.

ביוקר | בעיויקער | - אדוו. זייער טייער, קאסט
א סך.

... " וואלצייַג איז ביוקר, טאקי מיט גאלד גלייַך".
שע, סטעמפעניו. (ברושי)

0 ביוקר גדול | בעיויקער גאָדל | -- אדוו פר.
גאר הויך אין פרייז.

... " ווי טייער איז ביי אייך פלייש אין בויבעריק,
האַ? ביי אונדז אין אַוורימש איז פלייש ביוקר גדול ". 617
שע, זומער-לעבן, 'גלות דאטשע', ז' 68.

1726 " ובפרט הפייארונג בימי החורף |...| יותר ביוקר
אלז וואלין זיא איין חברה אויף ריכטן |...| אונ' בז 62
זיא וועלין פייארונג קאפין בימי הקיץ, ווען זאלכה
בזול איזט |...|". פנקס קהלת אה"ו, כרוז כ"ד
| ש. אסף, ייבל XXXIII, 1949, ז' 120|.

ב י ו ר אָ -- דאָס/די , =ען. <Fr: bureau 1. קאַנטאָר,
קאַנצעלאַריע, אַמטצימער.

... „איך וואלט אייך אריינפירן צו מיר אין ביוראָ,
אייך ווייזן א קאנטאר, מיט 'מענטשן'". שע, 620
אייזנבאן געשיכטעס.

1927 „ער איז אריין אין נייעם אויסגעהובלטן ביוראָ
|...|, אָן עלטערער אָרדינאַנס האט אים פארשטעלט 622
דעם וועג". ייז, שטאָל און אייזן, ז' 83.

2. אַנפירנדיקע אינסטאַנץ פון אַן ארגאניזאציע,אינסטיטוציע.
1970 „ער האט געשאפן דעם הילפס-קאמיטעט, און דאס
גאנצע ביוראָ איז אריינגעצויגן געווארן אין דער 619
אקציע". יעקב סאַנץ, ת"א, ז' 579.

1969 „די שפּע אין נעאָלאָגיזמען |...| קען מען זען פון
די סובסטאנטיוון אויף =ווארג:ביוראָווארג". 642
M. שעכטער, גק, נ' 66, ז' 243.

O ביוראָ-אַנגעשטעלטע. ביוראָ-אַרבעט. ביוראָ-טיש.
אינפאָרמיר-ביוראָ. צענטראַל-ביוראָ. פּאַליטביוראָ.

|| ביוראָווארג -- דאָס, בֿאַ.

ב י ו ר אָ ל י ס ט -- דער, =ן. ביוראָ=אַנגעשטעלטער,
באַאַמטער.

1928 „ס'איז א פאקט, אז מענטשן, וועלכע באַוועגן זיך
ווינציק, למשל, שרייבער, ביוראָליסטן, לערער אדגל, 645
ליידן על=פּי=רוב אויף עצירות". מ. פּעקעס, דער
וועג צו געזונדהייט, ווארשע, ז' 146.

ב י ו ר אָ ק ר אַ ט -- דער, =ן. (פֿעיאַ) א באַאַמטער
א פֿאַרמאַליסט אדער אזא וואס זאָרגט ניט אזוי פיל פאר
די מענטשן, וועלכע ער דארף באַדינען, ווי וועגן
זיינע פריווילעגיעס און זיין פרעסטיזש.

1931 " בלויז קליינקעפּלדיקע ביוראקראַטן פֿארשטייען
נישט און ווילן זיך ניט באַנוצן אין זייער ארבעט 646
מיט שאַרפֿן געווער פֿון זעלבסט=קריטיק". אי. סודארסקי,
דער היינט און דער מארגן פֿון די יידישע איבער-
וואנדער-פאנדן אין אוקראינע, קיעוו, ז' 35.

ב י ו ר אָ ק ר אַ ט י ז י ר ן -- טרוו. איינפירן
ביוראקראַטישע פירונגען, באַציונגען.

1926 "דאָך זענען אונדזערע ארגאניזאציעס נאך אלץ
געבויט לויט די אלטע פאך-פרינציפּן מיט בלויז א 649
כלומרשטדיקער מאדערנער סטרוקטור, וואס ביוראקראַטיזירט
די יוניאָן מאשינעריע". קאמפּס-יוניאָן פֿאר די
נאדל ארבעטער, פּראגראם, נ"י, ז' 92.

ב י ו ר אָ ק ר אַ ט י ז ם -- דער, באַ. נטיה צו
ווערן א ביוראקראַט, א פֿאַרמעלע, קאנצעלארישע
באַציונג מצד די באַאַמטע צו זייער ארבעט און פליכטן.

1928 " |...| נאטיצן איבער פֿארשיידענע אנגעווייטיקטע
דערשיינונגען, ווי ביוראקראַטיזם, פּראַטעקציאניזם, 651
אומווירטשאַפטלעכקייט אאַו". די גארבער און
בערשטער שטימע, נ' 2, מאסקווע, I/13.

ב י ו ר א ק ר א ט י ע -- די, בא. 1. דער קלאס באאמטע, באאמטנשאפט.

1951 " די צארישע ביוראקראטיע האט געצילט צו צעשטערן די קהלשע אויטאנאמיע". מ. ווישניצער, ליטע, ז' 79. 648

2. אן ארדענונג אין וועלכער דער קלאס באאמטע איז געווארן א הערשנדיקע שיכט.

... " די נאציאנאליסטן האבן אויסגעטראכט א ליגן, אז מיר ווערן פארפאלגט פונעם רוסישן פאלק! |...| - מיר ווערן פארפאלגט פון דער ביוראקראטיע". 657
שע, אין שטורם, ז' 25.

1947 " ביים ארויסבאקומען אויסלענדישע פעסער |...| האט געפאדערט אן א שיעור פאפירן און אנדערע קוויטלעך פון די צענדליקער קאנצעלאריעס, לויט דעם שטייגער פון דער פוילישער ביוראקראטיע". 653
טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 121.

3. דזוו ביוראקראטיזם % אין א סך אמטן הערשט א מוראדיקע ביוראקראטיע: דער מענטש איז געווארן ניט מער ווי א טעקע, א נומער.

ביוראַקראַטיש -- אדי. שייכדיק צו ביוראקראַ-
טיזם, ביוראקראַטיע,

1970 " הגם דער באריכט איז געשריבן אין א טאָן פון
ביוראקראַטישער זעלבסטצופרידנקייט, אנטהאַלט ער 660
געוויסע וויכטיקע פאַקטן. [illegible] סאַנץ, ח"א, ז' 757.

ביוראַקראַטעווען -- אומוו. פאַר געביוראַ-
קראַטעוועט. פירן זיך ביוראַקראַטיש, פאָרמאַליסטיש.

ביורע -- די, =ס. (פטמ) דזוו ביורא.

1923 " איך בין אין 'אוטשאָסטאָק' אריינגעקומען, //
א/664 אזוי האט מען א פראַטאָקאָל געמאכט// מען האט מיך
ביי דער האַנט אנגענומען// אין ביורע=שלעדסטווע
| טעקסט: שלעסטווע | אריינגעבראכט". פ. גראובארד,
געזאַנגען פון תהום, בײ אונז יודען, ווארשע,
ז' 26.

ביורעט -- דער, =ן. < F: burette
(כעמיע) א גלעזערן טריבל צו מעסטן פליסיקייטן | ספּוטש 218
מער געניצט אין פּקפּ ביורעטקע.

ביורקע -- די, =ס. < P: biurko. שרייבטיש(ל)
| קטוו |

ביוש | ביעש | -- דער, =ים. 1. פארשעמונג,
בזיון, שאַנד. % פילן ביוש.

1813 " זייך ביוש לאזט זיך שון נישט אפ מעקן ".
675 מס, משלי ו - 33.

1868 " ער איז אוועק דערנאך פון איר מיט חרפות
676 און ביושים". אמד, דיא כלה פון מאראקא, ווילנא.

1968 " א ביוש עפּעס, ווי אַן אָדלער, שוועבט אין קרײַזן".
673 ל. אַליצקי, פון גאלדענעם קרוג, ז' 154.

2.(עלט) א פסק-דין צו פארשעמען א פארזינדיקטן
ווי א שטראף פאר א באגאנגענער עבירה ( ווי שטעלן
אים אין קונע, הייסן אים זיך לייגן פאר דער שוועל
פון א בית-מדרש אז מען זאל אויף אים טרעטן, זיך
לאזן שפייען אין פנים ארגל). % האט דאס בית-דין מיט

די ראשי-הקהל ארויפגעלייגט אויף דעם אפיקורס א
ביוש".

77 שטעלן אין ביוש -- ברענגען שאנד אויף עמעצן,
גורם זיין אז עמעצער זאל זיך פארשעמען.

ם ביוש,
1. ←------

1688 " דר מצורע האט ביוש איין גנומן דז ער איז גפירט
גווארן אויז אלי דרייא מחנות". ר' יעקב בר' יצחק,
מליץ יושר, אמשט.

1717 " דען איז דען ( מת ) איין ( ביוש ) דן דער
( ארון ) צו קארעץ מער אונ' מוזט עס ווידר
ארויש טון ". ש. פראנקפורט, ספר החיים !!,
יא - 2.

ביותר | בעוויסער | -- אדוו. ( מח ) מער ווי אלץ.

1851 " זאגט | דער חתן | : מחותן לעב איך פאר שטיי
שון לאנג אז איר זענט |...| אפ גיקילט גווארן 678
פון דער אהבה איך פר שטיי היינט ביותר |...| אז עס
איז אוודאי ניט אום זוסט". מעשה |...| פון א ממזר
וויא ער האט מקדש השם גוועזן, ווארשא, ז' 8.

..."בין איך דיר מודיע, אז ביותר גייט דא אן שניט
סחורה". שע, סטעמפעניו.

1595 „ע.ש. ספרים כאלין נהגו בין ביזגר אן אין שרייבן,
שלא יבא מגמג ויבק דבר שאינו מתוקן". דיקדוק
קהלה רקולת.

ביז ! -- גענוצט אָפּט מיטן רעדוצירטן ארטיקל: ביז
דעם = ביזן. 1. פרעפ. אין אָרט באַטײַט: וויַיזט
דעם גרענעץ, דעם תחום פון א געוויסער טוּונג, באוועגונג
אע. % צופירן ביז דעם טויער.

1888 " |...| צווישן משונה הויכע בערג, וואס דערגרייכן

770070 ביז דעם וואָלקן". ממוס, קליאטשע.

... " א פייער האט אַראָפּגענידערט |...|, אנגעצונדן

686 די שטאט |...|, אויסגעלעקט ביזן אָפּגרונט". שע.

אלט-נייַ כתרילעווקע.

... " פון ירדן ביז וואלגע איז פאלג מיך א גאנג".

האַפּשטיין, פּונים, גראמאטיק, ז' 266.

2. פּרעפּ. אין צײַטבאַטײַט: ווײַזט דעם צייט-גרענעץ

פון א טוּונג, מצב אע.

1839 " |...| האט מיר איין שפייא אין פנים אריין

702 געטוהן און איז פאר שוואונדן געווארן ביז אויף

איינטיגן טאג". טויזענד אונד איין טאג, ווארשע.

1873 " ביז שפעט אין דער נאכט, זע איך, פירט מען חופות".

ק' 177560 ממוס, קליאטשע.

1947 " ביז אן ערך 1899 איז דאס יידישע געזעלשאפטלעכע

750 לעבן אין טשענסטאכאוו געווען זייער ארעם".

י. שאצקי, ילב טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 25.

3. פּרעפּ. אין מדרגה-באַטײַט: ווייזט די מדרגה וועלכע א

טוּונג אָדער דערגרייכט דעם גרענעץ, וועלכער איז דער רעזולטאט

פון א געוויסער טוּונג, מצב. % לאכן ביז טרערן.

1911 " נאקעט זיינען די פעלדער |...|, א פייער האט

ק' 1264220 אויסגעקוילעט, אויסגעברענט ביז איין גרעזעלע

דאָרט". ממוס, קליאטשע.

1955 " ביי דער לענג פון די וואַגאָנען שטייען אויס-

764 געשטעלט די דייטשע מערדער מיט שטעקנס אין די הענט

און ביים אריינלויפן אין וואגאן קריגט יעדער געשלאגן

ביז בלוט". י. גייטש, ילב בילגורייַ, ת"א, ז' 261.

1970 " די איגוואלידן און קריגס-אלמנות קענען זיך נישט

ארא̄פּלאָזן ביז צו אזא נידעריקער מדרגה. סאנץ, 699

ת"א, ז' 752.

4. ביז צווישן הויפּטזאַץ און בייזאַץ (ס'רוב צייטבייזאַץ).

% " מע גייט אזוי לאנג, ביז מע האט מער קיין כוחות

צו גיין ".

1834 " און זיי האבן זיך איך שטאט אזוי לאנג געזוימט,

ביז זיי האבן אלץ אויש גערוימט". מעשה גדולה 734

מן אומן, סודילקאוו.

1888 " עס טראָגט מיך אלץ העכער און העכער, ביז איך טאָפּ

אָן די ערד, ווו איך בין געלעגן". ממוס, קליאטשע. ק' 438870

1967 " האסטו געוואלט אריבערוואַרטן, ביז איך וועל

חתונה האבן". חג, טמז !!/ 17. 709

0 אדוו פֿר. קומט מיט א ריי אדוו אדער פּרעפּ,

קריגנדיק צוגאבלעך זייער באטייט: ביז אהער, ביז אהין,

ביז איבער, ביז איצט, ביז דעמלט אא.

1966 " אריינגעטעמען כ'וויל אלץ מער פון אלע יארן

ביז אהער". האל, מיין אחצא, מאסקווע, ז' 226. 680

1961 " ער האט נאך ביז איצט איינגעהיט אין זיך די

פּאוואַדקעס פון א סאָלדאט". ה. דאבין, סה, נ' 2, ז' 13. 756

1887 " גאט ברוך הוא |...| וועט אונדזער מזל אויפהייבן

פון דער ערד ביז אונטער דעם הימל". די מעשה 752

איז געשעהן אין די צייטן פון דם בעשט, לעמבערג.

... " זיי האבן אויסגערעכנט אלע חכמים וואס זיינען

ביי יידן געוועזן פון אדם הראשון ביז אצונד". 714

ממוס, מסעות, ז' 4.

ביז ווי לאנג וועט איר פארקויפן כלות מיט חתנים?

816 איר זענט דאך ערגער פון אזיאטן|...|" שע, דראמ. שריפטן, א דאקטאר.

... גאטעניו, עד מתי? ביז ווי לאנג נאך וועט דייך

317 פאלק ישראל זיין הפקר? לאס, די קינד, ז' 39.

ביז גאר — שטארק, זייער.

" יעדער הויז בא פענעקן איז ביז גאר פארשארפט". 1932

בערג, באם דניעפער I, אמסקווע, ז' 153.

" מיט מסירה ווארפן זיך אבער די אויגן |...|, 1964

פינקלען זיי אוועק ביז גאר און באהאלטן אויס משמעות

פייערדיקס". י. קאפלאן, שליאך און אומוועג, ת"א,

ז' 234.

ביז דאנען -- אדוו פר. ביז אהער, ניט ווייטער.

% ביז דאנען מעג מען פארן, ווייטער איז דער וועג

פארצאמט.

זוגאר 52

ביז וואנען -- 1. פראנ. ביז וועך? (ביז

ווי לאנג?)

1873 " ביז וואנען וועט מען אלץ חתונה מאכן יונגע

קינדער?" ממוס, קליאטשע. ק' 293580

2. פראנ. ביז וועלכן ארט? ווי ווייט? % ביז

וואנען קענסטו שווימען? ביז יענעם ברעג וועסטו

דערגיין?

3. בוו. איך א צייטבייזאץ.

1888 " איך וועל נאך ווארטן א ביסל, האב איך געטראכט,

ביז וואנען עס וועט רעכט טאג זיין ". ממוס,

קליאטשע. ק' 678490

1965 " ווייזט אויס, יאָטע מוז אליין איבערפּאַקן און
איבערמאַזלען, ביז וואַנען זי וועט געזונט ווערן ". 809
בש' סה, נ' 6.

ביז טאָג — אַדוו פּר. 1. ביזן פרימארגן. אויך: ביזן
ווייסן טאָג.

" עס איז איצט א זומערנאַכט, איך וועל דא איבערליגן
ביז טאָג". טפּ, גליקליכע און אומגליקליכע, ווילנע. 725

2. ( לאָקל, לשון פון דענעבאַרגער יאַטקעס ) ביז
דער העכסטער מדרגה. % פּיכט ביז טאָג ( געלט אָן 821
א שיעור ) | ט. זאַמעט, יישפ, XXVII - 1, ז' 24 |.

ביז לעצט -- ביזן סוף.

1941 " דער לאָמפּ איז |...| שמאָל-לאַנגן צימער איז
אַראָפּגעדרייט ביז לעצט. מע זעט קוים איינער דעם א/705
אנדערן ". ו. כוועס, פארבארגענע קויכעס,
מאַסקווע.

דער 'ביז' קומט אין א סך אויסדרוקן צו באַצייכענען
גאַנצקייט, אַלצקייט, דורכוויסיקייט: | ספּוטעט 32 |
פון אלף ביז תּוו, פון אנהייב ביזן סוף; פון אָדון
עולם ביז עלינו; פון טאַוול שבת טאַוול ( לייענען )
פון אויבן ביז אונטן; פון קאָפּ ביז די פיס; פון ברעג
צו ברעג; פון עד צו עגד; פון איין עק ביזן
אנדערן; פון האָר ביז גאָר; פון דן ביז באר-שבע.
ביז א האָר; ביזן ביין; ביזן האַלדז; ביזן ברעג;
ביז דער שפּענטע; ביזן פּויגן; ביז א נאָגל, ביז
א פּאָדעם ( צונעמען, אפּגעבן ), ביז איבער די אויערן;
זיין פאַרליבט, ווערן רויט, אַרייַנפאַלן אין א שלעכטן
עסק ).

ביז וואס=וועץ -- אדוו פר. גיך, איידער מע האט זיך ארומגעקוקט.

ביז צו נישט -- ביז גארנישט.

1930 " מ'קומט א יונג אראָפּ צו מאכן אונדזער גלויבן ביז צו נישט ". ש. דריז, ליכטיקע וואַר, קיעוו, ז' 125. 698

ביזן אויג -- איבערגעפילט ביזן ראַנד פון א כלי.

1961 " דער אלטער אייזערנער קאסטן איז געווען פיל ביזן אויג מיט גאלדענע דוקאטן ". ייִט, שמז, 19/VIII.

ביז צו דער קעשענע -- ר"ת ( שפּאַטיש ): בצד"ק.

א רמז אויף א קמצן וואס מיידט אויס צו געבן צדקה.

| יישפ XV - I, 1960 |. 977

ביזן ביין אריין -- דורך און דורך, ביז אין דער טיף.

1972 " טרייף איז ער דאך, דער תכשיט, ביזן ביין אריין ".

א. העפטערמאן, פאַר, VI/25. 971

ביזן גראען צאָפּ ( זיצן, פארזיצן ) - ביז צו ווערן אלט (וועגן א מיידל וואס האט לאנג ניט חתונה).

" אבער דאס מיידל וועט ביי אים בלייבן זיצן 1936 ביזן גראען צאָפּ, ער וועט איר ניט געבן קיין נדן".

ר. קארן, "ערד", אבג אנט, ז' 567. 973

בינדווארט אין א סך שוו און ווערטלעך, א שטייגער:

ביז עס קומט די נחמה גייט אויס די נשמה.

מען ווערט ניט פריער געניט, ביז מען האט זיך ניט אפגעבריט;

גאט וועט העלפן - ווי העלפט גאט, ביז גאט וועט העלפן?

ביז זיבעציק יאר לערנט מען שכל און מען שטארבט א נאר.

קיין מענטש גייט ניט פארלארן, ביז ס'ענדיקן זיך ניט זיינע יארן.

קיינער זאגט ניט אן, ביז מען גיט א שטאך.

ם ביז

.1

1799 " אונד ווען דער שטריק פון דר ( חכמה ) יעהר לאנג אונד אום גבוגין איזט אונד גיהט ביז אונטער דיא פינגר, דש וויייזט אויף קלוגהייט אונד פר שטענדיקייט". 751

מ. א. גאלינו, חכמת היד, פפא, ו - !! .

.2

... " עד מה - ביש ווינא, ל' עד מתי | רייכלין 8,

במדבר כד, כב |. 683

1610 " ביז דש יאר דען ניינטין, ביז חג הסוכות, פון ניינטין דז עז איז צייט איין קומן איר ורוכט". 728

סח - רשי, ויקרא כה,כב.

.4

... " זיי האבן זוך | זיך | אזו לרב | ליב | גיהאט ביז | ביז | זיי האבן נוט | נים | גיקענט זיין איינער אן דעם אנדרן ". סיפורי מעשיות פון ר' נחמן בראסלאווער, מעשה מבעל תפילה, ז' נד/ג ?[ . 730

ב י ז -- !! די | ? | <P: byjz (שוסטערי)

א שמאל שטיקל לעדער צווישן דער נאט אונטן ביי דער שטיוול - באליעווע | ש. ווינטער, צו דער טערמינ.

פון מלאכות, פש !! , 1930, ווילנע, ז' 418 |. 741

|ביזע שטעפּקע - א דין אריינגענייט קענטל אין

שטיוול. % צוגלעטן די 'ביזע שטעפּקע' פון שטיוול|קאַוו|. 1016

ב י ז אַ ה ע ר י ק -- אדי. פרי?ערדיק, פאַרדעמדיק,

ביזאיצטיק. % ביז אַהעריקע ידיעות, דאס ביזאהעריקע

לעבן.

1919 " קיין צד לייקנט ניט, אז די ביזאהעריקע באציונגען

זענען געווען אַנאָרמאַל ". זשיש X, נ"י, ז' 138. 901

1948 " |...| זיינע ביזהאהעריקע חלומות ". / שוואַרץ, (.l.i)

קענטאַקי, ז' 151.

ב י ז א י צ ט י ק -- אדי. פריערדיק, ביזאַהעריק.

1961 " איבערוועוועלטן א סך פון די ביזאיצטיקע אנגענומענע

ווערטן". י. מייטלים, די שבחים פון [...] ? 760

1973 " די אָקופּאַציע-מאכט האט באפוילן, אז די גאנצע

אָן אויסנאם באפעלקערונג |...| דארף פארלאזן זייערע 824

ביזאיצטיקע וווינונגען ביזן 5טן מערץ 1941 ".

רעד ד. שטאקפיש, ספר פשעטיק, ת"א, ז' 275.

ב י ז אַ ם I -- דער, בא. ( דטשמ? עלט? ) פפ ביזעם,

פּיזעם. שאַרפער שמעקעדיקער שטאָף, וואס ווערט

אויסגעשיידט דורך דעם ביזאַמהירש; מוסקוס, מאָשק, ( musk ),

1821 " די ווארן דיא איך זאנסט אויף מיין שיף פיהרע

זינד יובעל, ביזאם, קאמפפער, צינאבער אונד

אללערהאנד געווירצע, מאטעריאלן צור מעדיצין".

היסטאריע פאן דער ליעבע דעס פרינצען אויס דער

קינדער-אינזעל |...|, מיץ | מעץ?|, ז' 29.

ביזאַם II -- דער, =ס. פֿפֿ ביזעם / פּיזעם

| סטוטש 247 |. בעל-חי פון דער משפחה מאַרדערס.

.................................................................

באַמ: ניט זיעער אין אויסטייטש: אַלג, ענציקל.: V ,

ז' 398 גיט אן ביזאַממויז פאר א בעל-חי פון דער מארדער

משפחה. Fiber zibethicus זעלל. לויטן בילד זעט עס

אויס צו זיין דער בעל-חי. ( זען דאס זוכוואָרט ביזאַממויז! )

................................................................;;;

VIS — 1

malades. Tournée d'inspection d'une nature quelconque. Tournée des évêques dans leur diocèse : *visite pastorale*. Examen détaillé d'une nature quelconque : *faire la visite d'un navire*. V. CARTE.

**VISITER** (*zi-té*) v. a. (lat. *visitare*). Aller voir par civilité, devoir, curiosité ou charité : *visiter un ami, un malade, un musée*. Parcourir en examinant : *visiter une côte*.

**VISITEUR, EUSE** (*zi, euze*) n. Personne qui est en visite. Personne qui aime à faire des visites. Personne chargée d'une inspection : *visiteurs de la douane*.

**VISNAGE** (*vis-na-je*) ou **VISNAGUE** (*vis-na-ghe*) n. m. Le fenouil annuel.

**VISON** (*zon*) n. m. Putois d'Europe et d'Amérique, dont la fourrure est très estimée.

**VISON-VISU** (*zon, zu*) loc. adv. *Fam.* Vis-à-vis l'un de l'autre. (Peu us.)



Vison.

ביזאַמהירש -- דער, =ן. בעל-חי ( ווסנ

(moschus moschiferus, קלענער פון א געוויינלעכן הירש.

האט ניט קיין הערנער, לעבן דעם נאָפּל האט ער א מין

ביטל, וואס האט דעם שטאָף ביזאַם ( פּיזעם );

ווערט אויך גערופן רעהירש | סטוטש 247 | און

( דטשמ ) ביזאַמטיר.

1885 " מאָשוס אדער ביזאַמטיר. ער וווינט אין די שווארצע

וועלדער אין מיטל-אזיע. נאָענט ביי זיין נאָפּל האט

ער איין ביטל. דאַרין זאַמלט זיך איין שמעקנדע מאטעריע.

ווען מען פֿאַנגט אים שניידט מען אָפּ די ביטל און

מען טריקנט עס און דאפון איז דער ביזאַם ".

א. ג., דער פראַצעס, ווארשע, ז' 52.

**musk'-deer** *n.* (מאַסק'-דיער) א מאָשוס-הירש אדער ביזאַם-הירש [א קליינער זאָרט הירש אָהן הערנער, וועלכער האט אין זיינע געשלעכטס-אָרגאַנען א זעהר שמעקעדיגע פליסיגקייט וועלכע ווערט בעניצט אין פארפיום].



Musk-deer

ביזאַם=חזיר | כאַזער | -- דער, ~ים | כאַזיירים |,

פֿפֿ פּיזעם/חזיר, איין ווילדער חזיר אין אמעריקע,

וואס שיידט אויס א ריח ווי ביזאַם ( פּיזעם ). אבער

ער האט ניט קיין וויידל.

1862 " דער ביזאַם=חזיר זעט אויס ווי דער ווילדער

חזיר, אָבער ער האט ניט קיין וויידל. אין מיטן רוקן האט ער א שפּאַלט |...|, דרינען 962

איז א קליינער ביטל פול מיט זאפט וואס זי | ער |

שמעקט אזוי ווי פּיזעם |...|". א. מ. מאהר,

ראשית למודים, לעמבערג, ז' 27.

ביזאַממויז -- די, ≈מייז. פֿפֿ ביזעממויז;
גערופֿן אויך שפּיצמויז אדער שנויצמויז ( ווסנ
Sorex moschatus), נאַגער-בעל-חי, שיידט אויס אַ
שמעקעדיקע פליסיקייט, וואס ווערט גענוצט אין פּאַרפֿומען;
די פֿעל פֿון בעל-חי ווערט הויך געשעצט אין פֿוטערוואַרג.

0 ביזעם=פֿוטער -- דער, =ס. אויסגעארבעט פֿעל פֿון
ביזאממויז.

1895 " ער איז אין איין אלטן ביזעם-פֿוטער און זי אין אין
וואַטאָוועז יאַק ". ע. בלאשטיין, איין אלמנה פֿון
א לעבעדיגען מאן, ווילנע, ז' 20.

usk'rat *n.* (מאַסק'-רעט) די שנויץ־מויז [אַ קליין איירָאָפּעאיש חיה'לע, ענג־ליך צו אַ ראַץ אדער מויז, וואס ערנעהרט זיך מיט אינזעקטען. זי לאָזט פֿון זיך ארויס אַ מין אראָמאַטישע פֿליסיגקייט, וועלכע ווערט בענוצט אין פּאַרפֿיומען, און איהר פֿעלכעל האט אַ הויכען ווערטה אלס פֿוטער].



Muskrat

ביזאַן -- דער, =ען. ווילדער אָקס. עס זיינען
פֿאראן צוויי אַרטן: דער אמעריקאנער ביזאן (Bison
americanus) און דער איירָאָפּעיִשער ביזאן (Bison
europaeus)

1967 " מינאָס ביזאַן-פֿוטער האט זיך נישט געפּאַרט מיט מיין
אָפּגעבוימעלטן פֿאַלטאָ ". באַש, פֿאַר, V / 13. 832

ביזאַנטיש -- אדי. / פֿפֿ ביזאַנטיניש. שייכדיק צו ביזאַנץ.
% ביזאַנטישע אַרכיטעקטור.

1905" |...| קליידט אים פּלעווע אָן | ניקאָלאַיעוו | אין
די שווערע ביזאנטישע בגדי מלכות פֿון אלעקסיי 913
מיכאילאוויטש ". רעד ז. סיגאני און י. הקנאי,
קאמפֿף און קעמפֿער, פינפֿטע ליפֿערונג, ז' 72.

1973 " פֿון דער גייסטיקער געשיכטע פֿון איירָאָפּע דאַרף
מען דערמאנען דעם ביזאנטישן סטיל – א גרויסער 911
אָריגינעלער סטיל אין ארכיטעקטור ". מורג !!!,
ז' 64.

ביזאַר -- אַדי. אויסטערליש, ניט=געוויינטלעך.

1958 " די יידישע לייענער האבן דווקא הנאה געהאט פון
זיינע | א. לוצקים | לידער. זיי זענען שפּילעוודיק, 920
אנדערשדיק, טשיקאווע און ביזאַר". מוק, גק נ׳ 29, ז׳ 178.

ביזאַריע -- די. אויסטערלישקייט.

1936 " |...| אומבאַוווסטער כּורים-שפּיל-ערנסט |...|
האט געהאט דעם חן פון גראָטעסק און ביזאַריע". 919
?נ? נאַד, פּאַלעמיק, נ"י, ז׳ 180.

■ |ביזגע| ביזגה - (פּרעפּ) ביז צו.

1619 " זייא ווישן אז דיא קינדר שי׳ זייך מיט
גאטש הילף פריש אונ׳ גיזונט ביזגה הונדרט יארן".
פּב, ז׳ 33.

ביזגעבורטיק -- אַדי. ( שנש ) וואס
איז פאר דעם געבורט.

1935 " צווישן דער ביזגעבורטיקער סטאַדיע און נאָכגעבורטיקער
איז פאראן אן איבערגאנג ". מוו, דער וועג צו 777
אונדזער יוגנט, ווילנע, ז׳ 32.

ביזגעשיכטלעך -- אַדי. | סטוטש 75 | פאר-
היסטאריש, ביזהיסטאריש, % ביזגעשיכטלעכע צײַט.

ביזגראַדוירט -- דער, =ע. ( אמ ) וואס
האט נאך ניט פארענדיקט א קורס פון א הויכשול.

...194 " |...| שטודירן א גרופּע יידישע ביזגראדוירטע
( undergraduates )". ייבל XXVI, ז׳ 187. 780

1974 " ס׳ערשטע יאר אין אָטאגא-אוניווערסיטעט, ס׳ערשטע
יאר ווי א ביזגראדוירטער אין באַליאָל". ד. ה. ראסקעס, 479
איבז ד. מ. דייוויז, גק, נ׳ 82, ז׳ 127.

ב י ז ה י ס ט אָ ר י ש -- אדי. | סטוטש 75 | ~~פאדהד~~

פארהיסטאָריש, ביזגעשיכטלעך. % ביזהיסטאָרישע צייט.

ב י ז ה ע ר -- אדוו. רעדוצירטע פאָרמע פון ביז אַהער

( ----> ).

1931 " דווקא די דאָזיקע צוויי ספרימלעך האבן דעמאלט

ביי מיר אין מוח אָנגעארבעט מער גרימעניש ווי די 787

אלע ביזהער געלייענטע לשון-הקודשדיקע מליצה-ספרים".

ד. זילבערבוש, מענשען און געשעהענישען, ווין,

ז' 41.

ב י ז ה ע ר י ק -- ----> ביזאַהעריק.

ב י ז ו ו אָ נ ע ן -- ביז (וואַנען).

ב י ז ו ו י כ ט -- ----> בייזוויכט/בעזעוויכט.

ב י ז ו ו ע ל ט י ק ע ר -- אדי. ( שנשש ) וואס האט

א שייכות צו דער תקופה פארן קומען אויף דער וועלט,

פארן געבוירן.

1936/38 " מיר צעען זיך דעריבער צייטנווייז צוריק, אין

דעם ביזוועלטיקן מצב אריין |...|, צו דער 819

עקסיסטענץ אין דער מוטערס טראַכט ". מוי, איבן פרויד,

אריינפיר אין פסיכאאנאליז, העפט II, ז' 70.

ב י ז ו י | ביזע | -- דער. גרינגשעצונג, באציונג פון אומכבוד. % ביזוי מצווה. ביזוי התורה.

1918 " ...| ביזוי אוכלין, דהיינו אריבערנעמען דעם לעפל יויך איבערן ברויט |...| דאס ברויט צו באגיסן". 934
ססי I, ז' 47.

1935 " אדער ער וועט אייך גארנישט וועלן ענטפערן, אָדער ער וועט אנטפאלן מיט א ביזוי |...| און פאר א נויט נאך צוגעבן: 933
זשיד פארכאטי ". מ. אלטמאן, די ווינער קארעטע,
בוקארעשט, ז' 125.

1849 „און גייט אונזער פרנסה דורך אן איינגשאפט, מיט בזיון און ביזוי, מיט היתר און איסור". ספר שערי בזיון, הרב נ.נ. השולר, זשיטאמיר. 934a

0 ביזוי-בזיון | ביזע - בזאָיען | -- דעק מצ: בזויי- ז' 134.
בזיונות | ביזע-ביזיוינעס |. (מצ) גרויסער אומכבוד, שטארקע פארשעמונג.

... " נישט אומזיסט, האט ער געזאגט, ליידן מיר גלוה, ביזוי-בזיונות און אזעלכע מכות וואס שטייען נישט אין דער תוכחה ". פרץ, וואס הייסט נשמה. (ברושי)

... " ער האט באנומען, אז דאס וואס ער טוט איצט איז |...| ביזוי-בזיון ". באש, די פאמיליע מושקאט, ז' 593. (ברושי)

ב י ז ו ן -- דער, =עס. <P: bizun. (אַלט)
1. ביימשל, קאנטשיק. 2. א שמיץ פון דעם ביזון.
1877 " יעדער מאגנאט פלעגט לאזן אויפצוליערן א יידל פון דעם צד שכנגדו און פלעגט אים אריינשמיצן צוויי-דריי הונדערט ביזונעס אדער גאר איינשפארן אין שווינארנע אויף עטלעכע וואכן ". אמד, דיא שבעים מאלאכים, ווילנא. 937

ב י ז י -- אדוו. (אמ) פארנומען, באשעפטיקט.
% זייך ביזי ביי עפעס.

1895 " אין דער קאלטער וועלט ווער וועט פון דיר דענקען?

945 צו **ביזי** איז דער רײַכער הער!", ד. עדעלשטאט,

פאלקס-געדיכטע, נ"י, ז׳ 31.

1928 " די מויד איז ווילד, רוט ניט ווי דער סמבטיון!

943 |...| גיי האב טענות, אז מענטשן זיינען ׳**ביזי**׳!".

אפא, קלעצקין II, ז׳ 70.

1974 " כאפט זיך אויף דאס געזעץ, דער ׳שעריף׳

941 ווערט ׳ביזי׳". ל. פּ. מלאך, דרום אפריקע,

נ׳ 4, ז׳ 50.

**ביזי ביזי קלאקס** -- ( אמ ) שטארק פארנומען מיט

ארבעט. **ביזי ווי א קאקארויטש** | סטוטש | 433

**ב י ז י א ז י ק** -- דער. ( סל ) שטומער |?|,

שטאַמלער |?|.

1870 " די רביצן: מײַן שווער הארץ אויף דייך קאפ און

953 אויף דיינע הענט און פיס; פֿארשיווע **ביזיאזיק**!".

קמ, נ׳ 25, I - 183.

| ביזכ(ע)רווייז | **ב י ז כ ר וו יי ש** -- אדוו.

ביסלעכווײַז.

1717 " אונ׳ דיא ערשטי זיבן טעג איז דער שווערט פון

951 ( מלאך המות ) קעגין זיא | די קרובים פון מת |

אוף גיריכט אין דיא היך, אונ׳ זאקט **ביזכר ווייש**

ארונטער". ש. פראנקפורט, ספר החיים II, מב - 2.

ב י ז ל I פרעפ. (פֿממ) דזוו ביז I

1886 " א גרויסער גביר, ניט אפצושאצן,/ איז זיך געזעסן
איין פּאַלאַצן, / האט גוט געטרונקען, גוט געגעסן,/ 955
אין רייכקייט ביזל האלדז געזעסן ". ש. קאצענעלענבאגען,
יוד. מעלאד., ווילנע. ציט אין יישפ XV, 3-, 1955,
ז' 80.

1963 ... " באנעמסט ניט דעם חילוק פון דיר ביזל יענע,/
וואס לעבן זיך אונטער די בערגלעך די רוימע". 957
סוצ, פוו I, ת"א, 1963, 6,3 ז' 503.

O ביזל וואנען -- בוו. ביז דער צייט ווען.

1915 " געשלאגן אזוי פיל דעם טאטן, ביזל וואנען ער
האט דעם קאפּטן צעריסן". מ. שלובסקי, אין דער 958
היים, נ"י, ז' 22.

ב י ז ל II -- אדוו. (א) ביסל.

1752" ווען מען ברנד וויין וויל טרינקן איבר טיש
דארף מן קיין ברכה צו מאכן נייארט מען מוז צום 960
ערשטן אייך ביזל ברוט אייך טונקן איז מן יוצא".
עח, כח - 2.

ב י ז מ ע ס ע ר -- דאס, =ס. (שוסטערפאַך) א מעסער
אויסצושניידן די ביז (---> ביז II) | ש. ווינטער, 964
צו דער טערמינ. פון מלאכות, פש II, ווילנע,
1930, ז' 418 .

ב י ז ן I -- דזוו ביז דעם.

ב י ז ן II -- ( פלש ) זיבן.

ב י ז ן III -- אדי. ביזענע-ר. < Fr: bisonne [?]
פון ביז ( מין טעקסטיל ) | ? |.

1929 " האט זי ארויפגעכאפט איר ביזענעם זשאקעט".
זש, שקלאווער יידן, וואלגער ז' 93. 978

.......................................

באמ: אפשר פון ביאז?

.......................................

ב י ז ן IV -- אוטוו. טאָן בייז, שלעכטס.

1752 " און' ניט אלייכט דאז איך האב געביזט אזוא האב
איך נאך אנדרי לייט אויך דאר צו איין גפירט ביזי 3139
וועג נאך צו גיאן ". עה, עד - 3.

.......................................

באמ: ניט זיכער אין אויסטייטש.

.......................................

ב י ז נ ע ס -- די, מצ דן, < E: business ~~דרשאר~~
1. באשעפטיקונג אין האנדל אדער אינדוסטריע.
% זיין אין ביזנעס. ביזנעס איז ביזנעס
| פרגל: האנדלשאפט איז ניט קיין ברודערשאפט |.

... " זיי | די יידן | זענען אביסל צו להוט נאך די
ביזנעס |...|. זיי ווארפן זיך ארויף אויפן 1002
אמעריקאנער לעבן מיט איין אונגעהייערער זשעדנעקייט".
שע, בלאנדזענדע שטערן II.

1928 " אמעריקע איז א מדינה! דא קאן יעדער זיך ארויפ -
ארבעטן, מען דארף נאר האבן א חוש פאר ביזנעס ". 934
אפא, ~~קלעצקין~~ III, ז' 54.

1960 " די שטארקייט, די גאנצע איינגעשפארטקייט זיינע [פון אנקל מאָזעס] גייט אוועק ביי אים אויף ביזנעס". שנ, שלום אש, נ"י, ז' 122.

2. אונטערנעמונג, געשעפט, עסק. % פירן (עפענען, האלטן) א ביזנעס. צוריקציען זיך פון ביזנעס.

1928 " אבי מ'זאל קומען קויפן און די ביזנעס זאלן זיך איינשטעלן". נאד, גוו איין זעקס ביכער, נ"י, 959

1930 " פון אלע ביזנעס, וואס זלמן האט אונטערגענומען פאר די עטלעכע יאר |...|, האט זיך אויסגעלאזן א טייך". 984

אר [X], נ"י, ז' 55, דערצ' ערשטע רייהע.

3. ענין, עסק. % נישט מישן זיך אין פרעמדע ביזנעס.

ב י ז נ ע ס מ אַ ן -- דער, מצ ביזנעסלייט.
געשעפטסמאַן.

1928 " אויב איר זייט טאקע א ביזנעסמאַן, האב איך פאר
אייך א גאָלדן געשעפט ". אַפּאַ, [illegible] III, ז' 54. 1005

1964 " מען פלעגט באהויפטן, אז גאר א 10 ביזנעסלייט,
גרויסע און קליינע, פלעגן אזוי 'אונטערפּאַנפּען' 1004
און אפנארן די פעדעראלע רעגירונג " ס. גרין,
פּאַר, V/27.

< E: businessman

ב י ז נ ע ס מ ע ס י ק -- אדי/אדוו. | טטוטש 484 |
ווי עס פירט זיך אין ביזנעס, אין געשעפטן. 1010

?נ? ב י ז ע -- די, =ס. (אמ) געשעפטס-סעזאָן אין ברען.

0 ביזעצייט -- די, בא.

1895 " דא איז גלאט נישא קיין צייט צו קרענקען, ניט
אין ביזעצייט, ווען מען דארף זיך כוואטעווען קעגן 1024
די מאשינעס, און ניט אין סלעקצייט, ווען מע לויפט
ארום זוכנדיק א 'דזשאָב'". דער אמח נ' 8, באָסטאָן,
I - 64.

ב י ז ע ם -- <---- ביזאַם I, II.

ב י ז ע מ ב ו י ם -- דער, מצ ביזעמביימער.
אַבעלמאָסק. ( ווסב (L: Hibiscus abelmoschus

1015 ב י ז ע =ש ט ע פּ ק ע -- די, =ס. (שוסטעריי)

" א דין אריינגעגנייט קענטל אין שטיוול", |קטוו|.

% " מען דארף אפּפּיגעווען | צוגלעטן | די ביזע

1016 שטעפּקע". | קטוו |.

ב י ז ק ל -- פּרעפּ/בוו. פּטמ. דזוו ביז I.

פּל " פון קליין ביזקל גרויס/ דארף מען טאנצן

1023 מיט דער כלה".

1935 " פון זונטיק ביזקל פרייטיק האט מען געפֿדיונט

1039 ביי ארעמע קלייטלעך און שטעלן ". י. טראכטענבערג,

אויף בסאראבער ערד, סיגעט, ז' 47.

1957 " פון דארטן ביזקל דערפל, ווו פֿאראסקא וווינט,

איז ממש מיט דער האנט צו דערלאנגען ". ברוס,

די שטילע ערד, ז' 67.

... " גוט איז אונדז איצטער ביים פריילעכן פייער אין

1030 / ביזקל דער נאפט אין שטילינקן לעמפל גייט אויס".

מאנ, נאענטע געשטאלטן, (ווילנע, 1938,) ז' 428.

ב י ז ק ן -- (ארכ) דזוו ביז II.

ם ביז קען.

1625 " אונ' אזו רעט גוט ביז קען וויא לנג ( פּתאים )

1055 דיא נריך דיא זיך לאזן איבר רידן |...| ".

סהמ I, משלי א - כב.

1723 " מן ווארט ~~ביז קעט~~ ביז קען מן ברכו זאגט איך אי

1056 מן והוא רחום אן ביבט זאגט מן לדוד ברוך |...| ".

ספר מנהגים ב/א, אמשט.

1785 " בישקן וואגן וועשטו אין דייני זאכן שלומן:

1054 נויא זאל דייך הארץ אין דיר ניט ברומן ".

וויכוח יצר טוב עם בן אדם, שקלאוו.

<Fr: bijouterie

ב י ז ש ו ט ע ר י ע -- די, <u>בא.</u> צירונג.

"1963 |...| האבן זיי געטראגן צו עטלעכע שנירלעך גרויסע קרעלן, און די הענט באהאנגען מיט <u>ביזשוטעריע</u>". 1062

<u>ה. בורקא</u>, <u>טמז</u>, <u>III</u>/10.

1970 " פון אנהייב האט זיך געדאכט, אז מען וועט קענען מיט אים אויסקומען דורך באשיטן אים מיט מתנות, 1060

קודם כל מיט גאלד, <u>ביזשוטעריע</u> ". <u>לאה סאנץ</u>, ת"א, ז' 826.

ב י ז ש ו ל י ק -- <u>אדי.</u> ( ביז +שול+ יק, קאַלקע פון רוסיש: (дошкольный) וואס איז פאַר(פריער) דער שול ( פאַלקשול).

1919 " די <u>ביז=שוליקע</u> עלטער איז דער ערשטער וויכטיקסטער שטאַפּל פאר דער אויסבילדונג פון דעם עצם מענטשן. 1066

אפילו די פעדאגאגן פון די אמאַליקע ציַיטן (האָבן אנערקענט) אויף דער אומגעהייער באדייטונג, וואס די <u>ביז=שוליקע</u> ערציִונג האט פאר דעם מענטשלעכן לעבן ". (לשון) <u>פאלקס-בילדונג</u>, נ' 1, ווילנע, ז' 5.

ב' י ז ש י ב אַ ב ק -- דער, =עס. ( <u>לאַקל</u>, מלאַווע, פּוילן ).

" מין זשוק וואס ביים פליען גיט ער ארויס די קלאנגען ביזש-ביזש" | <u>קטוו</u> |. 1067

ב י ח ד | בעיאַכאַד | -- <u>אדוו.</u> צוזאמען, אין איינעם מיט...

1920 " דאס הויז <u>ביחד</u> מיט זיין יחוסדיקער געשיכטע איז פארקויפט געווארן ". <u>ימ.</u> 1067/א

1595 " אוב ראשים אליין אודר רו"ט ביחד דערפֿטן איין מוסכּם צו מכין |...| דא זאלין זיא ניט איר הסכמה אודר איר דעה ע"י שמש אנטביטן |...| ". קראקאווער קהלה תקנות. ב/1067

1774 " דר אלמכט גט זאל אונז ביחד אלזו לאזין קונטי־נואירין ביז איביג ". יוסף מארשן, חנוך לנער, פיורדא, יב – II | ? |. ג/1067

ב י ה ו ד -- ---→ בייחוד.

ב י ה י ד ו ת | בעיעכידעס | -- אדוו. אליין, איך אליינקייט, אָפּגעזונדערט.

1897 " ער האט זיך שוין יאָקאָס אָפּגעפּאָרעט מיט זיין קבלת־שבת ביחידות ". לינעצקי, בים טויט, ניט לעבעדיג, ווילנע, ז' 76. 1077

1924 " דו זיצט נעבן ים ביחידות ". ל. ניידוס, ליטווישע אראבעסקן, ווארשע, ז' 202. 1079

1972 " פון זיבצן יארן לאנג איך קלויז ביחידות האט דער ווערזשבעלאָווער זיך צוגעוווינט רעדן צו זיך אליין מיט די הענט " חג, פֿאַר, VIII/13. 1073

דאַווענען ביחידות -- דאַווענען פאר זיך, אָן א מנין.

"... געדאַווענט האט ער ביחידות, איינער אליין". שע, פונם יאריד II, ז' 175. 1074

... " האב איך מיר מתיר געווען צו דאַווענען ביחידות און עס דווקא געמאכט בקיצור |...|". ממוס, אין אַשטורעם צייט, ז' 15. א/1074

ב י ט I -- דער/די, =ן. געניצט ס'רוב אין פּקפּ
ביטל, מצ =ער. <D: Bütte, א גרויסע שטוביקע כלי
פון האָלץ, א טשאַן, א שעפּל זיך צום וואַשן, באָדן
און אויך פאר אנדערע צוועקן.

1884 " חוץ דער מקוה זענען נאך ביי אונדז דא וואַנעס
1167 ( ביטלעך ), ווו עס זעצן זיך אין איין וואַנע ניט
ווינציקער ווי 4 ווייבער". ייפּאל, נ' 36, ז' 572.

... " |...| ווי ארייננצוקריכן מיט א פּום אין יענעמס
1176 ביטל, איינטונקען דארט דאס פארשמאָלצענע פארטשיילכען
און רייבן דער מיט דאס לייב ". ממוס, דאס קליינע
מענשעלע, נ"י,.

..." ווייבער, מיידלעך זיצן און פליקן אָפּ עופות
א/1203 איבער גרויסע ביטן ". ממוס, דיא טאקסע, ז' 71
|?|, 81 |?|.

" גיסט אריין וואסער אינעם הילצערנעם ביטל". 1973
1136 אליצקי, וואליבער יידן, ת"ל, ז' 57.

2. א גרויסער טשאַן געניצט אין גארבעריי און ברויערייַ*.

1870 " ער האט זיך ערשט געפּאַרעט ארום א ביט מיט מאַלץ,
ביז א רייף איז געשרונגען און האט אים שיער בלינד
געמאכט". קמ, נ' 49, ז' 366.

1932 " ערשט ניט לאנג צוריק איז ער געשטאנען אין
זאַלנע און געשלעפּט אנגעווייקטע פעל פון די ביטן".
א. קאהאן, אינזשענערן, קיעוו, ז' 12.

0 ביטל-מאַכערין -- בעדערין, טוקערקע.

נעמען א ביטל - אויסבאָדן זיך.

אויסגיסן דאס ביטל -- ארויפוואַרפן, אָפּוועגדן פון
זיך שולד אויף עמעצן אנדערש.

ם ביטין .

1767 " עטן א.כלי גדול.ביטין |...| צובר. שווב .

|| |ביטכען| בטכין - פקפ פון ביט. א כלי פון האָלץ, א
דאַ:מעלקש Gl. < Ahd : butina <Mhd : büt(t)e

... " עטינְיו - י"א, זין בטכין, כלי מכנס החלב".
רייכלין 8, איוב כא, 24.

ב י ט II | דער? די? | =ן. ( עלט ) בקשה, ביטע.

1901 " עס העלפט ניט קיין ביט און געבעט". ב. אלפס,
מעשה אלפס II , ז, 95, ווילנא. 1001

..." צוויי יידן האבן דערלאנגט א ביט מע זאל שיצן זייער
האנדלסרעכט". נש איבן שד, ב 8. 1081

ם ביט .

1696 " דער צדיק הק"בה דען בערג ער שווירצט איבר
ישראל |...| אז איין ביט אונ' אז אום האנג ". | 1088
| סידור | תפלה למשה, דעסוי, קנח - 1.

1734 " מיין ביט אונ' בגער, צו גריסן מיינט וועגן
אייער עלטרן זער אן זיא זעלבשטן צו שרייבן קאן 1085
ניט גבירן ". מארשן, לשון זהר, אמסטרדם, ז' 9.

ב י ט אַ ב ג -- דער, =עס. ( לאָקל, מונקאטש, הונגערן)
לאָבוז, שייגעץ.

1955 " אויב איך וועל גרינדן א 'טריאטער' פון די
מונקאטשער ' ביטאַנגעס' און ' לינגארעס', וועט 1115
דאס זיין א שטער צו זייערע פרנסות". ש. האַרענדארף,
טעאטער-קאראוואנען, לאָנדאָן.

1958 " די מיטגלידער פון דעם מונקאַטשער יידיש קאָמוני-

1116 סטישן קלוב זענען באַשטאַנען פון שטאָטישע 'ביטאַנגעס'

( לאָבוזעס ) און מה-יעשהניקעס ". ש. דאַרפֿזאָן,

אַמעריקאַנער, IX/12.

ב י ט ו ל | ביטל | -- דער, בא. 1. גרינגשעצונג,

פֿאַראַכטונג. % ריידן מיט ביטול. ארויסווייזן

ביטול צו עמעצן/ עפּעס. ביטול=וואָרט. ביטול=

נאָמען.

1868 " פסוק לערנען אוודאי ניט אזעלכע לייט ווי מיר

1137 זיינען |...|, ווייל דאס איז א ביטל צום לערנען".

אמד, דיא ליידיגע ווינצונגען, ווילנא, ז'40.

1922 " די שול דאַרף אויסוואָרצלען |...| דעם ביטול

1127 און די פסיכאָלאָגישע אָפּנייגונג פון פיזישער אַרבעט".

ימ, איינהייטלעכע פֿאָלקשול,

1973 " האָט געקרומט די נאָז די פּאָפּוגאַי / און מיט א

1134 ביטול ארויסגעלאָזט א קריי". י. גאָלדקאָרן,

פֿאָר, I/21.

2. ( ארכ ) אומטעטיקייט, ליידיק-גייעריי, בטלָנות.

1810 " ובשעת הלימוד |...| זאָל קיינר קיין ביטול מאכין

1138 הן בדיבור הן במעשה, בקנס חצי שילונג כל פעם ".

תקנות דחברה קדישה גמילות חסדים דק"ק אשכנזים

האללאנד, באמשטרדם, דף ג/2.

1896 " אזוי איז ער דאך טאקע, אן עין-הרע, א לייט

1135 |...|, נאָר א ביסל פארקראָכן אן א זייט |...| גאר

פֿראָסט פון ביטול, פון ארומגיין טאג און האַבט לויז

ליידיק". ח. גילדענבלאַסט, דער טעות, ווילנא, ז'17.

ם ביטול,

--------> 2.

..." יִשְׁבּתוּ – וור שטורנט, כמ' משבית מלחמות ( תה'מו, י)
ל: ביטול ". רייכלין 8, ירמיה לא, לה. 1133

ב י ט ו ל - א ב ר י ם | ביטל-אייוואָרים | -- דער.
געליימטקייט, פּאַראַליזירטקייט.

..." פון פּחד איז די אישה פאַרשלאָפט געוואָרן און
געבליבן מיט ביטל-אברים". באש. א/1139

1958 " כ'בין שוין נישט ברוך ראַכעווער, נאָר אַזן,
גאָרנישט, ביטול=אברים". באש, גש' גק, נ' 31, ז' 94.

ב י ט ו ל ד י ק | ביטלדיק | -- אדי/אדוו. גרינגשע-
צנדיק, פּאַראַכטיק. האָט! ער ביטלדיק | אדוו |
א מאַך געטאָן מיט דער האַנט". ברושי

" מייער כּאַלד מיט זיין ביטולדיקער באַציִונג צום 1927
טעקסט האָט געבראַכן דעם שטרענגן אויטאָריטעט און
די אומבאַשרענקטע אויבערמאכט פון דער ליטעראַטור
איך טעאַטער". א. מוקדוני, טעאַטער און אידיש טעאַטער, נ"י,
ז' 19.

1933 " דאס מיידל האט ביטולדיק א קוק געטאן אויפן
ניט=געבעטענעם גאַסט". אווראם קאהאן, 'ארנ ליבערמאן'
גש' פאַרמעסט, נ' 12, ז' 68. 1178

1951 " ער האט געשריבן לידער אויף רוסיש און אויף
יידיש, דאס זיינען געווען גלאַטע, קלינגענדיקע פערזן, 1151
אבער ער האט אליין אויף זיי ביטולדיק | אדוו |
אַרויפגעשמייכלט ". א. קאצענעלנבאגן, ליטע I
גק
- ב - I, נ"י, ז' 1231.

ב י ט ו ל - ה י ש | ביטל-האיעש | -- דער. ( תח )

דאס פארבייגען פון מאטעריעלע ווערטן, דאס נעגירן אלץ וואס איז פיזיש, דאס דערווייטערן זיך פון ערדישע אינטערעסן.

1919 " אזא ביטל - היש פאררינט אפשר דעם גרעסטן

1142/א רעספעקט ". ושיט X , ז׳ 138.

1957 " באמת זיינען די דערמאנטע מידות געווען נאר

1143 דער אויסערלעכער אויסדרוק פון חסידות. אינעווייניק האט מען איבערהויפט געארבעט אויף ביטול-היש.

ה. ציישלין, ארייגפיר אין חסידות און דער וועג פון חב"ד, נ׳, ז׳ 78

1967 " דער יידישער פאטאס |...| האט אין גלות געקראגן,

1142 חוץ דער פאזיטיווער פארעם, אויך א נעגאטיווע: דעם ביטול-היש". י. קשת, גק, נ׳60, ז׳ 39.

שפאסיקע פאראדיע: באטל-הי"ש [האיאש, פון י"ש = יין שרף;]

ברושי % דער רבי האלט פון ביטול-היש און די חסידים פון באטל-הי"ש.

||דיק= -- אדי. נעגירנדיק, צונישטמאכנדיק דאס ערדישקייט, די מאטעריעלע ווערטן.

... " אזא וווּנדערלעכע ביטול-הישדיקע ליבשאפט ווי

ברושי די מינוט פון זיווג צווישן א מאן מיט א פרוי".

ייט, ליכט אין די טיפעניש.

||ניק= - דער, =עס. דער וואס נעגירט מאטעריעלע ווערטן, דערווייטערט זיך פון ערדישע אינטערעסן.

% "אט דער בטלן איז דאך סתם א ביטול-הישניק".

|י. קאפלאן, קטוור.|

ב י ט ו ל - ח מ ץ | ביטל-כאמעץ | -- דער. דאס מבטל-זיין ניט געזעענעם, פארהוילענעם חמץ דורך זאגן ערב-פסח " כל-חמירא". % ביטל-חמץ דארף זיין צוויי מאל: אין אוונט באלד נאך בדיקת-חמץ און אין דער פרי נאכן פארברענען דעם חמץ.

ב י ט ו ל - מ ל א כ ה | ביטל-מלאכע | -- דער.
דאס שטערן דעם גאנג פון דער ארבעט, דאס איבעררייסן
אן ארבעט. % צום רב האט ער מיטגענומען, ווי א
ברושי לעבעדיקן עדות, אויך זיין שכן דעם שניידער און
אים באצאָלט פאר ביטל-מלאכה.

1954 " ער לייגט פאָר, אז רבנים זאלן אויף א באשטימטן
א/1143 טאג גוזר-תענית זיין און אז דער טאג פון תענית
זאל באגלייט ווערן אויך פון ביטול-מלאכה".
גרינ, בלעטלעך פון א טאג-בוך, נ"י, ז' 158.

ב י ט ו ל - ת ו ר ה | ביטל-טוירע | -- דער. דאס
שטערן, איבעררייסן עמעצן צו לערנען תורה.

1890 " דער עושר שיקט א מאל רופן זיין ברודער דעם
1148 למדן און זאגט אים: |...| איך וועל דיך און דיין
ווייב |...| שפייזן |...| גאר באופן זה, אז די
זאלסט מיר זיין איין יועץ |...|. דער ברודער האט
זיך בשעת מעשה ניט גיט באטראכט, אז עס קאן ארויסקומען
דערפון איין ביטול-תורה". איין וויינדערליכע מעשה
פון דעם הייליגען בעל התוספות הר"ר שמשון זצ"ל,
לעמבערג, ז' 3.

... " דאס האט אים, חלילה, צו ביטול-תורה ניט געבראכט.
פרץ, מסירות-נפש.

1957 " דער עיקר אין חסידות איז מקיים צו זיין דעם
1149 ' וצדיק באמונתו יחיה', עס הייסט: אמונה אן שום
חקירה, און דא קומט גאָר דער בעל-התניא און פירט
איין חקירה, וועט עס נישט פירן צו ביטול-תורה?".
ה. צייטלין, אריינפיר אין חסידות און דער וועג פון
חב"ד, נ"י, ז' 170.

ם
1625 " ( ובתורתו ) אונ׳ איך זיינר אייגני תורה (יהגה)
טוט ער טרכטן אונ׳ גידענקן טאג אונ׳ נכט דען 1150/א
דאש זיצן פון דיא ( ליצנים ) ברענגט איך צו ביטול
תורה". סהמ, תהילים א - ב , לובלין.

1709 " וויא זאל איך פר טראגן די זינד פון ביטל תורה
|...|". ׳ קינות׳ עם פירוש לשון אשכנז, פראג, 1150
תס"ט, דף יט/ 1.

ב י ט ו ם -- דער, =ען ( גענוצט ס׳רוב אין מצ ).
אלגעמיינער נאמען פאר א צאל פעסטע און ווייכע
שטאפן פון א קאמפליצירן כעמישן צוזאמענשטעל, וואס
בלייבן ווי אפזעצונגען ביים דיסטילירן מינעראל-אייל.

1920 " אספאלט, ביטומען, ערדפעך, א שווארצער מינעראל,
וואס ווערט גענוצט אין פלאסטערן גאסן, אדגל". 1156
ס. פיינסטאון, כעמיע | כעמ. ווב | , נ"י, ז׳ 253.

1967 " מע לייגט אים, דעם שליאך, א לאטקעלע פון
ביטום, מע באשיט אים מיט דריבנע שטיינדעלעך, די 1152
היץ און די קעלט זאלן אים ניט שלאגן אין קאפ ארייך".
א. גובניצקי, צו די קארפאטן, סה, נ׳ 8, ז׳ 116.

||=יניש -- אדי. פון ביטומען. % ביטומינישע קוילן.

ב י ט ח ו ן -- ------> בטחון.

ב י ט י ו ג -- דער, =ן. ( רוס ) לאטספערד.

1933 " לאטספערד ( ביטיוגן ) און אזעלכע פערד, וואס
פירן אריבער זייער א סך משאות, דארף מען געבן: 1157
האבער, היי, שטרוי, |...| ". מ. שאפירא, איבז
מ. נ. פיווינסקי, פאר א געזונטן פערד, כארקאוו-קיעוו,
ז׳ 31.

■ ב י ט ל -- וואַך, שמירה.

1610 " |...| איין מאן מצרי דר וואז גיזעצט אויף בּיטל ישראל אונ׳ ער מאכט זיא אויף שטין אז דער האן קרעאיט צו אירר ערבייט ". טח, שמות ב, יא. 1168

1716 " ( ויצו ) אונ׳ ער גביטט ( יהושע ) דיא בּיטל פון פאלק צו זאגן נאך דעם אז נון אויז וואר דז ( אבילות ) פון משה ". סהמון יהושע, א׳. 1173

ב י ט ל ע -- די, =ן. (דיאל) בוטל, גרויסע פלאַש.

1895 " אויף דעם טיש איז געשטאַנען א גרויסע בּיטלע בראַנפן ". אנאַנים... אמעריקאנישע גליקן, וואַרשע, ז׳ 59. 1182

■ | ביטלער | בּ י ט ל ר -- דער. וועכטער, שומר.

1711 " אונ׳ דיא זיבנציג זקנים זיין גיוועזן שוטרים כלומר בּיטלר איבר ישראל בייא דער ערבט פון ציגלן אין מצרים". צור, משפטים, אמשט, עג - III. 1184

1764 " אונ׳ זי ענטפערט די מאַנן פון אדם צו ( ענני הכהן ) און צו די אנדרי כהנים אונ׳ צו די עלטרן אונ׳ ריכטרש אונ׳ בּיטלרש די דא אויף די מואיר שטונדן". יוסיפון, פיורדא, ביד II - I. 1186

■ ב י ט ל ע ר ל -- ←----- בעטלערל. ?נ?

ביטלקע -- די, =ס. פֿקפֿ פֿון בוטל ( בגטל )

פלאש, פלעשל. % א ביטלקע ווייַן. 613

1876 " א קוויטל איז געווען ביי יעדער ביטלקע | טעקסט: ביטעלקע | ווייַן, אז דאס איז דער יין המשומר ".
דער ליכטיקער גן עדן, זשיטאָמיר, ז' 15. 1246

באמ: פאראייניקן מיט בוטל?

ביטן -- טרוו. פּאַר געביטן, געבאָטן. 1. באַגריסן, ווינטשן. % ביטן גוט-שבת, גוט יום-טוב, מזל-טוב.

1965 " ווער קומט מיר דאָ גוטן-אָוונט ביטן?/ ווער קומט מיר גוטס דאָ גינען?". מאָל, ליכט פון דאַרנבוים, ב"א, ז' 103. 1204

L7 גיין גוט-יום-טוב ביטן - באזוכן און באגריסן עמעצן אין א יום-טוב טאָג.

1861 " האט ער דאָס מלמדות אוועקגעלייגט און איז |...| געווארן בית-מדרש שמש; אז ער איז געגאנגען גוט-יום-טוב ביטן, האט מען אים תמיד געגעבן א גרויס שטיק לעקעך ". ישראל אקסענפעלד, שטערנטיכל, לייפציג, ז' 5. 1193

1930 " מיט שיינען גיין גוט-יום-טוב ביטן האט זי אויס-געמיטן ". הר, פרודעס, ל"א, ז' 48. 1207

1930 " יענער איז צו פיל 'פּאַן-בראַט' געווען מיט די קעניגס. געגאנגען צו זיי גוט-יום-טוב ביטן און שטילערהייט |...| דערטראָגן, וואס עס |...| רעדן צווישן זיך די אָנגעשטעלטע ". יהושע פערלע, 'גיין א זייגער אינדערפרי', אנט, ז' 451. 1190

1619 "זייך ווייב איז |...| קומן מזל ביטן".
פֿב, ז' 41.

2. גאָט בעטן, תפילה טאָן.

... " ל"א, ואסלדה - און' איך ביטן, ל' בקשה ותפילה ".

1206 רייכלין 8, איוב ו י'.

3.גורם זיין.

... " עס איסט איין בוליק אין אויערים לאנדא / די

1205 ביטן דעם קוניק גרושי שאנדא ". מגילה מינכן,

מ/92 ב'.

4. פאַרלייגן.

1696-1686 " ער האט אים און גערן איין טרונק גיבוטן

1198 / דר צו וואר ער זיינר שפוטן ". ספר משלים,

נב - I - I

7 ביטן ברוט - אָנזאָגן א בשורה.

..." צו מקברון וויל איך ציהן דא הין און' וויל אים

1213 דש ביטן ברוט זאגן ". בבא בוך, 394, 3 - 6.

ביטן שאך און' מאט -- שטעלן אין א לאגע אָן אַן

אויסוועג.

1763 " |...| קאנשטו ניט געדענקן ווען איירי צווייא

1211 האבן חרוב געמאכט אזו אין גרושה שטאט, ומכל שכן

ווען זיא אלי קומן זוא ביטן זיא דיר שאך און מאט".

ר' יעקב בר' יצחק סג"ל ש"ץ דק"ק ריטלזיא,

קהלת יעקב, פראג, דף כח/1.

ביטניק I -- דער, =עס. (לאָקל)<Lit: bitnikas

באבא-סלאָווישאָק, ליטע ) פריינט, חבר, א מענטש

1210 וואס מען האט מיט אים צו טאָן | קטוו |.

<E: beatnik>

ב י ט נ י ק II -- דער, =עס. √ וום ביטניצע.

איינער פון דער יוגנט-באוועגונג אין די
50 - 60-ער יארן פון 20סטן י"ה וואס איז ארויסגע -
טראָטן קעגן די פירונגען און פּרינציפּן פון 'עסטאַבלישמענט'.

1959 " זיי רופן זיך 'ביטניקס', פון ענגליש 'ביט' -
שלאָגן און 'ניק' - א סופיקס פון דער רוסישער 1220
שפּראַך אויפן מאָדעל פון סאָוועטישן סאַטעליט 'ספּוטניק'".
א. וואלדמאן, טאג, 20/IX.

ב י ט ע -- ( דטשמ ) די, =ס. 1. בקשה.

% איך האָב צו דיר א ביטע, זאלסט מיר לייען דיין
בוך.

1898 " נאך דעם סדר האט אים שמעון עפעס איינגערוימט,
און דער האט זיך תיכף צו ראובן מיט דער ביטע געקערט 1224
|...|". מ. מ. אויזערקיס, דער פריוואטלעהרער !!!,
דראהאביטש, ז' 5.

1970/71 " דער גלח האט געהאט א ביטע, אז ווען ער
שטאַרבן, זאָל מען אים באַגראָבן |...| אויף א סטאַציע |...|, 1229
יזב זלאָטשעוו, ת"א, ז' 309.

2. א שריפטלעכע ווענדונג צו אן אמט וועגן עפּעס.

1881 " |...| מע זאָל איינגעבן א ביטע צו זיינער
מאיעסטעט דעם קייזער". ייִפאל, 8/X. 1228

1931 " ער ווערט א שרייבער פון ביטעס ". ז. זילבערצווייג,
לעקס. פון איד. טעאטער I, נ"י, ז' 174. 1231

1948 " מע האט זיך ניט געחידושט, ווען פון ראַיקאָם איז
זי געקומען א פאַרוויינטע |...|, ווייל מע האט 1221
איר ביטע אָפּגעזאָגט ". מ. לעוו, פארטיזאנישע
וועגן, מאַסקווע.

3. געניצט ווי א העפלעכקייט-אויסדרוק; כ׳בעט אייך!

זייט אזוי גוט! % זעצט זיך, ביטע! ביטע, קומט

אריין. קען איך נעמען דאס ביכל? - ביטע זייער.

?נ? ב י ט ע ל ע -- -----← ביטל ב 1.

..................................................

באמ: פאראייניקן מיט בוטל?

..................................................

ב י ט ע ר -- אדי / אדוו. 1. וואס האט א ספּעציפישן

ניט-איינגענעמען גאַליקן טעם; דער היפּוך פון זיס.

% ביטערע מעדיצין. דער ווייַן איז א ביסל ביטער.

1814 " פאר איין אוים גהונגערטן מענטשן זענען אלע

1346 ביטערע זאכן אויך זיס ". מס, משלי, כו - 7.

1961 " זאל מיין שפּייז זיין ביטער ווי אן איילבערט

1351 און |...| פון דיין | גאָטס | האַנט, איידער שפּייז

אזוי זיס ווי האָניק און זיין אָפּהענגיק פון בשר

ודם ". חג, ~~זש~~ זש היימיש, אויגוסט - סעפּטעמבער.

2. (פיג) שלעכט, צרהדיק, אומגליקלעך. % א ביטער מזל.

% דער בימערער גלות, סוף. די ביטערע צייט.

א בימערער יתום. א ביטערע אלמנה. ביטערע

אָרעמקייט. די ביטערע לאַגע. א ביטער לעבן.

1873 " |...| ווי שלעכט, ווי ביטער | אדוו | און

ק׳ 252070 פינצטער עס איז די נישט=געלערנטע ". ממוס,

קליאטשע.

... " אלע האבן זיך אין די ביטערע יארן געגוג אָ/גגע-

1315 הונגערט נעבעך ". שע, זומער לעבן, "גלות דאטשע

" יא, דו האסט רעכט, מיין קינד |...|, האט דער 1934

1411 ייד ביטער | אדור | אפגעקרעכצט |...|, . אש,

דער תהילים ייד, 

3. ( פיג ) וואס איז ארויסגערופן דורך א צרה,

אן אומגליק, קלעמעניש. % א ביטער געלעכטער.

ביטער | אדור | וויינען.

1834 " בוודאי איז דאש אום זיסט ניט גיוועזין, אז

1337 דיא יהודים האבין ניט גיקענט פטור ווערין פון

דעם ביטערן טויט ". מעשה גדולה מן אומן, סודילקאוו.

1911 " | זי | וויינט, קלאגט – און דאס ביטערע געוויין

ק' 1062760 אירע גייט אין הימל ארײַן ". ממוס, קליאטשע.

1943 " דאן האט א ביטער ווייגעשריי / די שטילע נאכט

1352 אדורכגעשנימן ". דא, אב הרחמים, נ"י, ז' 8.

4. ( פיג ) שטאַרק, פלאמעדיק, שטורעמדיק.

% ביטערע קעלט. ביטערע קאמפן.

1905 " האט זי באקומען פון דער מוטער א ביטערן

1408 אָפּשניט, אז זי איז נעבעך ארויסגעלאָפן פארשעמט פון

שטוב ". י. מ. באדער, צביה פון אדעסא, לעמבערג.

1956 " די דאַזיקע סיכסוכים זיינען געווארן אזוי ביטער

1305 | אדור |, אז זיי האבן גורם געווען סטרייקן ".

פ. קאנסטאנ, פאש, IV/6.

1951 " מען האט זיך ביטער | אדור | פײַנט געהאַט

1426 איינער דעם אַנדערן ". ייט, פוילן VI, ז' 81.

17 ביטער געלט -- דאס, בא. שווער פארדינטע געלט.

1886 " צום סוף, אז מע נעמט שוין פון דעם ביטערן געלט

1454 און מע טיילט אייך אָפּ בככוד גדול א היבשע סומע

פאר א ת"ת, צעברעכט איר אלץ און מאכט פון דעם א

תל ". ייפאל, נ' 18. ז' 281.

<u>ביטער הארץ</u> - פֿאַרצווייפֿלונג, ייאוש, פֿאַרביטערונג.

1873 " עס פֿוקעט זיך מיר די גאַל, עס רעדט זיך ארויס מיין <u>ביטער הארץ</u>, מיין שווער געמיט ". <u>ממוס</u>, <u>קליאטשע</u>. ק' 73460

..." און זיין גאַנץ <u>ביטער הארץ</u> האט ער אויסגעלאָזט צו אים ". <u>שע</u>, <u>יוגענד ראמאַנען</u>. 1302

וועגן א שווערער סיטואציע : <u>ביטער און פֿינצטער</u>,

<u>ביטער און מאַרנע</u>. <u>ביטער און זויער</u>. <u>שיטער און ביטער</u>.

<u>שווער און ביטער</u>.

<u>ביטערע יאַגדע</u> - אויף א שלעכטן מענטשן.

<u>ביטערער מענטש</u> / <u>יונג</u>, <u>פֿאַרשויך</u> / - שלעכטער, בייזער מענטש, מיט א שווערן כאַראַקטער.

<u>ביטערע נקבֿה</u> -- אשה רעה, כלבֿטע. ~~אננטענען, מסרים זיך מיט~~ .

<u>ביטערער קנויט</u> -- | <u>סטוטש</u> 574 | געפערלעכער מענטש, מיאוסער חבֿרה-מאַן.

<u>דער ביטערער טראָפּן</u> -- בראַנפֿן, יי"ש. % ער האָט ליב דעם <u>ביטערן טראָפּן</u>.

1970/71 " אזוי ווי שוסטערס האָבן ליב פֿון תמיד אָן ארייַנצוכאַפּן א <u>ביטערן טראָפּן</u> |...| איז ווי זיי האָבן זיך אנגעשיכורט, פֿלעגן זיי שעלטן |...|". 1421

<u>א. פֿייבלוביץ</u>, <u>יזב זלאַטשעוו</u>, ת"א, ז' 30.

<u>ביטערער שונא</u> -- געשוואָרענער פֿיינד, בלוט-שונא.

1958 " מע קעכלט אויס א <u>ביטערן שונא</u> ". <u>יג</u>, <u>טמוז</u>, VII /22. 1335

<u>ביטערע ציבעלע</u> -- 1. פּוסטע מעשה, גאַרנישט מיט נישט.

1911 " |...| און אָט האָט זיך אויסגעלאָזן פון זייערע

1435 בילדונג א **ביטערע ציבעלע**. ע. בלאשטיין, אויס

דינאבורג, דער שטאָדט-רויבער, ווילנא, טייל 2,

ז' 56.

2. וועגן א מענטש, מיט וועלכן ס'איז שווער אויס-

צוקומען.

1960 " זאַנוויל האט זיך צעשמייכלט: - איר זייט א **ביטערע**

1314 **ציבעלע** ". ש. סיימאן, צווייגען, ב"ס.

**ביטערער קאָפּ** -- וועגן עמעצן מיט א שלעכטן זכּרון.

1961 " או, **א ביטערער קאָפּ**! ארויסגערעדט ווי אן

1330 אויסרוף און מיט באַדויערן. באַטייט: געדענקט

גארניט, ווייל דער קאָפּ איז שלאַף ". י. טשערניאק,

יישפֿ XXI - 1, נ"י, 1961.

שעלטן מיט ביטערע קללות – שטאַרק שעלטן, פֿײַדלען.

**ביטערער רחמנות** -- " דאָ ווערט רחמנות דערפֿירט

צו דער העכסטער מדרגה מיטן צוגעבן דעם אדיעקטיוו;

דאָ ווערט אָנגעוויזן, אז דער מצב פון עמעצן וואָס

רופט ארויס רחמנות איז ביטער | י. טשערניאק,

יישפֿ XXI - 1, 1961 |.

**ביטערע עבירה** -- " האט צוויי באַטייטן: א) א גרויסע

1587 זינד; ב) א גרויסער שאָדן" |טשערניאק, יישפֿ,

XXI - 1, 1961 |.

**עס איז ביטער אויפֿן הארצן ( אויף דער נשמה)** —

מע פֿילט א טיפֿן צער, זאָרג, טרויער, מ'איז אין

א שלעכטער שטימונג.

1894 " שלמה המלך עליו השלום זאָגט : ויין למרי נפש,
דאס הייסט אז עס איז ביטער אויפן הארצן, דארף 1440
מען נעמען א שטארקן טרונק בראָנפן ". ה. אלטשולער
פון באדר, קלוג אונד גוט, ווארשע, ז' 59.

... " ער גלייבט, אז א מענטש איז נאר דעמאָלט אַן אכזר,
ווען עס איז אים גאָר ביטער אויפן הארצן. פּרץ. א/1286

עס איז ביטער אין נאז (אין מויל, אין פּיסק, אין גומען, אין עק) — [שפּאַסיק] ~~סטודענט ווערטל~~, וועגן אַ געוויסער סיטואַציע; ~~וועגן א שווערן מצב~~ [סטודענט ווערטל].

געבליבן א ביטערער זכר -- " א) ס'איז זייער ווייניק
געבליבן; ב) געבליבן א שלעכטער נאָכטעם; ג) אין
זכרון איז פארבליבן בלויז עפּעס וואס דריקט ".
| י. טשערניאַק, יישפּ, XXI - 1, 1961 |.

פּפּ: ביטער ווי גאַל, ווי גיפט, ווי גראָז, ווי דאס
לעבן פון א יתום, ווי דער באזארנער אויפן יאריד
| באַזאַרנער - דער היטער אויף א יאריד | ווי דעם
אלטן רבין, ווי דער גלות, ווי דער אפּיקורס, ווי
דער דלות, ווי דער דלות אין הויזן, ווי דער
( אומגעריכטער ) טויט, ווי המן הרשע, ווי טשעמעריצע,
ווי מיין מזל ( גורל, לעבן ), ווי מיינע יארן
( צרות ), ווי סם, ווי פּילן, ווי פּיאַלע, ווי
מרור, ווי כריין, ווי א רפואה, ווי פעפער
( אין נאז ), ווי פּערטשיק, ווי רויך אין די אויגן,
ווי דעם ארעמאַנס מזל ( מערכה ) | יישפּ V- 4 -6,
יישפּ VI- 1 - 2, סטוטש 269, 498 |.

~~געבליבן א ביטערער זכר -- (א) ס'איז זייער~~
~~ווייניק געבליבן~~

קללות; פינצטער און ביטער זאל אים זיין ! א ביטער(ער) מזל אויף אים !

שון: בעסער דאס ביטערע (בלאט) פון גאט איידער דאס גוטע פון מענטשן -- בעסער ליידן ווי אנקומען צו מענטשן.

אז אויפן הארצן איז ביטער, העלפט ניט אין מויל קיין צוקער.

ביי וועמען די גאל איז אין מויל, דעם איז שטענדיק ביטער -- אויב מע האט גרויסע צרות, ווען קיין זיסע רייד, טרייסטן נים העלפן.

אלע ציבעלעס זיינען ביטער.

ביטער פארדינט, אבער זיס אויפגעגעסן -- כאטש געארבעט שווער, אבער מען האט גוטע רעזולטאטן.

א יתום עסט א סך און א ביטער הארץ רעדט א סך --
א יתום איז שטענדיק הונגעריק און ווען עס געפינט זיך שווערער לאגע פילט א באדערפעניש אויסרעדן זיין הארץ, דערציילן וואס פלאגט אים.

יידישער כריין איז אומעטום ביטער - פאראדיע אויף: יידישער חן איז אומעטום שיין.

דיין יויך איז שיטער - איז דיין חכמה ביטער - ביים ארעמען ווערט די חכמה דערשלאגן.

פון יגיע כפו איז ביטערע פאפע -- פון ארבעט ווערט מען ניט רייך; ערלעך לעבן איז שווערלעך לעבן.

<u>ווער עס האט ביטער אין מויל קען זיס ניט שפייען</u> -

ווער עס איז אין א שווערער לאגע, קען ניט זיין
איידל, העפלעך.

<u>זיי ניט צו זיס מען זאל דיך ניט אויפעסן, זיי ניט</u>
~~צו ביטער מען זאל דיך ניט אויסשפייען~~

<u>צו ביטער מען זאל דיך ניט אויסשפייען</u>. -- א מענטש
דארף אין אלץ אפהיטן די מאס, ניט זיין צו גוט
אדער צו שלעכט.

<u>איך קען ניט - איז ביטער, איך האב ניט - איז ביטערער</u>.

<u>דעם ארעמאן קומט אן ביטער דאס לעבן, נאך ביטערער</u> -
<u>דער טויט</u>.

<u>עס איז ביטער און שלעכט, ווען דער רבים איז אומגערעכט</u>.

<u>ס'איז ביטער אז ס'איז שיטער</u> - דעם ארעמאן איז תמיד שלעכט.

<u>אז ס'מייזל איז זאט, איז ס'מעל ביטער</u> - אויב עמעצן
לעבט זיך גוט, איז ער א מפונק, פיינשמעקער,
קלייבט אלץ איבער.

ם <u>ביטר</u>

1. <------

... " מרורות - <u>ביטר</u>. <u>רייכליך 8</u>, דברים לב, חלב

| תי: ביטערע | . א/1412

2. <------

... " דא שפראך דער קוניג אגג אוי וויא דש <u>ביטרן</u>
טוט ". ~~שמואל בוך~~ שב, פערז 277. 1376

1686/96 " ער מוש ליידן דעך ביטרן טוט ". ספר משלים,

פפדמ, נא - I - II. 1362

------→ 4.

1625 " ער האט מיט אים מלחמה גיהלטן מיט ביטרן צארן".

סהמ, דניאל ח - ז. 1324

1748 " איז דר ( מלך ) זער ( ברוגז ) אונ' ווארפט

אים דש ( כלי ) איך זייך ( פנים ) אונ' לאזט איך 1326

שלאגן מיט ביטרי שלעק דר צו ". (י) מ. עפשטיין,

סידור הפילות, אמשט, יד - 3.

|| =ונג.

1770 " לאז דיך גאר ניט אייך מיט זולכם דעך עש ווערט

אליך מאהל אייך ביטרונג בייא דיר בלייבן |...|". 1658

ר' יוסף דארמשטאדט איבז הרב משה אלשיך, תורת משה,

קארלסרוא, דף י/1.

ב י ט ע ר ג ר א ז -- דאס, =ן. געוויקס, ~~סטודעש 250~~.

1936 " בא אונדז איך דארף האט מען אזא לידל געזונגען:

'כ'האב קיין ביטערגראז ניט געזייט, ס'איז אליין 1455

געראָטן". ב. מארשאק איבז, אילא ערענבורג, דער

טאג דער צווייטער, קיעוו, ז' 365.

ב י ט ע ר - וו א ס ע ר -- דאס, בא. וואסער פון

פארשיידענע מינעראל-קוואלן, וואס אנטהאלט [redacted]

ביטערזאלץ און גלויבערזאַלץ און ווערט גענוצט אין

דער מעדיצין.

1923 " ביי שטאַרקע עצירות קען מען מאכן קליטטירן |...|

אדער טרינקען קאַרלסבאדער זאלץ |...| אדער ביטער= 1458

וואסער ( ½ - 1 גלאז )". פגעז, נ' 11.

165

ב י ט ע ר =וו אַ ר צ ל -- דער, =ען. געוויקס |סטונטש 250|.

ם | ביטערונג | ב י ט ר ו נ ג -- די, בא. ביטערניש,
ביטערקייט.

1721 " און׳ זי א טונן אויך תּפֿלה ( לחלצם ) צו אויש
ציהן זיא פון גל און׳ ביטרונג דר שלאנגן דז מיינט 1502
דער׳ יצר הרע". מחזור ר"ה ויו"כ, הומבורג,
קלד - 2.

1744 " און זי | די יידן צוליב זייערע זינד | זענין
גקומין צו די פיגונג דר ביטרונג". בע, זאלקווא, 1506
איבערדרוק 1804, סז - 1.

(בערמוט)
ב י ט ע ר ז אַ ל ץ -- די. / שוועבל-זויערער מאגנעזיום,
( ? ) $MgSO_4$, ווערט אינדוסטריעל גענוצט ביים
באַארבעטן באַוול-געוועבן און אויך אײַנגענומען
ווי א רפואה ( אַפּפיר-מיטל ) ; ענגלישע זאלץ.

1900 " דו לאָז זיך ניט אָפּ, עס וויפֿל עס גייט אריין און
דו וועסט אלץ אריבערטראגן. נאָר למה"ש און למה"ש 1473
פֿאַרגעס ניט צו נעמען ביטערזאלץ". ב. גאריןָ, דיא מזיקים...
נ"י, ז׳ 34.

1920 " אז מען ניצט מאגנעזיום אנשטאט קופער, באקומט
מען מאגנעזיום-סולפאט אדער ביטערזאלץ". ס. פיינסטאון, 1472
בעמיע, נ"י, ז׳ 76.

ב י ט ע ר ז ו י ם -- דער, =ען. געוויקס |סטוטש 250|.

ב י ט ע ר ז י ס -- דער/דאס, מצ ?. געוויקס | סטוטש 250 |.

ב׳ י ט ע ר ל ע ך -- אדי/אדוו. אפשוואַך-פֿאָרמע פֿון ביטער, א ביסל ביטער | ב 3,1 |.

1895" א בראָך איז צו מיינע יאָר מיט דיין יחוס - האָט די פרוי ביטערלעך | אדוו | געזאָגט ". ב. בעקערמאַן, דיא גליקליכע הויזען, ווארשא, ז׳ 8. 1509

1863 " עס רייכערט זיך אויף דיר דיין הויט אין ביטערלעכן צאָרן, / דיין ווילן איז צעבראָכן ווי א שווערד אין פיל חלקים". סוצ, פּוו I, ת"א, 1963, ז׳ 311. 1514

קיים.

1929 " א ציקערדיקע דערפרישנדיקע ביטערלעכקייט". זש, שקלאַווער יידן, ווילנע, ז׳ 219. 1515

/7 ביטערלעך וויינען - קלאָגן, יאָמערן, פֿאַרגיסן הייסע טרערן.

ם ביטערליך.

1602 " אונ׳ קלאג אין ביטערליך קלאג דען דער פר דערביר קומט איבר אונש אור פליצלונג ". שעריר, ו - כו. 1510

1713 " ער וואר גיך אין דש פלד צו טון תפילה אונ׳ פֿון זיינט ווילן האבן דיא מלאכים ביטערליך | אדוו | גוויינט דא מן אין זעלט שעכטן ". מחזור חלק שני, שלש רגלים, אמשט, רנ - 2. 1513

ב י ט ע ר - מ אַ נ ד ל א י י ל -- די, באַ. בענזאַ-אַלדעהיד; פֿליסיקייט מיט א פֿיינעם מאַנדל-ריח, וואָס באַקומט זיך פֿון ביטערע מאַנדלען.

[?| 1910 " אויב עס איז אריין אין אויער עפּעס א מין ווערעמל |...| קויפֿן אין אַפּטייק ׳ביטער מאַנדל-אייל׳ |...| Oli Amygdali amar דערוואַרעמען א ביסל און ארייננצולאזן [illegible] אין אויער עטלעכע טראָפּן ". סור II, לאדז, ז׳ 19. 1482

ב י ט ע ר ן -- 1. טרוו. (פיג) מאכן ביטער
דאס לעבן, אַנטאָן יסורים, לייד.

1871 " ער מוז זיין גוף ביטערן מיט תעניתים ". צור.

1958 " פֿאַר מיר אָבער איז עס א ביטער געבאָט, וואס
ביטערט מיין יעדערן ביסן ". אלף כץ, חלום עליכם.

2. אומוו. קלאָגן זיך, אויסדריקן פֿאַרביטערונג.
% געקלאָגט און געביטערט.

1833 " ... | צו פארשטן דאס גרושקייט פון דם עונש
1526 פון איטליכר עבירה | ... | אונ זאל בוטרן מיט גיוויין".
הרב אליהו הכהן האיתמרי, אזמיר, שבט מוסר, ר' משה
בר' נתן נטע איבז, סדילקאוו, פרק יט, דף מד/1.

1938 " אַלע קינדער האָב איך דאָך ביי איר אָפּגענומען, —
1524 האט זי געביטערט, — ווער האט זיך געקענט ריכטן
אויף אזא אומגליק? " ייז, חבר נחמן, נ"י, ז' 31|?|.

1974 " די ווייבער פון די גנבים אין פּיאַסק זענען
1525 אריינגעפֿאַלן צום לובלינער רב וויינען און ביטערן
מ' זאל זיך פאר זיי איינשטעלן ". באש, פּאַר, II/22.

ביטערן זיך -- אומוו. 1. (עלט) באַוויינען,
באַקלאָגן.

1941 " ... | זיך ביטערן נאָך אים, ווי מע ביטערט זיך
1531 נאָך א בכור". תי, זכריה יב - 10.

2. (עלט? לאָקל?) האָבן א שווער, ביטער לעבן. % "זי
1532 ביטערט זיך פאר אים". | י. משערניאק, ייִשפּ XXI-1|
— זי האָט א ביטער לעבן ביי איר מאָן.

ם ---- 1.

... " פמרירי -- אז די דאָ ביטרנט, כמ' וימררן את
1522 חייהם " רייכלין 8, איוב ג - ד.

1723 " מיין לעבן האבן זיא גביטרט מיט ארבייט שווער".
1529 ברכת המזון ( זמר לחנוכה ), ל/א, אמשט.

ביטרן זיך -- קלאגן זיך.

1711 " איר נשמה איז אויש גיגנגין השעת אז ער זיך
1533 האט גיביטרט אויף זיינה מעשים". נצ 1.

ביטערניש -- דאס/די. 1. בא. | סטוטש 269 |,
ביטערער טעם.

1948 " איז בעסער שוין צו שווייגן און פארציען/ דאס
1553 ביטערניש פון רויך, פון סיגארעט". סעג,
איצטער, נ"י, ז' 15.

2. מצ =ן. ביטערע זאכן, דא: מרור.

1929 " דער טייוול זאל אייך נעמען מיט אייער פסח,
1551 מיט אייערע ביטערנישן!". א. בערגמאן, קאצקער
מעשיות, ווארשע, ז' 112.

3. ( פיג ), מצ =ן. א שווער געפיל, ארויסגערופן
דורך א צרה, אן אומגליק, א באליידיקונג אע; ערגערניש.

1828 " ביז וויא לאנג וועט מיין טאג פון גלות קעגן
1556 דיר מיט ביטרניש טאן קלאגן ". סדר תקון חצות,
ווילנע.

1906 " דער גרונד פון אלע ביטערנישן |...| איז דאגת-
1558 פרנסה". ב. פייגענבוים, ווי קומט א יוד צו
סאציאליזמוס?, ווארשע, ז' 13.

1973 " איר קול האט געכריפעט, אנגעזאפט מיט ווייטאק,
1562 מיט ביטערניש". חג, פאר, XI /2.

ם ביטרנש ←---- 3 |?|.

1625 " דאש הרץ פון מענשן ווייש אונ' פֿילט ( מרת נפשו)
1549 דאש ביטרנש פֿון זיינום לייב וואש ער גיטאן האט
איבר דער תורה ". סהמ] משלי יד - י.

ב י ט ע ר ס -- דאָס, בא. ( שש ) בראָנפֿן, יי"ש,
דער ביטערער טראָפּן.

1885 " אז עס ווערט ביי איינעם געבאָרן א מיידל, רופֿט
1568 מען אים אויף צו דער תורה און דערביי גיט ער
דעם מיידל א נאָמען און קויפֿט דערווייל פאר דעם
עולם דאס ביסעלע ביטערס ". ייִפֿאָל, נ' 3, ז' 36.

1952 " מיר וועלן זיי געבן ברויט |...| וועלן זיי זיך
1569 פֿאַרדינען אויף ביטערס ", באַגדאַן האַמערא, צום
ביישפּיל פּלעווע, וואַרשע.

ב י ט ע ר ע ר ד -- די, בא. ( בעמיע ) מאַגנעזיע,
טערמינעס אין בעמיע, ווילקאָמירער ייד' | MgO
1485 רעאַל-גימנאַזיע, 1926 |.

ב י ט ע ר = פֿ י אָ ל ע -- די, =ס. געוויקס
| סטושש 250 |.

ב י ט ע ר = פֿ י ס ל -- דאָס, =עך. געוויקס |סטושש 250|.

ב י ט ע ר ק י י ט -- ד י, =ן. 1. א ביטערער טעם.

% נאָכן עסן איז אים געבליבן א <u>ביטערקייט</u> אין מויל.

2. דזוו <u>ביטערניש</u> ב 3.

1905 " פרייד פון א נצחון און <u>ביטערקייט</u> פון א מפּלה

1646 זענען שטארק צוזאמענגעבונדן אין דער געשיכטע פון

דער רוסישער רעוואָלוציאָן ". <u>זבֿ, די רויטע פאָן</u>,

לאנדאן, ז' 28.

1930 " זענט איר דען אמאל געווען פריי? - זאגט טיטוס

1629 מיט <u>ביטערקייט</u> און פארוווירף |...| צו יאזעפוסן ".

קעגן פֿעלדהערן טיטוס פֿלאַוויוס פֿון ירושלים

<u>ייט</u>, <u>טיטוס און יאזעפוס</u>, אין <u>אנט</u>, ז' 369.

1963 " פין די <u>ביטערקייטן</u>, ווי פון <u>אַראַק</u>, שיכור ".

1643 <u>פסח בינעצקי</u>, <u>אויסדויער</u>, ת"א, ז' 30.

3. (<u>זן</u>) בראָנפן, ביטערער טראָפּן.

1885 " נאך דעם ווי דער בית דין של מעלה האט ארויסגעגעבן

1641 א גזר, אז יידישע מתים טארן ביי נאכט ניט ארויפ-

גיין אויף די גוישע קלאדבישטשעס און פארנעמען זיך

מיט <u>ביטערקייט</u> |...| האט ער אנגעהויבן אונטערקויפן

די ממונים ". <u>ייִפּאַל</u> נ' 39, ז' 59.

ם <u>ביטרקייט</u> ---> 2.

... "בכי תמרורים -- וויינען ווך <u>ביטרקייט</u>, ל' בכי של

1644 מר". <u>רייכלין 8</u>, <u>ירמיה</u> לא - יד.

1696-1686 " זיסן ריד געבן זי מיט אירן מונד/ אונ'

1632 <u>ביטרקייט</u> האבן זיא אין אירן הערצן גרונד".

<u>ספר משלים</u>, <u>פּפּדם</u>, מב - <u>I</u>.

1767 " מרר א . מרירות. <u>ביטרקייט</u>. בטריב. גאל. צערנן".

1633 <u>שווב</u>.

1.<---

1625 " זייך ברוט און זייך גידערם ווערט פֿר קירט,

( מרורת פּתנים ) אונ׳ ביטרקייט אונ׳ גיפט פון דען
אונקן איז איך זיינ[ם] בויך ". סהמ[], איוב כ - יד,
לובלין.

ב י ט ע ר ק ר ו י ט -- די. ( ~~ארב~~ ? ערב) מין קרײַטעך,
ווערעמקרויט |?|.

1832 " מיין גשרייא זאל גזיסט זיין אונ ניט ווי א
ביטר קרויט ". מלרה, יג/א. 1497

1885 " מיין געשריי זאל זיס זיין און ניט ביטער ווי
א ביטערקרויט". יוצר ליום א׳ של ר"ה, ח"ר, פ"מ, 1492
ז׳ 50.

1941 " טאָמער איז פאַראַן צווישן אייך א וואָרצל, וואס
פּרוכפּערט ביטערקרויט און ווערמוט 2. תי, דברים, 1436
כט - 17.

ם ביטר קרויט, מצ קריימר.

1610 " אונ׳ זיא זולן עש דש ווייש איך דער נאכט דר דיזן
גיברוטן אים פייער אונ׳ מצות מיט ביטר קרויטר 1498
זיא זולן עשן |...| ". טח, שמות יב - ח.

1696 " דז אן אלן נאכטן מיר עשן אנדרי קרייטר, דיא
נאכט די דיזי ביטר קרויט ". | סידור | תפלה ומשה, 1491
דעסוי, חד - 1.

ב י ט ק ע -- די, =ס. פּאַ בידקע . <R: кибитка <P: kibitka
א לייכטער וואָגן אויף צוויי הויכע רעדער.
% פערד=און=ביטקע - פערד און וואָגן.

1912 " אז ער פלעגט דאַרפֿן פֿאָרן קיין בריסק |...|
פֿלעגט ער נעמען א ביטקע, ד. ה. א וועגל אויף 1653
צוויי רעדלעך מיט גוטע פֿערד ". ~~יק.~~ משנה לכרונות, [illegible]

1930 " דער האלטער האט זיפּצנדיק זיין פֿערד=און=ביטקע

איינגעשפּאנט ". הר, הרודעס, ל"א, ז' 23. 1650

1940 " פענעק האָט פון ווייטנס געזען, ווי ניט געאייַלט

יאַנקל לאָזט זיך אראָפּ מיט דער פערד=און=ביטקע 1649

פונעם |...| באַרג ". בערג, באם דניעפּער II ,

מאסקווע, עמעס, ז' 96.

ביטראַס -- דער. | אקצענט?| ליידאַק, הפקר-יונג |קטרו|.

מ ביטרייך -- <Mhd: büt(t)e, "buterich". מין קרוג,

כלי פאר פליסיקייטן.

... " בצפחת - אין אימא בטריך, י"א אין אימא גלזא".

רייכלין 8, מל"א יז, יב | תי:קרוג |. 1659

ביטש I -- דער. קינדערשפיל מיט ניס | סטוטש 517 | .

1939 " א מאמע האט גאנצע ערד פּריש צעגראָבן/ און איצט

א ביטשגריבל אזא זי איז ". א. נ. שטענצל, דאס 1667

קיילעכדיקע יאָר, לאָנדאָן, ז' 5.

ביטש II -- דער. | סטוטש 251 |. דער קלאַפּטייל

פון א צעפּ ( אַמאַליקער מכשיר צו דרעשן תּבואה).

ביטש III -- דער. <E: beach (אמ) פּליאַזש

| סטוטש 178 | .

ביטש IV -- דער. <E: beech (אמ) בוק, בוקנבוים

| סטוטש 250 | .

?נ? ב י ט ש אָ ו ו ק ע -- די, ס. ----> ביטשיווקע.

ב י ט ש א ט ש ע -- אדי. ( אוקר ) אָקסענער, (ווי) פון אַן אָקס. % " ס'איז ביי זיי א משפחה-זאך:
1671 ?נ? ביטשאטשע קעפּ ", |קטוו|.

ב׳יטשטעלער -- דער, =ס. ( ארב ) דער וואס גיט אַן אַ ביטע, א בקשה אין אַן אַמט.
1868 " דער גובערנאַטאָר |...| מאכט א ראַספּאָראַזשעניע
1680 |אַנווייזונג|, מען זאָל איינטראָגן דעם פּראָסיטעל ( ביטשטעלער ) און דעם בוך פון דער איינהיימישן באַפעלקערונג דער באטרעפנדער גמינע ( געמיינדע )". קמ, נ' 29, !!! - 213.

ב י ט ש י ו ו ק ע -- די. =ס, פּפּ ביטשאווקע. ( סל,נא )
1. שטריקל. Uk: бичівка, R: бичёвка

2. " א בייגעוודיק צווייגל, ריטל, אַנצוטרייבן א
?נ? בהמה " |קטוו|.

ב י ט ש י ס ק ע -- די, =ס. דאָס < P: biczysko שטעקל ( הענטל ) פון אַ בייטש.

ב י ט ש י ק -- דער, =ס. < Uk: бичик 1. ביישל.

2. גראָבער שטעקן, פּלאָקן.

1962 " האָט סעמי זיך אויסגעדרייט, אריינגעשפּאַנט
1679 אין אַלקער, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פּאַק, אוועק-געשטעלט דעם ביטשיק אַן א זייט. ב. רעסלער, טמז, !!/3.

ב י ט ש (ע) -- דער/די, =עס/=ן. "גרויסער צוקערבאָב"

[קשור; ← אויך "יטשב" III - 3, ז' 89].

(ארל)

ארויפֿפֿירן אויף א ביטש (אויף ביטשעס, ביטשן)- פֿארפֿירן, מאַכן צו נאַר.

1864 " נאָר מיר זענען זיי | די קישינעווער יידן | 
1677 מחויב אויפֿמערקזאַם צו מאכן, זיי זאָלן זיך ניט לאָזן ארויפֿפֿירן אויף ביטשעס פון די, וואס מאכן אַן מחלוקת אין שטאָט ". קמ נ' 16, ז' 246.

1868 " אלע טאַפּן ארום און דערקענען זיך ניט און אויך ניט
1693 דעם לץ, וואס פֿירט זיי ארויף אויף ביטשעס ".
קמ נ' 2, I - 13.

... " דא האט די מאמע דײַנע, רײַזל, דיר ביז אהער
1690 נאָכגעגעבן אלע דיינע חפֿצות, און איך, נאַר, האב מיר געלאָזט, ארויפֿפֿירן אויף ביטשען " ממוס, דער פּריזיוו, ז' 94.

ב י ט ש ע ו ו ע ן -- אוטוו. | סטוטש 433 | שווער
?נ? האָרעווען, ווי אַן אָקס,

ב י ט ש ע ס ע ר ד צ ע -- (ספּעצ) מין קרויט.

1901 " די סאָרטן | קרויט | מיט נידעריקע קאָטשערייזשקעס
1683 (פֿאַריזער, ביטשע סערדצע) אָקוטשעווען מען גאָרניט אָדער מען אָקוטשעווט נאָר איין מאל ". דער לאנד-ארבייטער, לוח פאר קאלאניסטען, ערשטער יאהרגאנג, ווילנא, ז' 115.

ב י ט ש ק ע ס -- במ. (רוסיצ) סאָרט קליינע שווארצע ימיקע פישלעך, ס'רוב געמיינט אין קאָנסערוון.

1932 " נאַסטיאַ האָט אויסגעכאַפּט די אָפּענע קעסטלעך, און
1697 באלד האבן זיך אין די טעלערלעך געגעלט פרישע
שמעקנדיקע ביטשקעס ". א. קאהאן, אינזשענערן,
קיעוו, ז' 164.

1932 " מיר לייגן אַרויס פון אונדזערע טאָרבעס ברויט און
1696 שפּעק, ביטשקעס |...| און מיר בעטן נאַטאַליען מיט
די קינדער צום טיש ". ש. ברעגמאַן, דורך קריג
און רעוואָלוציע, אדעס, ז' 281.

ביטשריפט -- דער/די, =ן. שריפטלעכע ווענדונג
וועגן עפּעס לויט אַן אָפּיציעל אנגענומענער פאָרמע;
בעטבריוו, ' פּראָשעניע'.

1865 " | די רעגירונג | וועט זייער גערן אויפנעמען
1103 אזא ביטשריפט, זי ווייסט צום בעסטן, אז נוצלעכע
בירגער זענען נאָר די, וואס זענען רעליגיעז ערצויגן".
קמ, נ' 15, ז' 224.

1887 " דו זאָלסט דיינע מוטער אלע מאָנאַט שיקן פּאָרע
1104 באַשטימטעס, און ווען ניט וועל איך שרייבן איין
ביטשריפט אין איר נאָמען |...| ". ליאנדאר,
נייער בריפנשטעלער, ווילנע, ז' 117.

1963 " לויט א ביטשריפט וואס קאַמראָש האט צוגעשיקט
1108 דעם גענעראל-גובערנאַטאָר אין קיעוו, דערציילט ער,
אז ער איז געבוירן געוואָרן |...| אין בערדיטשעוו".
ז. זילבערצווייג, לעקס. פון אידישן טעאטער,
באנד IV, נ"י, ז' 2506.

|| ביטשרייבער -- דער. | קטוו | דער וואס שרייבט
1102 ביטשריפטן.

ב יי -- דער, =ען. ( אם ) ים-איינגאס, בוכטע | סטוטש |226.

ב יי I -- פּרעפּ. < Mhd: bî ,אין דרומדיקן און
פוילישן ~~דיאלעקט~~ דיאלעקטן ארויסגערעדט ´באַ´, אין
סאוועטישן יידיש אויך געשריבן ´באַ´. אָפּט געניצט
צוזאמען מיטן רעדוצירטן ארטיקל דעם:ביים. 1, אין
אָרטבאטייט: לעבן, ניט ווייט פון. % ביי דעם וועג.
ביים טיש.

..." אויף מאָרגן |...| איז שוין רב יאָסי |...| געשטאַנען
1829 ביי דער טיר |...| אָנגעבלאָזן ווי איין אינדיק".
שע, קליינע מענשעלעך.

1916 " ביי די זייטן שטייען בוימער / ארויסגעפלאָכטן ווי
1734 א קייט ". אר, "אויף די פעלדער".

1972 " מיר זיינען אין געוויטערן, ווי שאָף אין ווינט
1773 און רעגן, / פארטוליעט ביי זייך ברוסט געלעגן |...|,
חג ~~אבא~~, אונזער צייט, אקט.- דעצ.

2. אין צייטבאַטייט: אין דער צייט פון ; בעת, בשעת.
% ביים ארייַנקומען. ביים גיין. ביים מינדסטן
ווינטלבלאָז. דער פרעזידענט איז געווען ביי דער
צערעמאניע.

1855 " ביי ווען זייאַטון עפיס גוטס ביים לעבין צאלט מען
1941 זיא אוף דער וועלט אב ". מעשה רבי יהישע בן לוי,
טשערנאוויץ.

... " אך, - כאפט ער שווער דעם אָטעם, וואס ער האט
1747 איינגעהאלטן ביי דער גאנצער צייט ". פרץ II,
אלע ווערק ~~צירקא~~ נ"י 1947.

1924 " איינער פון זיי איז שוין ביי היינטיקן טאג,
1809 צוליב זיין אומדערשראָקנהייט, אנפירער פון א גאנצן
פֿולק ". עוזר ווארשאווסקי, ~~אין~~ זש כאליאסטרע באנד II,
פאריז, ז´ 56.

1972 " בײַ דעם מינדסטן שאָרך פֿון בלאַט און צווייגן-
1770 ציטער/ איך שפּרעך דיך אָפּ מײַן שרעק |...| ".
לא אמות כי אחיה, ת"א, ז' 8.

3.איך באַטײַט פֿון שײַכותדיקייט, אנגעהעריקייט,מקור.

1817 " דיא מסירות וואס |...| האט דעם קייסיר אין שפאניע
1797 אפ גיגעבין |...| האט בײַ דעם קייסיר און אויך בײַ
דיא מיניסטערס א גרויסין איינדריק גימאכט ".
חייקל הורוויץ, צפנת פענח, ברדיטשוב.

" בײַ דער פאמיליע האט רפאל געהייסן לובלינסקי,"
1729 ממוס, דאס ווינשפינגערל I, ז' 161.

פל " ער האט בײַ מיר נישט אנגעפרעגט / און איז צו מיר
1709 אריינגעקומען ".

... " גאָלד האט ער בײַ מיר אנגעזשעברעוועט!". שע,
1740 יקנה"ז.

4. איך באטײַט פון צאָל, מאָס; אין ערך, קומט אויך
צוזאמען מיט א % בײַ 10 מינוט.

1968 " איך שטאָל האט מען באַ אונדז אנגעטריבן בײַ א
1762 צוויי הונדערט שאף ". אי. קיפניס, 'אונטערוועגנס'
איך סה ג'6, ז' 48.

5.ווייזט אן אויף עמעצן/ עפעס וואס מע האלט ( טאפּט,
רירט ) אָן. % אננעמען דעם אָקס בײַ די הערנער.

אנהייב 19טן י"ה] " צווישן אונדזערע לומדים, רבנים
1760 טרעפט מען א מאָל אויך אזעלכע נאַראָנים, וואס רייסן
זיך שיער נישט בײַ די האָר |...| ". עט, משלים,
ציט אויסג 1925, ווילנע, ז' 233.

1884 " הדסה האלט זיך אָן מיט איין האנט ביי דער שטול ".

ש. בעקערמאן, הדסה..., ~~ארטהקריטיק~~ אדעס, 42ʹ3. 1794

1911 " דער אלטער האט זי גענומען ביי דער האנט |...|

און ער האט זי אוועקגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע ". 1766

ווײַס, איינער א מענטש !, ~~שראַשטשאַ~~ וואַרשע ז' 192.

6. לויט, על - פי, ווערדליק. % ביי מיר קומט אויס,

אז ער האָט א טעות. "ביי מיר ביסטו שיין ".

... " כרפס דרייט זיך אויס שטארק דערשראקן מיט דעם

פנים צו יענעם, וואס רופט אים אָן ביים נאמען ". 1827

ממוס, א גרויע האָר, ז' 5.

L7 זײַן גרויס ביי זיך -- שטאָלצירן, האלטן זיך

גאווהדיק.

" יעדער ייד איז ביי זיך גרויס און נעמט זיך איבער 1905

וואָס ער איז איין 'אתה בחרתנו'ניק'". ספ, גליקליכע 1710

און אומגליקליכע, ווילנע.

אָפּמאַכן ( אָפּפּאַסן, אָפּפּסקנען, אָפּשנײַדן ) ביי זיך --

באשליסן זיך אויף, דעצידירן. % ער קען ניט

אפמאכן ביי זיך.

"ביי זיך האב איך אפגעמאכט, אז אין אמעריקע 1907

לערן איך מיך אויס דריי זאכן |...| ". שע, 1901

מאטעל פייסי !, ווילנע 613, ני"י 1937, ז' ....

1932 " פענעק |...| שניידט גלייך אָפּ בא זיך : ניט

מער ניט טראכטן - אויס !" בערג, באַ דניעפער !, מאָסקווע,

ז' 479.

<u>אראָפּפאַלן ביי זיך</u> -- פאַרלירן מוט, פילן זיך געפאַלן, דערשלאָגן. [redacted]

1905 " מיר פילן הינטער זיך די פּאָלקסקראַפּט, מיר האבן ניט וואס <u>אראָפּצופאַלן ביי זיך</u> ". <u>קאמף און קעמפּפער</u>, 1847
<u>רעד י. סינאַני און י. הקנאי</u>, פינפטע ליפערונג, ז׳ 18.

1924 " איך מוז בשוויינן, אז איך בין <u>ביי זיך נישט</u> <u>אראָפּגעפאַלן</u> ". <u>ספּ</u>, <u>יידישער קאלאניסט</u>, ז׳ 113. 1902

<u>האלטן זיך ביי זיינס (זיינעם, זייניקן, איריקן)</u>. - באשטיין, איינשפּאַרן זיך.

" און זעענדיק אָבער ס׳איז ארויסגעוואָרפענע רייד, רפאל <u>האלט זיך טאקע ביי זיינס</u> ". <u>ממוס</u>, <u>ווינשפ</u>, 1843

<u>אקסל ביי אקסל</u> -- צוזאַמען, סאלידאַריש. % קעמפן <u>אקסל ביי אקסל</u>.

<u>זיין ביי געלט</u> -- האָבן געלט. % ער איז ניט <u>ביי געלט</u>.

<u>ווארט ביי ווארט</u> -- ווערטערלעך, אָן צו ענדערן דעם טעקסט. <u>ביים אלטן</u> -- ווי פריער, אזוי ווי ס׳איז געווען.

1881 " און וויַיטער גלויב איך, אז די וועלט האט זיך נאך ניט אומגעדרייט, עס איז נאך אלץ <u>ביים אלטן</u> ". 1946
<u>יהל</u>, <u>די ערשטע ליבע</u>, ווארשע, ז׳ 37.

אונט ביי אונט / טאג ביי טאג - יעדן אוונט, יעדן טאג.

..." מיין 'מאריע' שפּאַצירט ארום מיט יונגהטשען אוונט ביי

אוונט". פּרץ XI, ציקא, ז' 610. 1872

שוו: עס קען זיין לעבן מיר, אבער ניט ביי מיר | קטוו | - אַבי זאָל מיר ניט טרעפן; א פרעמדע צרה אַרט וויי ניקער.

ם ביא.

---------> 1.

... " ליד מעגל - בי דן וועגא, ל' אצל הדרך ".

רייכלין 8, תה' קמ, 1.

1723 " אבר וועז דאש עסין גאנץ אב גיקאכט ווער, אונ

עש ווער נאך ווארים - דא איז מותר צי שטעלן פון 1857

ווייטן ביא דאש פייאר ". לט 1, ו/74.

---------> 3.

..." ועליו מטה - אונ' בי אימא, ל' אצלו ". רייכלין 8,

במדבר ב, כ.

1701" אזו גינג דער רב פפא אלי טאג ביא איר אין הויז

אונ' ווער אין פאדרן זיין געלט ". מב, מעשה קי"ט. 1805

~~..." דניאל על על-אריוך -- דניאל קם בי אריוך, ל'~~

~~בא אצל " רייכלין 8, דניאל ב, כד | תי: ארויף-~~ 1861

~~געגאנגען צו אריוכן |.~~

1743" |...| אונ' ער פאר טרייבט אן קליאופטרא דאש

אנדר ווייב דיא ער גנומן האט ביא איר ". 1835

מ. מן, יוסיפון, כז.

ביא מיינר ורומקייט / ביינם האמן -- א פארם

פון א שבועה.

... " דען שטרייט העט איך גילושן ביא מיינר ורומקייט"

שמואל בוך, פערז 908. 1907

... " דא שוואור איך בייא מיינם שטול איין רעכטן אייד.

1906 / אונ׳ בייא מיינם נאמן איך אים שוויארן זייט ".

~~שמואל בוך~~, פערז 255.

ביי !! -- 1. קאנווערב, גיט צו דעם ווערב נייע באטייטן, למשל: ביישטיין, בייקומען, בייזייַן אא |זבז|

2. פרעפיקס ביי א רי סוב און אדי מיטן ב צווייטיק, סעקונדער, למשל בייזאך, ביישעם, בייברעגיק אא |זבז|.

ביי אויג -- דאס, בא. | סטוטש | 605 | בייז אויג, עין-הרע.

ם | בייאנאנדער | ב יי א א נ נ ד ר -- אדוו. בייַנאַנד, צוזאַמען.

XV יה " ער | שאול | שפראך איך אונ׳ מיין זון יהונתן

1966 וועלן ביי אננדר זיין ". שב, פערז 239.

1680 " פרצה קוראת לגנב, משל וואו פייאר אונ׳ שטרוא

א/1966 ווערן ביי אננדר ברענטש געריך |...|". זעליקמן אולמא, דער צוכט שפיגל, פרנקפורט.

1795 " מיט דעם תהלים זאגן איז גאר וואול דראן גיטאן

1957 ווען מען תהלים רעכט זאגט |...|. מן גיהערט צו זעצן נאך דעם חיבור נאך וויא עס זיך בייננדר שיקט |...|".
עפש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאוו.

בייאפאראט - דער, =ן. א טעלעפאנישער צוגאב = אפאראט | אווו |.

ביַיאַקס -- דער, =ן. (ט׳ פיזיק) זײַטיקע אַקס | די נײַע שול, ווילנע, 1920 |.

בײַבאַטײַט -- דער, =ן. א צוגאָב=באַטײַט, א ניואַנס אין אויסטײַטש.

1978 " באַם אָפּקלײַב און באַם ענטגילטיקן פאַרבירגערן א באַצײכענונג דאַרף מען אַלע מאָל האָבן אין אויג א געוויסע ריי קריטעריעס: אַדעקוואַטקייט פון דער באַצייכענונג צום באַגריף, די באַצײכענונג זאָל ניט האָבן קיין בײַבאַטײַט". ע. ספּיוואַק, די שפּראַך אין די טעג פון דער פּאַטעריאָטישער מילכאָמע, קיִעוו.

בײַבאַק -- דער, =עס. פֿאַ באַיבאַק. <Ук/R: байбак.

1. (זאָאָל) בעל-חי פון דער ריי נאָגערס; אַנדערש גערופן מערמל, סורקע. E: marmot. (Arctomis Bobac Joll)

% דער בײַבאַק איז א סטעפּ-בעל-חי, האַרבסט און ווינטער ליגט ער אין שלאָף-מצב אין זײַן נאָרע.

1987 "... דער בײַבאַק נעבעך גראָבט זיך א טיפֿע גרוב און בויט דאָרטן אויס מיט קונצן א שטוב". ממוס, שירה, ז׳ 108.

1981 " בײַ דער מורמול-חיה (בײַבאַק) פאַלט ווינטער די טעמפּעראַטור פון 37,5 גראַד ביז 4,6 גראַד צעלזי". כ. אײַזנשטאַט און פּ. מולער, איבז ק. נ. בערקאַוו, דאָס לעבן, זײַן אַנטפּלעקונג, אַנטשטייונג און אַנט-וויקלונג, מינסק, ז׳ 37.

2. (שלש) א פוילער מענטש. % דער בחור איז אַן אמתער בײַבאַק - טוט ניט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער און פּאַפּט גאַנצע טעג.

3. (שלש) אומגעלומפערט גרויסער / דיקער מענטש,
בעל=גוף; א געזונט און גרויס יינגל, וואס האט א
טבע צו פארטשעפן זיך מיט קלענערע קינדער.

... " ווי שעמט זיך עס נישט א געזונטער בייבאק אזוינס
צו רעדן!" ממוס, פריזיוו, ז' 104.

1938 " מיט פופצן יאר האט שוין דער יונג אויסגעזען
ווי א בייבאק פון צוואנציק ". זש, נח פאנדרע, [?]

1961 " בייבאק איינער, דיין מאמע איז ערשט נעכטן
געקומען צו דער קבורה ". י.י. שווארץ, געקליבענע לידער, 2002
נ"י, ז' 170.

בייבארטנדיק - אדי. (שנש) בייבערעגיק
|אוטו|.

בייבאשעפטיקונג -- די, =ען. |סטוטש| 435 |
צוגאבלעכע באשעפטיקונג, פרנסה.

בייבי -- דאס, =ס. (אמ) 1. עופעלע, וויקלקינד.
1956 ... " ביי איינער פון די פענצטער דארט, // |...| שטייט
א פרעכטיק וויגעלע - // דארט שלאפט א בייבי זאנפט". 2010
ס. לאפוכאוו-קארמען אין מינפי !!, נ"י, ז' 152.

2. קליין קינד בכלל.
" איר ווייסט דאך, אז איך האב פיינט 'בייביס'. 1928
ביי מיר איז נישט קיין קינדער-גארטן". אפא, 2009
קלעצקין !!!, ז' 72.

" ביי דער גאנצער ליבשאפט צו איר בייבי , ~~בבבמבר~~ 1949

האט הענע ניט געקענט פֿאַרטראַגן אירע ווילדע קושן ". 2011

ייז, דערציילונגען, ז' 223.

ב יי ב י - ס י ט ע ר -- דער, =ס. ( אמ ) עמען וואס

וואַכט ביי קינדער, ווען זייערע עלטערן זיינען ניטא.

1956 " אז די משפחה קלייבט זיך אין קינא אריין, בלייבן

זיי 'בייבי-סיטערס' , היטן די שלאָפנדיקע קינדער". 2014

ה. בערגנער, גק, נ' 25, ז' 278.

ב יי ב ל - ( איר ) ביבל.

1948 " דאָך ווייסן מיר, מיר ווייסן און מיר פילן, //

ווי ווייט עס איז פון 'בייבל' ביז תנ"ך ". סעג, 2016

איצטער, נ"י, ז' 56.

ב ייב ל ע ט ל -- דאס, =עך. ( באט ) אן אַנוווקס

אין דער פאַרעם פון צוויי האלבע בלעטלעך אויף דעם

אונטערשטן טייל פון שטענגל ביי געוויסע פלאַנצן.

1920 " יונגערהייט איז יעדער צוזאמענגעזעצט בלאט צונויפ-

געדרייט ווי א ספרענזשינע און פארדעקט מיט צוויי 2021

זיצנדיקע בייבלעטלעך". א. גאלאמב איבערז, ג. באטש,

געוויקסן ! , ווארשע, ז' 27.

ב יי - ב נ י ן | בייבינינען | - דער, מצ [ביי-בנינים]

| בייביניאַנים |. | סטוטש 113 | ביי-געביידע, צובוי,

זייטיקער, צוגאבלעכער בנין.

ב**יי**ב ר ע ג י ק -- **אדי**. וואס געפינט זיך, לעבט, וואקסט ביי א ברעג פון א טייך, ים ( אויף דער יבשה אדער אין וואסער ).

1920? " שטילע וואַסערן, פֿאַרשטעלטע פון ברעג מיט טשערעט, ראר און אנדערע **ביי־ברעגיקע** געוויקסן". **איבז**
2029 **א. גאלאמב**, ג. באַש, **געוויקסן I**, ווארשע, ז׳ 49.

1940 " גרובנזאלץ איז אנשטאנען צוליב דער אויסדאמפונג פון ים-וואסער אין **בייברעגיקע** איינגוסן פון די
2028 פֿריערדיקע געאלאגישע עפּאכעס ". **פגעז, נ׳ 8**, 65, ווילנע.

ב**יי**ב ר ע ג י ש -- **אדי**. **דזוו** **בייברעגיק**.

1928 " דער דאָזיקער יונגער מאַטראָס איז נאך געווען מער
2030/א ענלעך אויף א יונגן פישער פון אן אירלענדישן **בייברעגישן** יישוב". **אקש**, **קינדער פונ איינ פאלק**, מאָסקווע, ז׳ 66.

1938 " מיט א קליינעם נארוועגישן שיפל פאר
2030 **בייברעגישער** קאמוניקאציע ". **ד. קאמינסקי**, **אן ערשטער טראט אין דער אַרקטיק**, ווילנע, ז׳ 27.

ב**יי**ב ר ע נ ג ע ן -- **טרוו**. ( **ארכ** ) ב**יי**שט**יי**ערן.

1866 " דאהער איז נויטווענדיק איצט אין אונדזערע צייטן
2031 דערפאר צו זאָרגן, מען זאל זיי אויף קירצערע וועגן די אלע זאכן | יידישקייט=וויסן | **בייברענגען** ".
**קמ**, נ׳ 31, ז׳ 482.

ס **בייא ברענגן** .

1735 " אונ ווייל ער זייני ווארטן מיט גרוש פר שטאנד
2033 אונ שיני משלים **בייא גבראכט האט** |...| אלזו טונן דש מיינשטי פון אונזרי ספרי מוסר זייני ווארטן **בייא ברענגן** צו לערנן דעם מענטשן זיך אן צו גווינן דיא גוטי מדות ". **ר׳ שלמה זלמן לונדן**, אין זייך הקדמה צו זייך **איבז** פון **אורחת צדיקים**, **אמשט**.

ב יי ג -- דער, =ן. ( אויך פֿאַרשפּרייט א פֿאַרגרייזטע פֿאָרמע: בויג ). 1. דזוו ביי‌גונג ב 1.

1905 " מיט איין ביי‌ג מיט דעם גראָבן פינגער גיט ער זיך א פּשטל און מאכט אוועק אלעס אינטערן האנט". 2038

י. מ. אלפּעראָוויץ, דיא וועלט מלחמה, ווילנע, ז' 38.

" מיט אַנשטרענג קומט אים אָן יעדער ביי‌ג אויף צונויפֿפּנעמען שניי אין זיין זופּקענדל ". י. קאפּלאַן, שליאך און אומוועג, ז' 281.

2. אַן אויסקרימונג אין דער פֿאָרעם פון א בויג. % דער ביי‌ג פון טייך.

1924 " זי האט געקוקט אויף דער גאס, וואס האט זיך בייג פאַר בייג הינטער איר פֿאַרלוירן ". ע. וואַרשאַווסקי, 919

כאַליאַסטרע !!, פּאַריז, ז' 29.

1964 " דער ברעג פון ים ביי אשדוד איז א גלייכער, אָן דער מינדסטער אנדייטונג אויף א בויג, אויף אַן איינגוס ". ש. בן-ישראל, פּאר, VIII/5.

0 ביי‌ג-טאַבעלע - די, =ס. טאַבעלע פון דעקלינאַציע פון סובסטאַנטיוון, אַדיעקטיוון און געוויסע פּראָנאָמען.

1941 " וועלן מיר זיך דא ניט אריינלאָזן אין דער מעטאָדישער פֿראַגע, צי דאָס לערנען ביי‌ג-טאַבעלעס איז נוציק אדער ניט ". ימ, יידישפֿ I - 6. 2081

ב יי ג מ ו ס ק ל -- דער, =ען. | סטוטש 240 | אַ מוסקל פון דער בויך-מוסקולאַטור |?|.

ב יי ג אַ ס -- די, =ן. זייטיקע גאַס, געסל | יברכיהו ישראל, מלון יודי-עברי, 1947 |. 2054

ב ײַ ג אַ ר ט ל -- דער, =ען. ( ארכ ) " בײַטל
צו טראָגן ארומגעגאַרטלט אויפֿן לײַב ", [ יזפֿאַ,
1938, נ׳ 8 ], צו האַלטן געלט אונטערוועגס. 2059

1861 " מען האט דעם בייגארטל אָפּגעשפּראַנטשקעט און
אויפֿן טיש דאָס געלט איבערגעציילט ". י. אקסענפעלד, 2065
שטערנטיכל, לייפּציג, ז׳ 139.

1866 " ער האט זיך אָנגעטאָן ווי איין וועגסמאַן מיט
געלאָדענע געווער, מיט איין בייגארטל אַרום בויך 2078
וואָס וואַר פֿול מיט געלט". אמד, דער גואל, ווילנא.

1959 " וימלא, ער האט אָנגעפּילט זיינע בייגארטלען
מיט א סך רענדלעך זהב טהור און האָט זיך אוועקגעלאָזט 2079
אין די מרחקים ". ייט, טאָג, III/29.

7/שוו: א בייגארטל אָן געלט איז נאַר א שטיק לעדער -
וויכטיק איז דער תוך פֿון א זאַך, ניט די פֿאָרעם.

ס בייא גורטל, בייא גרטיל.

1610 " אונ׳ זיא זאלן מאכן דען בייא גורטיל=מבט=
בלוא זייד אונ׳ וואורמילן רוט |...| ". טח, שמות 2062
כח - ו׳.

1722 " דיא מוטר |...| האט גשיקט איין בייא גערטל
מיט געלט |...|". מהמ, קע/א. 2075

1676 " עש גינג איינר אויבר פעלד אונ׳ האט איין
בייא גורטל מיט געלט אם לייב ". בראנט, פרק יג. 2062

ב ײַ ג ו נ ג -- די, =ען. ( אויך פֿארשפּרייט א
פֿארגרײַזטע פֿאָרמע: בויגונג ). 1. אַקט אָדער
רעזולטאט פֿון בייגן ( זיך ).

1923 " דערבײַ איז זייער בייגונג | פֿון די קרומליניקע
קאָאָרדינאַטן | אַזאַ, אז די נאַטורגעזעצן פֿאַר דעם
וועלטפּונקט בלײַבן אינוואַריאַנט ". ק. גוטנבוים, 2178/ב
ספּעציעלע און אלגעמיינע רעלאטיוויטעט-טעאָריע, ווארשע, ז׳ 9

1962 " דער דאַך | פון דער שול | מיט די דעכעלעך און

בייגונגען זיינען כאראקטעריסטיש פאר די בויקונסט 2044/א בוי 854

פון הילצערנע שולן אין פוילן ". שלמה פארבער,

~~אין~~ יזכ ~~ספר-זכרון לקהילת~~ אולקניק, ת"א, ז' 225.

2.( גראַם ) דאָס בייגן די פאָרמעס פון געוויסע סובסטאַנ-

טיוון, אַדיעקטיוון און פּראָנאָמען אָפּהענגיק פון זייערע

פונקציעס אין זאַץ; דעקלינאַציע.

ב יי ג ז אַ ם -- אַדי/אַדוו. ( פאַרשפּרייטע גרייזיקע

פארמע בויגזאם ), ( דששמ ) 1. בייגיק, בייגעוודיק,

עלאַסטיש.

1930 " מען וועט אין אייראָפּע נישט טרעפן אזוי פיל

געטאַקטע פיס, אזוי פיל בויגזאמע שלאַנקע קערפּערס". 929

דאַ, פון בערלין [...], וואַרשע, ז' 50.

2, ( פיג ) נאָכגיביק, וואָס לאָזט זיך משפּיע זיין,

ווייך.

1975 " ווי אזוי קאָן א מענטש זיין אזוי בויגזאם

| אדוו | אָן אַ רוקנביין, גייען ווו דער ווינט בלאָזט?" 931

נ. יעלין-מור, אַלגעמיינער זשורנאַל, !/10.

|| בייגזאַמקייט -- די, באַ. דעטאַל פאָרמע פ' בויגזאַמקייט

... " די אַדערן זענען עלאַסטיש, באַזיצן אַ גרויסע

בויגזאמקייט און קענען זיך צופּאַסן צו דער בלוט- 2051

מענגע, וואָס זיי באַקומען פון האַרץ ". מ. לענסקי,

מאָדערנער פאַמיליענדאָקטאָר, וואַרשע, | ? יאר | , ז' 45.

1951 " מיר האָבן אין דער פאַבריק נאָכגעפּאָרשט די אייגנ-

שאַפטן פון אויסגעאַרבעטער לעדער, אויסגעפונען 2052

אירע דעפעקטן |...| צו געווינען בויגזאמקייט |...|".

י. פּרענקל, זב ליטע ~~[illegible]~~ !, נ"י, ז' 954.

?נ? ב יי ג יי ן -- טרוו. ( עלט?#רעג? ) 1. דורכגיין
נעבן | ישראל רובין, קשוו |.

2. אויסמיידן | ג. בערנשטיין, ייִשפּ XXIII - 2, ז' 50 |.

ם בייא גיין

1. <----------

" דא שפּראך משה, איך וויל דא בייא גיין און' זעהן
2084 דאס גרושי גיזיכט |...| ". י. בליץ, שמות ג - ג.

ב יי ג י ק -- אדי/אדוו. ( פֿאַרשפּרייטע גרייזיקע
פֿאָרמע: בויגיק ). % בייגיקער קערפּער.

1928 " פון דאַרטן | פון פּעקעלע | זיינען אַרויסגעפֿאַלן
2083 צוויי דינע בייגיקע שטיקלעך שטאָל ". פּ. בלום,
סטמום, מאסקווע, ז' 56.

" רחלע |...| איז געווען בלאס און בייגיק | אדוו |
ווי א פֿלאַנץ, וואָס פֿאַרבלאָנזשעט א מאָל אין א פּייכטן,
פֿינצטערן קעלער ". אַפּאַ, קלעצקין XI, ז' 163.

1951 " ער איז געווען הויך, בייגיק | אדוו |, ניט
2091 צו מאָגער |...| ". א. קאצענעלנבאגן, זב ליטע I
נ"י, ז' 1231.

2. דזוו בייגיק ב 2.

1949 " רויק און געלאַסן האָט ער גערעדט און אין אַן
2092 איינפֿאַכער פֿאָלקסשפּראַך, וואָס זי איז פֿון זיין מויל
ארויסגעפֿלאָסן אַזוי ווייך און בייגיק | אדוו |,
אזוי פּילפֿאַרביק |...| ". ל. קאברין, פֿאָאש I/21.

1961 " די נאַטירלעכע און כמעט אומגעצוימטע נטיה צום ווערב העלפֿט אַז יידיש זאָל זיין אימפּעטיק און ביי̆גיק 2101
| אדור | ". ים, יישפֿ XXI -2.

3. ( גראַמ ) וואָס דעקלינירט / קאָניוגירט זיך.

1946 " דער ביי̆גיקער ווערב איז אזוי ווי די אַקס וואָס זי באַוועגט זיך ניט און וואָס ארום איר קענען 2098
זיך איבערשטעלן |...| די אנדערע סדר - איינסן פון זאַץ ". ים, יישפֿ VI - 1 - 2.

|| ביי̆גיקייט -- די, באַ.

1955 " בכלל איז אפשר נישט כדאי צו רעדן וועגן די ריין דיכטערישע מעלות. זיין אויפֿטו איז דער עיקר 2106
אין דער ביי̆גיקייט פון לשון ". מ. רעכטמאן, יישפֿ XV - 3, ז' 82.

ביי̆גל -- דער, מצ ~~ווּאַז~~ דן. <D: Bügel

"וואָלף יונין איז זיכער אז דאס וואָרט 'בייגל' נעמט זיך פון דעם העברעישן 'בעיגול' ( אין אַ קרייז )" 2154
| ל. סענדערס, טאָג, V / 28. | 1. אַ געבעקס פון ווייצנמעל אין דער פֿאָרעם פון אַ רינג. % געפֿעפֿטע בייגל,

בייגעלעך -סושקעס, פּאָמפּערניקער-בייגל.

אניאַן-בייגל. רייזן-בייגל. געזאַטענע בייגל.

1877 " די ערשטע וואָס האָבן זיך ארויסגעוואַגט צו בילדן זיך אין דער נייערע צייט וואַרן אַזעלכע קינדער, 2218
וואָס האָבן ניט געגעסן בייגל מיט פּוטער ". אמד, דעם שבעים מאַלצייט, ווילנאַ.

1888 " נאַ דיר אַ גראשן און גיב מיר אַ בייגל ". ~~ממוס~~, ממוס, קליאַטשע. 713810

1919 " אויך מיר אַ קונץ צו זײַן אַ בעקער ! מען נעמט אַ
2165 טייגל און מען מאכט א בייגל ". יע, ווונדעראוצר
פון איד. שפראך, ווארשע, ז׳ 17.

1934 " פֿאַר וואָס איז א מיצווה עפּעס גראָד אום חנוכּה צו
2185 עסן מילכיקע בייגעלעך? ". הרב לוי גליקמאן,
זכרונות בית לוי, קעשענעוו.

2.( פיג ) א וויקלונג אין דער פֿאָרעם פון אַ בייגל.

1911 " הענגט זיך | ר׳ נתנאל | אָן אויפֿן פֿענסטער און
2174 וויל דווקא אַראָפּבאַקומען אַ בייגל פון דראָט ".
ווייס, א גנבה, שרעבערס, ז׳ 27.

1936 " ׳בייגל׳ אף צו ראטעווען איינעם וואס טרינקט
2110 זיך ". נאַד, טינט און פעדער, נ״י, ז׳ 120.

1960 " זי האָט די קינדער פֿאַרקעמט |...| און אַרויפֿגעצויגן
2118 די זעקעלעך עס זאָלן זיך ניט קאַרבן קיין בייגל".
פ. שטיינוואקס, טאָג, I/ 3.

בייגל=טרעגער. -- דזוו בייגל=בעקער

1867 " עפּעס איינער אַ בייגלטרעגער איז געווען מרדכי,
2210 ער האָט גערעדט אויף 70 שפראכן |...| ". לינעצקי,
קמ, נ׳ 31, III - 241.

בייגל=מאכער -- דזוו בייגל=בעקער.

בייגל=חלה - מין חלה וואס מען באַקט אויף ראש-השנה
און הושענא-רבה | געפֿלאָכטענע? |.

1945 " די ציבולניצע איז געווען די ׳ שוואַנענליד׳
2207 פֿון די פֿאַרשיידענע, יום-טובדיקע מאכלים וואס האבן
זיך געצויגן פון דער ראש-השנהדיקער ׳בייגל=חלה׳
ביז צו איר, דער מלפוחדיקער ציבולניצע אום
שמחת-תורה ". א. רייזען, יִקָשַפֿ V - 1.

בייגל=כאפּער -- א גנב וואָס קוואַפּעט זיך אויף
א קליינִיקייט; ציבעלע=גנב, אַ קליינער גנב. 2217

1889" קוק ניט וואָס מען רופֿט מיר יאָסקע בייגל=כאפּער,
איך קען!" י. ד. טאַיב, דער קדיש, ווילנא, ז' 15. 2213

" ווילסט זיין א בייגל=כאַפּער, א שינדלער -// זיי 1924
דיר, קינד מיינס ". מלה, די גאָלדענע פּאַווע, 2214
קליוולאַנד, ז' 148.

ליגן ( ארויפֿליגן ) דעם בייגל אויף עמעצן -
( שפּאַסיק ) וואַרפֿן די שולד אויף עמעצן.

1871 " צום סוף לייגסטו נאָר אויף מיר דעם בייגל".
א. ב. רוף, דער שיכור [...], ווארשא. 2153

1919" ווען איינער באשולדיקט דעם צווייטן, הייסט עס:
לייגט אויף אים ארויף דעם גאַנצן 'קוילעטש=בייגל'". 2169
יע, יידישע מאכלים !!, ווארשע, ז' 98.

1971 " לאמיר ניט פּרובירן אַפֿילו צו הילן זיך אין
נאַציאָנאַלער צדקות און וואַרפֿן דעם בייגל בבלויז 2109
אויפֿן קאָפּ פֿון אַנדערע פֿעלקער ". מ. קאַליקשטיין,
משיח'ס אייזל, נש' איק, ר"ה, ז' 56.

חוטא | כויטע | בייגל זיין | סטוטש 574 | זינדיקן
[שפּאַסיק וואַרשפּיל מיט ' חוטא בעגל'].

ליגן אין דר'ערד און באַקן בייגל – 1. פּירן א געמאַטערט,
הינטיש לעבן, זיין אין צרות. " המן האט געוואָרפֿן
אויף מרדכין אַן אייגל, היינט ליגט ער אין דר'ערד
און באַקט בייגל ". | פל |. 2. זיין צווישן
די פאַרשטאַרבענע.

לאַך פֿון א בייגל -- גאַרנישט, קיין זאַך ניט
| ~~פאַרגלייך~~ פירג: פֿון א שטיין די ווייכע, פֿון א קנעפּל
א רעשטע |.

א בייגל מיט א לאָך - ( שפּאַטיש ) וועגן נסים ונפלאות | וואָר: א לאָך אָן א בייגל |.

פֿאַרפֿאַלן הונט און בייגל - וועגן גאָר אַנווער.

ער כאַפּט נישט קיין בייגל פֿון מולטער - וועגן א ליטישן, אָנשטענדיקן מענטש.

ס'איז ניט קיין בייגל אויפֿצועסן -- ס'איז ניט קיין גרינגע זאַך.

וואס מיינסטו? כ'בין פֿאַר א גרייצער א בייגל? - איך האָב גאַרניט די ווערט?

פּפּ: גרינג ווי א בייגל אויפֿצועסן; גרינג ווי ביי א קאַזאַק א בייגל; קיילעכדיק ווי א בייגל;

ווי א בייגל א גראָשן - וועגן א ביליקער זאַך.

דרייען זיך ווי א בייגל - זיין בייגיק | אויך פֿיג |.

שוו: ווער עס ליגט אויפֿן אויוון קריגט ניט קיין בייגל.

אז אַן אָרעם בחור ווערט אַן אפּיקורס, עסט ער בייגל מיט חלב.

אז דער הונט האָט געכאַפּט דעם בייגל, זאָל ער שוין כאַפּן דעם סידור אויך -- דער וואָס האָט די הנאה, זאָל טאָן די אַרבעט אויך.

ערשט פֿון דעם דרייען בייגל ווערט מען זאַט - נאָך פֿון דעם לעצטן אָנבייסן, פֿון לעצטן מאכל ווערט מען זאַט.

ווערטלעך: געזונט זאל זיין דער וואס האט אויסגעטראכט בייגל עסן.

גיב מיר דעם בייגל און נא דיר די לאך.

א לאך פון א בייגל, א סקריפ פון א טויער - גארנישט, א פייג.

רעטעניש: אז מען עסט אויף א בייגל, ווו בלייבט די לאך?

באשייד ( ענטפער ): אין קעשענע.

" א ציילעניש פון א קינדערשפיל : בייגל, בייגל, וואסער - 2178

בייגל;בייגל, בייגל, א ש...ץ מיט אייער " | קטוו | .

........................................................

באמ: א ספק צי ס'איז אן אויסציילעניש פון א
קינדערשפיל | צו וווּלגאר! | . ..

........................................................

ב יי ג ל א נ ץ -- דער, =ן. צוגאבלעכער גלאנץ, בלישטש, בליאסק.

1924 " אין די קליידער פון ציווילע האבן זיך שוין באוויזן אריינצוגנבענען מאטע בייגלאנצן פון קאזארמע ". עוזר ווארשאווסקי, כאליאסטרע ב - II, פאריז, ז' 33. 2192

1935 " איצט איז זיין פנים געווען בלייך, מיט געלע פלעקן אונטער די אויגן, טיפע אויגן מיט א גרינ-בלעכן בייגלאנץ ". א. קאהאן, אהרן ליבערמאן, ~~ליבערמאן~~, קיעוו, ז' 229. 2191

ב יי ג ל אַ ר ק ע -- די, =ס. ( לאָקל, וואַרשע )
דזוו ביַיגלניצע.

1949 " זי, די ביַיגלאַרקע, האָט געטאַסקעט אויף זיך דעם שווערן יאָך פון א ברויטגעבערין ". פּאָול טרעפּמאַן, א געסל אין וואַרשע, מאָנטרעאָל, ז׳ 123.

.........................................................

באמ: א ספק אין אַרויסרייד פון וואָרט. איך פּויליש נישטאָ אַזאַ פאָרמע; פאַרוואָס נישט ביַיגלאַרקע?.

.........................................................

ב יי ג ל = ב ע ק ע ר - דער, =ס. ווּמ =קע (=ין),
בעל - מלאכה וואָס זיַין פאַך איז צו באַקן ביַיגל.
% ביַי יונה דעם ביַיגל-בעקער קען מען שטענדיק קריגן פרישע ביַיגל.

|| ביַיגל=בעקעריַי -- די, =ען.

~~ביַיגל-הענדלער(=ין)~~ 0

ב יי ג ל ד י ק -- אַדי. קיַילעכיק ווי א ביַיגל;
וועגן צעפּ: אויסגעפלאָכטן און פאַרלייגט ווי ביַיגל.

1923 " אַ פאַרשטריקלט בענדעלע א פאַרקניפּסט אין די דינע ביַיגלדיקע ליאַמעך-צעפּלעך ". אַ. קיפּניס, בארג - אַרויף, קיעוו. 2202

1941 " |...| די טאַכטער מיט די קורצע, ביַיגלדיקע פּיס ". ש. [ יהושע? ] שוואַרץ-ווייס, שטערנ זש נ׳ 3, ז׳ 19. 2203

ב יי ג ל ט אַ נ ץ -- דער, ~ טענץ. אַמאָליקער יידישער
טאַנץ אין אַ קרייז; בייגעלע, רינגלטאַנץ.

1844 " אין דר פריא | ל"ג בעומר | איז מען מתפלל,
נאך דעם זאגט מען פיל מזמורים און מען טאנץ איין 2209
בייגל טאננץ לכבוד ר' שמעון בן יוחאי עליו השלום".
ר' מנחם מענדיל בר' אהרן, קורות העתים, ווארשא.

1964 "|...| געטאַנצט אַ האָראַ אָדער אַן אַלטמאָדישע שער
נאר אַ היפּש געענדערט; אַ בייגלטאַנץ און אַמעריקאַנער 2208
פּאָפּולערע טענץ ". ש. סיימון, טמז, !!/14.

ב יי ג ל י ד -- דער, =ער. (גראַמ) טייל פֿון
אויסגעברייטערטן זאַץ, וואָס איז ניט קיין סוביעקט
אָדער פּרעדיקאַט. (צה וואָס איז ניט קיין הויפּטגליד).

1978 " די בייגלידער קענען זיין אַטריבוטיווע וואָס
ציִען זיך צו אַ סובסטאַנטיוו און אַדווערביאַלע וואָס
ציִען זיך צו אַ ווערב ". ימ, גראַמאַטיק פֿון דער
יידישער שפּראַך, ז' 62.

ב יי ג ל נ י צ ע -- די, =ס. בייגל-הענדלערין,
יידענע וואָס פלעגט פאַרקויפן בייגלעך אין די גאַסן,
אין מאַרק - אין קאָשיקעס אָדער אויף טישלעך. דאָס
וואָרט 'בייגלניצע' איז געווען אָנגענומען אין
ווילנע | יישפ~~xx~~ - 1, ז' 25 |.

ב יי ג ל ע ן -- טרוו. אויסבייגן, פֿאַרלייגן אין
דער פֿאָרעם פֿון אַ בייגל.

1938 " איך שפּיץ איז דאָך ניט מער ווי אַ הונט |...|
איז ער זיך ארויסגעלאָפּן אין דרויסן, געבייגלט 2225
זיין פֿוכיקן ווידל |...|". [מחבר?], זש שטערן
נ' ?, מינסק.

ב ײ ג ן -- טרוו. ( אויך פֿאַרשפּרייט די גרייזיקע פֿאָרמע בויגן ), פֿאַר געבויגן. 1. אריבערפֿירן א קערפּער פֿון א גלײַכער ליניע צו א קרומער; צוגעבן א קערפּער די פֿאָרמע פֿון א בויגן. % בייגן דראָט. בייגן דעם רוקן.

1910 " די אַלטישקע זיצט ביי דעם לעמפּעלע, //שווער און טיף איז איר רוקן געבויגן ". פּרוג, פּאָעזיע II, נ"י, ז' 115. 983

1920 " איר קאָפּ איז געבויגן אין טרויער - // און שוואַרץ, ווי די נאַכט, איז איר קלייד". דא, גש I, ווארשע, ז' 102. 984

1970/71 " דערנאָך האָב איך א בייג געטון א גראַטע און כ'האָב געזען, אז ס'גייט נאָך א בויג און נאָך א בויג - און מיין קאָפּ גייט שוין אדורך ". ר. לאחמאַן, יזב זלאַטשעוו, ת"א, ז' 332. 981

2. ( פיג ) ארויפצווינגען דעם ווילן אויף עמעצן, אונטערטעניק מאַכן; דערנידעריקן, [illegible]

1864 " נאָר א שולע קען אויסצייכענען דעם מענטש און שלייפן זיין שכל, בייגן זיין כאַראַקטער און אפילו זיין ווילדן רצון ". קמ, נ' 27, ז' 424. 2247

1882 " |...| האָט ניט פיינט דעם גראָשן, און דערמיט קען מען אים טאָקע בייגן ממזרח למערב ". ~~א. [illegible]~~ א. מרגליות. די געהיימניסע..., ווארשע. 2241

1941 " ווי מיין טאָכטער, בייגן אנידערבויגן האַסטו מיך ". תי, שופטים, יא - 35. 2237

3. דעקלינירן סובסטאַנטיוון, אדיעקטיוון און געוויסע פֿראָנאָמען.

1921 "די נאָמען פֿון אומבאַלעבטע זאַכן ווערן געבויגט פונקט ווי דער נאָמען פֿון די באַלעבטע זאַכן". ים, שול-גראַמאַטיק, [illegible] 2246

בייגן זיך -- רעפל. צו ב 1:% דאָס צווייגעלע

בייגט זיך גרינג.

1911 " בייגט ער זיך צו גיטלס פּנים און גיט איר א

2281 גרינגן קוש אין באַק ". ב. שאפּיר, אברהמל דער

שוסטער, אדעסא, ז' 16.

(13 ב 2 %)

ב בייגן זיך אונטערן יאָך.

1968 " | דער רבי | לאָזט זיך נישט בייגן פונעם דרך

2253 אין וועלכן אבותינו הקדושים זענען געגאַנגען

אלע יאָרן ". ש. רוזמן, ספר זכרון קדושים ליהודי

קרעפּוּורוס - מרמורש, רחובות, ז' 33. יזב 4

בייגן דעם קאָפּ - אונטערגעבן זיך, נאָכגעבן,

מוותר זיין פון שטאָלץ.

1968 " דו האָסט דיין שטאָלצן קאָפּ נישט געבויגן, ווען

952 זאָמד זיי האָבן געשאָטן אין דיינע אויגן ".

א. זשעלאזני, יזב אַטוואַצק, ת"א, ז' 1042.

בייגן דעם רוקן/קאַרק -- 1. דזוו דפוו. זייער

שווער האָרעווען, ארבעטן ווי א פערד.

בייגן זיך כורעים ( ומשתחווים ) צו -- דערנידעריקן

זיך.

בייגן זיך צו די געזעצן -- | סטוטש 52 | פאָלגן

די געזעצן, צופּאַסן זיך צו זיי.

בייגן זיך צו דר'ערד -- בוקן זיך; דערנידעריקן

זיך.

בייגן זיך ביזן בויך -- חנפענען זיך | קטוו | ,

בייגן זיך אין דרייען -- פון ווייטאק; פון הכנעה, חניפה.

1869 " פון וואנען וואקסט דער שפריכווארט 'ער בייגט זיך אין דרייען'? ווייל עס זיינען דא אין דער וועלט דריי זאכן, | און | ווען זיי בייגן זיך, איז עס א סימן פון עניות. איין שטוב וואס בייגט זיך |...| איין באווייז, דאס דער בעל-הבית האט ניט מיט וואס צו רעפערירן איר. די פיפע | פאס | בראנפן ביי דעם ישובניק ווען זי שטייט איינ-געבויגן, איז איין באווייז דאס דער ישובניק האט ניט מיט וואס צו דערגיסן איר, און איין טאכטער א מאד וואס איז שוין אזוי הויך אויסגעוואקסן דאס זי דארף זיך שוין איינבויגן בשעת די עלטערן דארפן איר בענטשן, איזט איין באווייז דאס זיי האבן ניט מיט וואס איר חתונה צו מאכן ". אמד, הונדערט פראגען אונד אנטווארטען, ווילנא, ז' 4.

1972 " |...| און זיך געבייגן אין דרייען ווי אדם
ווען די קללה פאלט אויף אים ". יעקב זיפער, 2260
אונדזער אייגן ווארט, נ"י, מארץ.

שוו: א יונג ביימעלע בייגט זיך, אן אלטס ברעכט זיך - א יונגן מענטשן קען מען נאך דערציען, ענדערן זיין כאראקטער.

ם ביגין

1. <------

... " יואב ווש צו דעם בוים גאר גוך. ער בוג אין אויבער
די מויאר ער ריף דעם קוניג זייך ". שב, פערז 981. 2240

|?| 1723 " ווען איין זאך וואש מוקצה איז |...| טאר
מן ניט מיט דיא האנט אראב נעמן נייארט מן זאל 2231
אזו אב שאקלן אודר ביגין דז עש זאל אראב פאלין
|...| ". דרך חיים, זאלקווא.

.2

1739 " ער | דער פֿרשטענדיגי | ער היבט אונ׳ קען

אך ביייגין זיין ווילין וויא ער וויל ". 2243

ספר מבחר הפנינים, הומבורג, לד - I.

ביגין זיך .

1686/1696 " אונ׳ דער איזל דען זאק גאר אונגלייך טרוג,

אויף איינר זייטין פאשט אלז הענגט דאז זיך דער א/2276

איזל בוג ". ספר משלים, פפדם, ל - II.

1716 " אונ׳ זיא ביגין זיך צו זיין דינשט, אונ׳

זארגן ניט פר גיברעך ". חה I, קנט - 1. 2276

ביי ג ע ב יי -- דאס, =ען. | אורו | בייגעביידע,

צובוי. ?נ?

ביי=ג ע ב יי ד ע -- די, =ס. | סטוטש | 113 |,

ביי-בנין, פֿליגל, צובוי. ?נ?

ביי ג ע ו ר ד י ק -- אדי/אדוו, פּפּ בייגיק.

( פֿארשפּרייטע גרייזיקע פֿאָרמע: בויגעוודיק ).

1. וואס לאָזט זיך בייגן; עלאַסטיש.

1920 " |...| דער גאַבורדיקער לייב, דער בייגעוודיקער

לעמפּערט, // דער פֿליגלדיקער אַדלער און דער 2307

איילנדיקער הירש ". הל, די שטאַל.

1930 " די בויגעוויקע הענטלעך זייערע האַלטן זיך אין

איין שטרעקן פֿאַרויס: מאַמע, גיב!", מיר אליין, 2305

קאוונע, ז׳ 10.

2. (פיג) וואָס קאָן זיך לײַכט בײַטן, וואָס איז
רײַך אין ניואַנסן (וועגן א שפּראַך, שטימע אַע)

1926 " אונדזער ייִדיש איז גענוג רײַך און שיין,
פּילפּאַרביק און בייגעוודיק | אדוו |, יאַדערדיק 2303
און אויסגעאיידלט ". ים, פון אַן אויסגאַבע פון
ייִוואָ, קאָוונע.

1959 " די טעאַטער-קונסט איז בכלל נישט אזוי בייגעוודיק
| אדוו |, נישט אזוי רײַך אין מעגלעכקייטן, ווי די 2302
קונסט פון וואָרט ". שנ, קריטיק און קריטיקער,
ב"א, ז' 291.

|| בײַגעוודיקייט -- די. בא.

1932 " דער אַלץ שטייגנדיקער אידעאָלאָגישער און קולטו-
רעלער ניוואָ פון די אַרבעטנדיקע מאַסן האָט געפּאָדערט 2290
אַלץ א גרעסערע בייגעוודיקייט פון דער שפּראַך |...|".
כ. האלמשטאק, לג צום 15 יארטאג אקטיאבער-רעוואליוציע,
ליטעראריש-לינגוויסטישער זאמלבוך, מינסק.

1958 " פּאַרקערט, וואָס מער בייגעוודיקייט דאָ ווערט
דערלויבט | אין גראַמאַטישע פּורעמס |, אַלץ ברייטער 2311
איז דער שטח פֿאַר סטיליסטישע ניואַנסירונגען ".
ים, ייִשפּ XVIII - 2.

ב ײַ ג ע ו ו י ר ץ -- דאָס, =ן. געווירץ, פּריפּראַווע.

1921 " ווען דער קריפּ איז נאָך יונג, ווערט ער גענוצט
אַלץ בײַגעווירץ ( פּריפּראַווע ) בײַ זאַלצן אוגער- 2313
קעס |...| ". פסח קאלאדני, גערטנערײַ, בערלין,
ז' 66. ?נ?

ב ײַ ג ע ו ו ע ן -- פֿאַר פון בײַזײַן ( <---- ).

ביי ג ע ל ע -- דאָס, =ך. 1. פּקפּ פון בייגל (געבעקס).

1931 " געוועז איז דאס א בייגעלע פּאַסטפּאַפּיר |...|". רעד אקש, 14 אָקטיאבערס, מאסקווע, ז' 326. 2326

1970 " אַ טאָג פֿאַרן ברית האָט מען באַקומען א האָניק-בייגעלע ". ש. לואל, יזב זלאַטשעוו, ת"אָ, ז'70. 2331

2. פּקפּ פון בויגן.

3. ( קצבֿיש ) מין קישקע | סטוטש 259 |.

4. אַלטמאָדישער טאַנץ.

1871 " איך האָב געמוזט מאַכן מיט זיי א שנאַפּס און דערנאָך טאַנצן מיט זיי אַ בייגעלע ". אמד, די גייסטער געשיכטען, ווילנאַ, ז' 14. 2321

1910 " די טענץ זיינען באַשטאַנען פֿון : אַ שיינע-מינקע, א ציפּע-ליפּע, א שעמעלע, א קוקאָוועקע, אַ ברוגז-טאַנץ, אַ גזלן-טאַנץ, א קאַזאַצקע, א בייגעלע און גלאַט אַ טאַנץ ". דער קאראבעלניקל, ווארשע; ציט ביי ה. ליבערמאַן, יִשׂפּ XX - 2, 1960. 2325

5. רינגעלעך פון ביין אָדער פּלאַסטיק אע ( קינדער-שפּילצייג ).

" 'בייגעלער', דה די ביינערנע רינגעלעך, וואס מ'טוט אָן די זויגקינדער אויפן האַלדז, זיי זאָלן דאָס אָרומבייסן, זיינען שעדלעך ". פּגעז, נ'5, ווילנע. 1925

ביי ג ע מ י ט -- דאָס, =ן. ( שנש ) צוגאָב-געפֿיל, ניואַנס אין שטימונג.

|...| אויסרוף |...| אַ באַקאַנטן ! מאַדאָנאַ ... אָהה " 1944

2338 אַצינד האָט דאָס געהאַט אַ שטאַרקן בייגעמיש פֿון קרענקליכער אויפֿרעגונג ". זש, קיסר און רבי, ז' 315.

ב ײַ ג ע נ ע ן ז י ך -- אוטוו. פֿצ נב.

ׄ זיך ענדיקן׳ (Lit: baigtis) לאַקל, שאַק׳, שידלעווע - ליטע, איר זיך זייער שלעכט פֿילן,

2298 ?נ? אויסגיין, האַלטן בײַים שטאַרבן אדער פֿגרן | קטוו |.

ב יי ג ע ר -־ דער, =ס. 1 ( אַנאַטאָמיע )

בייגמוסקל | סטוטש 240 |.

2. ( גאַרבערײַ ) דער בעל-מלאכה וואָס בייגט אויס יוכטענע שטיוול אויף אַ הילצערנער פורעם ( וואַלקער ), וואָס בייגט קעפּלעך פאר שטיוול.

2342 1931 " עס קומען אריין יאָשקע בויגער, פּײַוול שלאָסער, רחמיאלקע בעל-עגלה ". הל, הירש לעקערט, ווילנע, ז' 21.

2343 1935 " עס האָט גערעדט דער אַלטער כעמע, כעמע דער בייגער וואָס טוט אָן די שפּאַקולן באַם ריידן ". מק, זעלמעניאנער !!, מינסק, ז' 213.

ב ײַ ג ע ר ו ך -- דאָס, =ן. צוגאָבלעכער ריח,

?נ? גערוך | קטוו |

ב ײַ ג ע ר י כ ט -- דאָס, =ן. ‖ סטוטש 258 |

צושפּייז; אַנטאָנים: הויפּטגעריכט.

ב יי ג ע ר - ש ל י ס ל -- דער, =ען. | ספּעצ |

„א געצייג פון אן אייזן-בייגער" | קטוו |. 2349

ב יי ג ע ש מ אַ ק -- דער, בא. 1. צוגאָבלעכער
געשמאַק; בײַטעם.

1934 „ דער ווייסער ברויט, דער ווייצענער, איז טונקל
און מיט א געוויסן, דובט מיר, בייגעשמאַק". 2355
ד. מין, אקערשט פון מאסקווע, ווילנע, ז׳ 23.

1963 „ זי האט גלייך זיך באקלאגט |...| אויף דעם
ברונעם-וואסער, וואס האט געהאט א בייגעשמאַק פון 2353
ליים". באש, גימפּל תם, נ"י, ז׳ 210.

2. ( פיג ) שלעכט געפיל, איינדרוק וואס בלייבט
פון א ניט=איינגענעמער געשעעניש, רייד אא.
% פון דער באגעגעניש מיט דעם פארשוין איז מיר
געבליבן א מאדנע בייגעשמאַק.

ב יי ג ע ש ע פּ ט -- דאס, =ן. 1. צוגאב-פּרנסה,
זייטיקע ארבעט.

2. | סטוטש 484 | פיליאל פון א געשעפט, צווייג-
געשעפט.

ב יי ג פ אַ ל -- דער, =ן. ( גראם ) פאָרמע פון
ווארט, וואס ווייזט אן דעם בייט פון דעם גראמא-
טישן באטייט אפהענגיק פון זיין פונקציע אין זאץ.
% סובסטאנטיוון, אדיעקטיוון און אדיעקטיווישע
פּראנאמען האבן אין יידיש פיר בייגפאלן: נאמינאטיוו,
פּאסעסיוו, דאטיוו, אקוזאטיוו.

1951 " דער ליטווישער ייִד מאַכט דעם ענייִן אַ סך פּשוטער,
אנשטאט צוויי בייגפאלן פארמאגט ער נאר איינעם 2359
|...| וואס מען דארף אים רופן - אביעקטיוו".
ימ, ליטע I נ"י, ז' 454.

1963 " מיט די דריי גראמאטישע מינים בינדט זיך א
סיסטעם פון בייגפאלן ". ק. שיף, יִקשפּ XXIII-1. 2363

ב ײַ ג ר י נ ס -- דאס, =ן. א גרינס וואס איז ניט
קיין גרונטשפּייַז, נאר ווערט געניצט נאר צוליב
זייַן טעם, ריח.

1921 " פּעטרעשקע ווערט צומיינסט באנוצט אלס א פּארברא-
קעכץ, א בייַגרינס ". פסח קאלאדני, גערטנערייַ, 2365
בערלין, ז' 56.

ב ײַ ג ר ע נ צ ל ע ר -- דער, =ס. |סטוטש 116|.
אייַנוווינער וואס לעבט בייַ דער גרענעץ ?נ?

ם ב יי ד -- ←----- ביידע,

ב ײַ ד אַ ק -- דער, =עס. | ל2 | מין גרויסע
לאסטשיף, בארקע, גענוצט אויפן דניעפּער ~~און~~,
שווארצן ים.

1846 " אח"כ בא ביידאק אשר הלך על הנהר והצילו הא"י
האוחזים בהספינה והנטבעים לא ראו |...| ". 2378
קהלת יעקב, שו"ת, ווילנא, II/44.

........................................................... ?נ?

באמ: ס'איז דאך פּאקטיש אין גאנצן א העברעישער
טעקסט - פון וואנען איז געדרונגען, אז דער מחבר האט
עס פּארטייטשט אין יידיש ?
...........................................................

ביידאַק -- דער, =עס. (שלש) נאַר, שוטה
| סטוטש 340 |.

ביידאַרקע -- די, =ס. | סטוטש 173 |
2380 אַ גרינגער וואָגן אויף צוויי רעדער מיט אַ קעלנע
פֿאַר איין מענטשן אדער צוויי.

ביידיאַלעקט -- דער, =ן. | סטוטש 369 |
קאַנטדיאַלעקט, אַרטיקע ריידעניש, אונטעראָפּטייל
פֿון אַ דיאַלעקט.

ביידיקלע -- די, =ס. (לאַקל, <Lit: baidyklė
זאַמעט - ליטע). 1. אַ סטראַשידלע אויפֿן פֿעלד, ?
שרעקפֿויגל.

2. (פֿיג) אַ מענטש וואָס שרעקט אָפּ מיט זיין אויסזען
2386 ?נ? | ים, ליטע ~~[illegible]~~ !, ז' 467 |.

ביידיקעווען -- אומוו. < U: байдикувати
2391 בטלען, אַרומגיין ליידיק, פּוסטעפּאַסעווען. ?

ביידיקעס -- גענוצט נאָר אין אויסדרוק שלאָגן
ביידיקעס. <байдаки бити דזוו ביידיקעווען.
1931 " דער זיידע איז אוועק כאַפּן ביטשקעס, וואָלטסט
2392 בעסער געגאַנגען אים העלפֿן און ניט אַרומגיין שלינג
און שלאַנג און שלאָגן ביידיקעס". האַל/איבז
י. ביוואַלאַוו, פֿאַלונדרע, מאָסקווע, ז' 19.

1961 " דער טאַבעלשטשיק פֿון דער קאָלאָנע, א קרומער בחור,
2397 גיריקער צו שלאָגן ביידיקעס, האָט דער ערשטער איבער-
געלייענט דאָס קאַרטל ". י. פאליקמאן, לייב כאַדאַש,
סה, נ׳ 3, II/32.

ב יי ד ל -- דאָס, =עך. 1. פּקפּ פון בויד, ב....

1867 " מיט זיין אייגן ביידל איז ער געפֿאָרן מיט
2414 פארשוינען און |...| משא קיין בריסק ". קמ,
נ׳ 12, I - 94.

... " אפֿשר וועט איר מיינען, אז מיין ביידל האָט זיך
2426 איינגעגריזנעט אין בלאָטע און איך טראַכט דאָ ווי
אזוי ארויסצושלעפּן, נייך! " ממוס, דאס קליינע
מענשעלע.

" שפּאַנט שוין נפתלי זיין בלינד פּערדל צום ביידל ".
2404 ייז, ליימגרובן, ז׳ 127.

2. געצעלט, פראוויזאָריש הייזל, גאָרטן=הייזל, בודקע
( אויך פאַר קליין=מסחר ).

1865 " טראַקטירנע זאוועדעניעס, קעלערס, ביידלעך
2415 |...| מוזן האבן א סווידעטעלסטוואָ, אז זיי האָבן
אָפּגעצאָלט דעם אַקציז ". קמ, נ׳ 48, ז׳ 723.

1920 " די שטרויענע ביידלעך שטראַלן און פֿאַרען ארויסעט
2429 דעם טוי און דעם רעגן ". מק, פּאעמען, רייסן,
ווילנע, ז׳ 42.

1932 " פירט אים צו צו א ביידל, וואָס שטייט אין א
2402 ווינקל, עפּנט די טיר ". רעד אקש, דער וועג פונ
פֿאַראַט, מאסקווע, ז׳ 108.

ם ביידל.

1625 " אונ' דז זיא זיצן אין איר ביידל ( לארוב
2406 צו לוגן אונ' פנגן בהמות אונ' חיות |...| ". סהמ.
איוב לח - מ, לובלין.

1691 " דא גינג יונה אונ' |...| מכט זיך דארטן ( סוכה )
2400 איין ביידל אונ' זאס דרונטער אים שאטן ". סהמ
יונה ד ה, פראג.

ביידליפיק -- אדי. ( גראם, וועגן א
קאנסאנאנט אָנש ) וואס ווערט ארויסגעבראכט דורך
דערנענטערן ביידע ליפן; בילאביאל, צווייליפנדיק.
?נ? % ב, פ, מ, זיינען ביידליפיקע קאנסאנאנטן.

ם ביידנטהלפ -- אדוו. אויף ביידע זייטן
( געשריבן ).

..." פנים ואחור -- ביידנטהלפ, כמ' משני עבריהם
2536 ?נ? ( שמ' לב טו )". רייכלין 8, יחזקאל ב י.

ביידע -- פרא, איינער און דער צווייטער, אי דער
( די, דאס ) אי יענער ( יענע, יענץ ). % פון ביידע
זייטן. ער האט אונטערגעשפארט דעם וואגן מיט
ביידע הענט.

פל " איך אַן דיר און דו אַן מיר // קענען מיר ביידע
2468 ניט זיין.

1873 " היינט איז אונדזער ביידנס טבע אויך ניט גלייך".
ממוס, קליאטשע. ק' 238020

... " זיי זיינען דארט בײדע אנגאזשירט אויף א גאנצן

סעזאָן ". שע, בלאנדזשענדע שטערן II, אויסג 2490

ווארשע 1922.

... " בײדע רבנים זענען לומדים, בײדע האָבן זיך

געטראָפן פּונקט אין מיטן מארק ". פּרץ, בילדער און 2524

סקיצן.

1920 " א צערטלעכער טרוים וועט אונדז בײדן פארוועבן".

דא, גש I, ווארשע, ז' 40. 2442

1963 דערנאך האט ער דערהערט א שעפּטשעניש און א מורמלעניש,

און בײדע, טרײנע=רייצע און דער מאנסביל, האָבן ~~ק' 292/86~~

גענומען רופן שמע-ישראל ". באש, צוויי מתים..

[illegible] גימפּל תּם, נ״י, [illegible] 292/86

17 איינס פֿון די בײדע -- געזאָגט ווען מען פאָדערט

קאָנסעקווענץ, דעציזיע.

זיי בײדע - אן אויג מיט א ברעם - | קשוו | וועגן

צוויי געטרייע, אומצעשיידלעכע מענטשן.

בײדע אײדעם שײדעם -- עם-הארצישע פארגרייזונג פֿון 2450

א פּסוק אין דער פּסח-הגדה " בעדי=עדיים שדיים "

| בעאדי כאדאיים שאדאיים |.

הערן/ הארכן מ'ט בײדע אויערן - זיך צוהערן מיט

גרויס אויפמערקזאמקייט.

בײדע ווי פֿון איין עפּל -- ( פּפּ ) זייער ענלעך |קשוו|.

שון: ארויס פֿון בלאטע מיט איין פֿוס - ארײַן מיט בײדע -

( ~~לאקל,~~ רעג גאליציע ) ארויס פֿון איין צרה און ארײַנ-

געפאלן אין א גרעסערער. 2513

ם ביידּ.

2506 ... " דא די ביידּ ווידער קאמן ". מגל, ש' 308.

... " ער זעצט זיא ביידּ אויבן אן דען טיש ". שב,
2445 פערז 153.

1602 " אונ' אידר די אל די זיך זאמילן אים ראד מיט
2491 אננדר // דען עש זולן ביידּ מאנן אונ' ווייבר |...|
גיפנגן ווערדן ". מ. שערטילש, ספר ירמיה
ו, יא, פראג.

ב ײַ ד ע -- די, =ס. < P: bajda באָבע־מעשה,
בײַקע.

1938 " ער האָט זיך אָזש צעלאַכט. שיינע נײַעסן ברענגט
2542 ער דאָס |...| לויטער בײַדעס און פּוסטע זאַכן ".
מ. ווינער, קאַלעוו אשקענאַזי, מאסקווע.

ב ײַ ד ע ד י ק -- אַדי. (שנש) צווישנאַנאַדיק,
קעגנזײַטיק.

1967 " דער בורא דאַרף האָבן דעם מענטשן, ווי דער מענטש
2534 - דעם בורא. די שייכות איז ניט אַן אײַנזײַטיקע;
די באַדערפֿעניש - א בײַדעדיקע, און במילא איז די
שייכות אַן אינטימערע, א באַהעפֿטנדיקע. בצג, טמז
X/26.

ב ײַ ד ע מ ע ר -- מצ פון בײַדעס.

ב ײַ ד ע נ ע -- פּראָ. (דיאל?) בײַדע.

?נ? ... " ער נעמט אים איין בײַדענע אָרעמס ". י. פרידמאַן.

בײדענען -- טרוו. רעג, זאַמעט +, (< Lit: baidyti ליטע ) שרעקן, איבערעקן (בהמות, פֿייגלען אע, ניט מענטשן); פֿאַריאָגן, פֿאַרטרײַבן.

בײדענען זיך -- רעפל.

1951 " די ציג בײדעט זיך ניט פֿאַרן הונט ". ימ, ליטע I, ז' 467. 2541

בײדערבײ -- (פטמ) ‹----- דערבײַ.

בײדערזײַטיק -- אדי/אדוו. (ארכ) צווייזײַטיק, קעגנזײַטיק.

1870 " גאַנץ נאַטירלעך, אַז פֿון די חסידישע משפּטים, זייערע אורזאַכן, בײדערזײַטיקע טענות |...| איז 2547
ניט געאײַגנט דעם בעסטן באַגריף פֿון ייִדן אין אַלגע-
מיינעם צוגעבן ". צעדערבוים, געהיימניס פֿון בערדיטשעוו, ווארשע, ז' 67.

1925 " ערשט די צונויפֿגיסונג פֿון די דאָזיקע צוויי מאָמענטן: דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן - אין דער 2548
באַוועגונג פֿונעם ארבעטס-ציוניזם העלפֿט אויפֿקלערן די בײדערזײַטיקע פּגימות ". שלמה שילער, די גרונטפּרינציפּן פֿונם ארבעטס-ציוניזם, לעמבערג, ז' 6.

........................................................

באַמ: פֿון וואַנען די פֿאָרמע בײדער=? אין ייִדיש דאָ: בײדע, בײדן, בײדנס; בײדער - ניט געהערט.

ב יי ד ע ר ל יי -- פּרא ( אָלט ? ) ( פֿון )ביידע מינים, סאָרטן, געשטאַלטן; ביידע.

1865 " ווען דער מענטש טוט דיזע ביידערליי זאַכן כהוגן, דאַן איזט ער גליקלעך אויך אין דיזעם לעבן ". 2564
אמד, בן פּצק, ווילנא.

1889 " דאַרף מען פֿאַרשטיין צו וואָס זיינען נייטיק די ביידערליי | חוקים און משפטים | ". ר' יעקב 2561
מדובנא, (דובנער מגיד), משלי חכמה, ווילנא, 100 - II.

1968 " און מען האָט אויך אַרייַנגערופֿן נייַע רעדע=שרייַבער, ביידערליי, פֿון קאָנסערוואַטיוון גראַד און פֿון 2566
ליבעראַלן ". בצג, טמז, XI/3.

ב יי ד ע ר נ אַ כ ט -- אדוו פּר. ווען ס'איז נאַכט; ביי נאַכט.

פּל " צוועלף אַ זייגער ביי דער נאַכט, ווען אַלע מענטשן שלאָפֿן // טיר און טויער צוגעמאַכט, נאָר אַ 2574
פֿענצטערל איז אָפֿן ".

1833 " דוא זאלסט ניט איין שטעלין דיין לעבין צו גנבנין דעם מכס אודר צו גיין אליין בייא דער נאכט 2579
אודר צו גיין אליין אין וועג דארט וויא עש איז שכיח רוצחים ". ר' משה בר' נתן נטע, איבן, שבט
מוסר, סדילקאב.

1873 " האָב איך מיך טאַקע דערמאָנט, אַז הייַנט איז מיטוואָך ביי דער נאַכט, די סאַמע רעכטע צייַט פֿאַר ק' 427780
די לצים ". ממוס, קליאַטשע.

1951 " ווען איך האָב דרייַ ביי דער נאַכט דערלעבט צו זען דעם ערשטן נומער פֿון אונדזער צייַטונג, איז 2576
מיר געוואָרן לייַכט אויפֿן האַרצן ". א. מוקדוני, ליטע [illegible] I, ז' 1088.

ב יי ד ע ר ע ר ד י ק -- אדי. נידעריק, האַרט
לעבן דער ערד.

1922 " אויף טרוקענע און זוניקע, זאַמדיקע אָדער שטיי-
נערדיקע ערטער איז ניט שווער צו געפֿינען די קליינע
און געדיכטע ביידערערדיקע קוסטעלעך פון זאַמדפֿעפֿער".
א. גאלאמב, איבז ג. באַטש, געוויקסן I, ווארשע,
ז' 46.

1937 " דעם אַלטן איז איינגעפֿאַלן, אַז איצט |...| קאָן מען
2589 זיך ארויסבאַקומען פֿון דאַנען. האָט ער זיך |...|
אָן איינגעלייגטער און א ביידערערדיקער אַרויסגעשאַרט
פֿון פּלאַץ און געלאָזט זיך לויפֿן". ציים,
ברענענדיקע ערד, ווארשע, ציט-אַנט, ז' 491.

ב יי ה אָ ר -- במ. האָר וואָס וואַקסן אויפֿן נאַקן,
אויף דער פּאַטיליצע.

1861 " ער איז גיוועזין איין פרח. ער האט גיהאט איין
2591 גלאטין קאפ נישט מער הינטען האט ער גיהאט האר
ווי איין בייהאר". הרב ר' חיים כהן ראפאפורט
אבד"ק לבוב, שו"ת רבינו חיים כהן, לעמבערג,
חלק אבן העזר, שאלה כ"ט, דף ס"ד 3.

... " פארקעמט איז זי גאָר אויסטערליש |...| די בייהאָר
2594 פֿארנומען הינטן מיט א גאָלדענער קלאַמרע". פּרץ.
משופע, ז' 346.

1972 " חיים רומקאָווסקי האָט דערזען א פּאָר גרינע
2593 קליינע אויגן, ארומגעזוימטע מיט בלאָנדע, שטייפֿע
וויִעס |...|, מיט אַ שטייענדיקער קורצער גזשיוועקע
פון בלאָנדע בייהאָר". ח' ראזענפֿארב, דער בוים
פון לעבן, ישראל, ז' 515.

ב ײַ ה ו י ז -- דאָס, מצבֿ־הײַזער. | ~~מלון איד~~

2609 ~~עברי 1947~~ | בײַ=בנין, צבור, פֿליגל.

ב ײַ = ה ו צ א ו ת -- במ. | סטוטש 490 |

צוגאָב-הוצאות, זײַטיקע הוצאות.

ב ײַ ה י ל (ע) -- די | ? | ( אָסטאָנאָמיע )

פֿאָדערשטער טייל ( קאָפּ ) פֿון אַ קאָמעט | סטוטש 203 |.

ב ײַ ה י ל ף -- די, בא. מיטהילף, אונטערשטיצונג.

1940 " פֿאַר אונדזערע אויגן און מיט אונדזער בײַהילף

2614 יעדער פֿון אונדז האָט אויף אַזאַ אופֿן אָדער אַן

אַנדערן צוגעלייגט אַ האַנט דערצו ". א. קאַראַלניק, ~~קאַראַלניק~~

~~שריפֿטן II, נ"י,~~ ז' 223.

ב ײַ ה י ל פֿ י ק -- אדי. וואָס העלפֿט צו.

1970 " באַלעק האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן כאַראַקטער,

2616 אַ רויִקער און מילדער איז ער געווען, אַ גוטער חבר

און בײַהילפֿיק ". רעד ר. מאהלער, ~~ושבח~~ סאנץ,

ז' 688.

בײַהילפֿיק זײַן - קומען צו הילף, מיטהעלפֿן,

געבן הילף.

1895 " אויך איז ער שוין געווען דעם פֿאָטער בײַהילפֿיק

2619 צו זײַן פּרנסה ". אַנאַנים, אַמעריקאַנישע גליקן,

וואַרשע, ז' 11.

" טאָמער מאַכט זיך עפּעס, קען איך אפשר בײַהילפיק
2617 זײַן ". זש, קיסר און רבי, ז׳ 166,

1970/71 " |...| כ׳האָב זיך דערמאָנט אין אַן אדרעס,
2621 וואָס האָט מיר געקענט זײַן בײַהילפיק אין איצטיקן
מאָמענט ". ל. ווגדה, יזב זלאָטשעוו, ז׳ 302.

בײַ = הכנסה | בײַהאַכנאָסע | -- די, מצ
הכנסות | האַכנאָסעס |.| סטוטש 489 | צוגאָבלעכע,
זײַטיקע הכנסה.

בײַ העלד -- דער, =ן. " זײַטיקער העלד פֿון
2625 אַ ראָמאַן, פֿון אַ דראַמע ". ים, 1930.

בײַהעלפֿער -- דער, מצ בײַהעלפֿער/בײַהעלפערס.
צוהעלפער, מיטהעלפער.

1868 " דא האט שוין דער יונגערער מיט זײַנע בײַהעלפער
2627 באַקומען די בעסטע געלעגנהייט צו באַווײַזן אז
א דײַטש | אַן אויפֿגעקלערטער ייד | איז א גנב.
קמ נ׳ 11, !!! - 82.

1923 " איך בין זייער שטאַרק אַן אײַך אָנגעוויזן,
2628 און איר קענט זייער לײַכט זײַן א בײַהעלפֿער ".
ר׳ שמעון וואלף מרגליות, לב שמעון,
Büdszentmihály

בײַוואָרט -- דער, ~ווערטער. ( גראַמ ) דזוו
אדיעקטיוו, שם תואר.

1938 " אויך |...| זענען דאָ סובסטאַנטיווירטע
2634 בײַווערטער פֿון זאַכלעכן מין ". נפּ, יפּא, נ׳3.

1951 " ליטווישע ייִדן האָבן אַנגעוואָרן דעם דריטן, דעם נייטראַלן מין פֿון די זאַכווערטער און ממילא 2630
אויך פֿון די בייוווערטער ". ים, ליטע ! , ז' 451.

1958 " עס טרעפֿן זיך ביי אים נייע, פֿרישע און אַפּט אומגעריכטע בייוווערטער: שטילער וווּנדער, ליבער 2637
טרויער |...| ". שנ, ייד. שרייבער אין סאָוועטן פֿאַרב. , נ"י, ז' 356.

ביי וואָרצל -- דער, =ען. 1. (באַש).
" ביי איינטייליקע געוויקסן אַנוויקלט זיך דער הויפּט-וואָרצל כמעט גאָרניט און אַנשטאָט אים גייען 2639
גלייך אָפּ פֿון שטענגל עטלעכע וואָרצלען. כדי זיי צו אונטערשיידן פֿון הויפּט-וואָרצל רופֿט מען זיי
בייוואָרצלען. מיט דעם נאָמען באַצייכנט מען בכלל אַלע וואָרצלען, וואָס קומען אַרויס ניט פֿון שפּראָצל-וואָרצלען ". | איבז א. גאַלאַמב, ג. באַטש,
געוויקסן !!, וואַרשע, 1922, ז' 100 |.

2. (גראַם) צווייטיקער וואָרצל פֿון אַ וואָרט, באַקומט זיך דורך קלאַנגענבייט, למשל: קאָפּ-קעפּ, קעפּ איז אַ בייוואָרצל.

|| =דיק. " די גרעסטע בלעטער זיינען |...| די וואָס גייען אַרויס פֿון שטענגל גאָר אונטן ביי די 2642
וואָרצלען. אַזעלכע בלעטער רופֿט מען בייוואָרצלדיקע " | דצוו, ז' 14 |. % בייוואָרצלדיק בלאַט.

ביי ווינען -- טרוו. פֿאַר בייגעווויינט.
1. ביי זיין, זיין דערביי, זיין אויפֿן אָרט, מיטלעבן אַ געוויסע געשעעניש, אַנטייל נעמען.

1886 " אַלטע לײַט האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן זאַלכע
פֿרעסט ניט בײַגעווױנט ". אַלטער נערינסקי, 2650
א חתן אויף אויסצאהלין !, קעשענעוו, ז' 3.

1947 " ווער עס האָט בײַגעוווינט די שטאַרק באַזוכטע
מיטינגען און באַנקעטן פֿון דעם פּאַטראָנאַט, האָט 2652
באמת געפֿילט די פֿרייד, וואָס אײניקײט קען
שאַפֿן ". ד. טאַנסקי, יזב טשענסטאָכאָווער ייִדן,
ז' 301.

1971 " ווער וויל זיך דאָס שלעפּן צענדליקער מײַל
|...| בײַצוּװױנען אַ חתונה, וואָס דויערט 2654
פּופֿצן מינוט?" באַש, פּאַר, II/2.

1966 " ער האָט ניט בײַגעוווינט אַזאַ רײַכע סעודה ".
מ. צאַניך, אַרטאָפּאַנוס [...] ז' 131. א/2611

ם בײַיא וואהנן.

1713 " מיין גימאלין זליכע איבר איר אומפעסליכקייט/
קאן זיא ניט בײַיא וואהנן דיזי פרייד ". 2658
מכירת יוסף, פראנקפורט, ציט אווע, ז' 504.

1743 " עטליכי יהודים דיא פון ווייטן קאמין אונ'
האבן פיל אום קאשטין גטאן אום דיא קריגונג 2646
בײַיא צו וואונין ". שאר, עה.

ב ײַ ו י נ ק ל -- דער, =ען. (מאט) ווינקל
וואָס האָט אַ בשותּפֿותדיקע זײַט מיט אַ צווייטן
ווינקל; בײַליגנדיק ווינקל | סטושש 54 |.

ב יי ו ו י ר ק ו נ ג -- די, =ען. זייטיקע השפעה, ס'רוב געמיינט ניט געוואלנטשענע.

1933 " ערשט אין די לעצטע יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט איז באַאַרבעט געוואָרן די זייער וויכטיקע פראַגע 2666

וועגן די ביי־ווירקונגען פון מעדיקאַמענטן ".

וו. פערלמאַן, די היילקראַפט פון מעדיקאַמענטן, ווילנע, ז' 15.

ב יי ו ו ל -- ←------- באַוול.

ב יי ו ו ע ג -- דער, =ן. זייטיקער וועג.

1959 " ווי קומען אהער סתירות, ריסן, שאַפּלקייטן? טרעפן זיי זיך טאַקע אין דער אמתן נאָר אויף די ביי־וועגן, נישט אויפן דרך המלך פון טאַלסטאָיס שאַפן?" שנ, קריטיק און קריטיקער, ב"א, ז' 172.

ב יי ו ו ע ג י ק -- אדי/ אדוו. וואס געפינט זיך ביים וועג, לעבן וועג. % ביי־וועגיקע גראָז.

ביי־וועגיקער געוויקס.

1956 " סימנים האָט זי זיך געמאַכט אויף די בײַוועגיקע
| טעקסט: בײַוועגעדיקע | ביימער. ". פֿמ,
מלחמה I 1956 ז' 256.

1963 ..." איך דבֿורל האָט פֿײַנט זיך צו האַלטן בײַוועגיק
2674 אַדוו | און עצהס אין הילכות מאָדערנע סטראַטעגיק".
סוצ, פֿון I, ת"א, ז' 487.

בײַוועג-צײַכן -- דער, =ס. וועגצייכן, ~~טראַנספּאָרט~~ פֿאַרקער=סימן.

1969 " מיר דערקענען |...| געוויסע בײַוועג-צײַכנס.
2672 מיר האָבן זיך דאָך געטראָפֿן מיט זיי אַהער גייענדיק".
י. קיפּניס, צום לעבן, מאָסקווע, ז' 230.

בײַוועזנדיק -- אַדי. וואָס געפֿינט זיך אין א געוויסער צײַט אויף א געוויסן אָרט; בײַזײַיק, אַנוועזנדיק.

1937 " אין דער צייט פֿונעם ספּעקטאַקל האָבן די
2678 בײַוועזנדיקע סטאַרשינעס און זייערע דאַמען
אריבערגעפּעקלט פֿון בופֿעט אין האַלדז אַרײַן אַ היפּש
ביסל סאַמאַהאָן ". נ. אָסטראָווסקי, | איבז דורך ? |
ווי שטאָל האָט זיך פֿאַרהאַרטעוועט ", מינסק.

1970/71 " עס פֿירט זיך ביי לײַטן |...|, אַז מ'דאַרף
2680 פּרוּוון א שוחט, זענען דערבײַ די שענסטע און בעסטע
ייִדן פֿון שטעטל ". א. פּײַוולאַוויטש, יזב זלאַטשעוו,
ת"א, ז' 112. בײַוועזנדיק | טעקסט: בײַוועזנד|

בײַוועלדל -- דאָס, =עך. | מאַרק ווב 999 |
א קליין וועלדל, וואָס געפֿינט זיך לעבן אַ גרעסערן
וואַלד. ?נ?

בײַווערטלעך -- אַדי/ אַדוו. ( שנש )
וואָרט ביי וואָרט, ווערטערלעך ( וועגן איבערזעצונג ).

1947 " אָט איז דער אינהאַלט אין א בײַווערטלעכער
2687 איבערזעצונג פֿון רוסיש |...| ". רעד ר. מאַהלער,
טשענסטאָכאָווער ייִדן, נ"י, ז' 170.

ב'ייז I -- אדי/ אדוו. 1. שלעכט, שלעכטהאַרציק, רשעותדיק. % בייזער ווילן . בייזע כוונה.

בייזע מחשבות.

פל " טאָכטער דו מײַנע, |...| אַווו ביסטו געווען?
2800 ביי דער בייזער שוויגער, וואס ברומט ווי א טיגער".

1848 " און וועז עס זאל דיר אַנפלעקט ווערין מייני
2795 בייזי מעשים און מייני זינד וואלשטו פון מיר אנטלאפן גיווארן ". חה !!!, ב, ז' 95.

1911 " אוי, ביסטו א קלוגעטשקער, ישראליק! - מאכט
מיט א בייזן געלעכטערל דער אשמדאי |...| ". ק'1245160
ממוס, קליאַטשע,

2. אויפגעבראַכט, איך כעס, צאָרנדיק, % ער האט
גערעדט בייז, מיט רוגזא.

1888 " עטלעכע האבן אויסגעשטשירעט די אויגן, געקוקט
שרעקלעך בייז | אדוו | ". ממוס, קליאַטשע. ק'446280

1936 " מיט דײַן נישט גיין מאכסטו אים דאך אליין פאר א
2796 גנב, כ'זאָל מײַן מויל נישט צו בייז | אדוו פר |
עפענען ". ש. האַראָנטשיק, גאַנס משפּט, איך אנט, ז' 175.

1960 " דער ווינטער איז געקומען בייז | אדוו |
2823 מיט שנייען אַנגעהויפּנט ". יוסף רובינשטיין, מגילת רוסלאַנד, ז' 22.

... " מיר פּלאַצן אויס מיט געלעכטער |...|, די רביצין
2845 כאַפּט זיך אויף, דער רבי ווערט בייז ". פרץ XI ציקא, ז' 12 |?|.

3. שרעקלעך, סכנותדיק. % בייזע בשורה.

1867 " אויף דער פּראָווינץ האט מען געשמועסט, דאס
2697 מענטשן פאלן אין ווארשויא ר"ל איך די גאסן
אויף דער בייזן קראנקהייט ". ווארשויער יודישע צייטונג, נ' 30, ז' 275.

1896 " פארוואס האב איך זיך דאס פריער ניט ארומגעקוקט?
2697 אך, א ווילדע איילעניש, א בייזע בהלה איז עס אויף
מיר געווען! " ח. ד. גילדענבלאט, דער טעות,
ווילנע, ז' 25.

1910 " ציטערנדיק פון א בייזן אומבארעמדיק
2860 הערבסטוועטער איך מיט פון דעם שענסטן חודש פון
יאר |...| ". מר IV, נ"י, ז' 40.

ווארפן אויף עמעצן א בייז אויג -- | סטוטש 553 |
ווארפן אויף עמעצן אן אומחן, ניט קענען ליידן,
פארטראגן.

|| בילעך -- אדי/אדוו. א ביסל בייז.
... " א בייזלעכע אנטיפאטיע רעדט ארויס פונעם ארטיקל
3121 וועגן היינע |...| ". מון, ייבל I, ב |?|,
2 |?|.

בייז(ע) באגעגעניש -- אנשיקעניש, אומגליק.
... " ווו ערגעץ א מכה, ווו ערגעץ א שלאק, א פורעניות
2895 |...|, א בייז באגעגעניש -- באדארף עס זיי
ניט אויספעלן ". שע, קליינע מענטשעלעך מיט
קליינע השגות, ז' 157.

בייז באשריגעניש -- וועגן א גרויסער, גראבער
געזונטער מויד. "קוקט עס נאר אן: אזא
2930 בייז באשריגעניש און עס איז צו פויל צו ארבעטן!"
| קטוו |.

... " דאס מיידל איז יונג - קומט זי געשווינד צו זיך
2931 |...|, א 'בייז באשריגעניש' -- א מויד פון אכצן
יאר !" פרץ, שטעט און שטעטלעך.

ביין געריטעניש -- דזוו דפוו | סטוטש 117|.

ביין בלוט (מאכן, שאפן, קאסטן) גורם זיין פארדראס, פארביטערונג, פיינדשאפט.

1946 " אויב יא אזוי וועלט ניט געדארפט זיין די טבע איינצוטאמעוועו א כלומרשט קריגערישן מיטארבעטער מיט א מין מוסר-זאג -- א הנהגה וואס קען שאפן ביין בלוט צווישן שרייבערס ". א. א. ראבאק, יישפּ VI - 6 - 3, ז' 113. 2934

1948 " דא איז געשען א פאל, וואס האט דער שטאט געקאסט |...| פיל ביין בלוט, עס איז אויסגעבראכן א מחלוקה, וואס האט דער יידישער שטאט |...| ניט געבראכט קיין כבוד ". מ. באכנער, קהלת רושאנאוו, רעגנסבורג, ז' 42. 2933

בוגאר 55

א ביין הארץ (האבן, טראגן, נאכטראגן) -- אין כעס (זיין).

1975" אפילו די שוועסטער מיינע האבן געהאט אויף מיר א ביין הארץ ". באש, פּאר VI, 11. 2947

ביינער האלדז -- וואס איז גייציק, זשעדנע, וואס האט גרויסע אויגן.

1817 " ווען איינער איז ממיר פון זנות וועגן און ניט פון ביינן האלדז וועגן ". יהודה החסיד, ספר חסידים, ז' 3. 2944

.....................................

באמ: ניט קלאר דער באטייט פון "ביינן האלדז" אין דער ציטאטע פון ס' חסידים.

.....................................

בי - 138.

1868 " פֿע, פֿע, עס איז חולשה חלשות טאג און נאכט
3211 פרעסן און זויפן קדושה-געלט און דאָס נאָך אריינלייגן
דעם בייזן האלדז אין דער קדושה.". קמ, נ׳ 34,
!!! - 256.

בייזע צונג -- רכילותניק, לשון-הרעניק, פּליאטקעניק.

1870 " עס קען זיין, אז די בעלי-כיבודים לייגן זיך
3230 צונויף פון זייער קעשענע און מאכן א קערמישל,
בייזע צונגען זענען דאך אומעטום דא, קען מען חושד
זיין, אז דאס איז פון צדקה-געלט ".א. צעדערבוים,
געהיימניס פון בערדיטשעוו, ווארשע, ז׳ 47.

1969 " |...| מיט א קיילעכיקער באָרד, די האָר האָרט
3230/א ווי אין א באַרשט. בייזע צינגער האבן גערעדט,
אז ער שערט זי צו ". י. ווארשאווסקי, פּאַר,
!!/14.

בייז מויל -- דזוו דפּוו.

בייזע שעה -- שלעכטער מאמענט.

1868 " ער האט באדארפט פארשרייבן צו יענע קראנקייטן
3242 גאר ביטערע קרייטעכץ |...|, וואלט געוויס, אין
איין גוטער שעה ריידן, אין איין בייזער שעה
שוויגן, דער חולה געהאט איין רפואה ". דער אקציזניק,
זשיטאמיר, ז׳ 14.

בייזע יאַשטשערקע -- | סטוטש | 567 | אשה רעה,
בלבּטע.

בייז געוויסן -- | סטוטש 592 | שולדגעפיל.

בייזע חיה -- | סטוטש 247 | ווילדע חיה,

רויב=חיה.

בייז דערוואקסענע | סטוטש 85 | - איבערגעוואקסענע

( וועגן א מיידל ).

בייזע פרייד -- | סטוטש 571 | שאדנפרייד,

נקמה-פרייד.

א בייזע עין-הרע האט אים אויפגעגעסן - | סטוטש 245 | .

אנשטעלן ( מאכן ) א פרייילעך פנים ( א גוטע מינע )

צו א בייזן שפיל - מאכן אן אנשטעל, אז ס'איז

גוט אין א שלעכטן מצב.

1967 " ער'ט מאכן א גוטע מינע צו דער בייזער שפיל.

ער'ט אננעמען, ווי מ'זאגט, א מויל מיט וואסער".

י. ווארשאווסקי, פאר IIIV/26.

פפ : בייז ווי א הונט, ווי א כלב, ווי א כלבטע,

ווי א טיגער, ווי א שטעקן, ווי א צויג, ווי א

שלאנג, ווי א ( בעזדעטנע ) שוויגער, ווי א הונט

אויף א קייט, ווי א ווילדע חיה. אויסזען ווי א

בייזער יאר אויף אים, ווי א בייזער יאר אויף דער

לינקער זייט. צושטיין ווי א בייזע אנשיקעניש,

קענען ( וויסן ) ווי א בייזן שילינג ( וואר:

שילינגער, שילגערל, שילגערכיע ) - קענען זייער

גוט ( וועגן א נעגאטיוון פארשוין, דערשיינונג ).

אנהויב 19 יה"י איר קענט זיי ווי א בייזן שילינגער,

לאמיר נישט שמועסן פון אזעלכע מענטשן, וואס זענען

קיין לייט". גענארטע וועלט, סאוו אויסג, 1940, 3235

ז' 75

1867 " מילא אויף די טאַרגעס איז ער אויך געקומען, אלע, קענען אים ווי א בייזן שילינגער ". קמ, נ׳ 11, III - 82. 3238

1900 " מען קאַן אים ווי א בייזן שילינגער ". ש. ב, דער פיש מארק, ווילנא, ז׳ 5. 3141

1888 " היינט אין אונדזערע צייטן ווייסט מען שוין אמעריקע ווי א בייזן שילינגער ". א. ב. גאטלאבער, יוד. פאלקסביבל., נ׳ 1, קיעוו, ז׳ 255. 3237

זאל איך אזוי וויסן פון א בייזער וועטשערע - שווערט זיך איינער, ווען ער ווייס גאַרנישט.

1897 " אט לאָם אים אזוי פון קיין בייזע וועטשערע ניט וויסן, ווי איך ווייס ניט ווי מען רופט אים". א. י. בוכבינדער, דער קליגער פריקאשציק, ווארשא, ז׳ 26. 3158

קללות: א בייזן יאר אויף אים. א בייזע שאה ( נאַכט ) אויף אים. א בייזע מהומה ( מורא ) אויף אים. א ביידער גזר זאל אויף אים קומען. אלע בייזע חלומות צו זיין קאפ.

1867 " אלע מיינע בייזע חלומות צו זייערע קעפ. זיי ווילן שוין גאר קריכן צו דער לבנה ". מ. ח. לוצאטו, לישרים תהלה, אדעסא, ז׳ 36. 3163

... " אלע בייזע, וויסטע חלומות זאלן אויסגיין צו צו מיינע שונאימס קעפ!"* שע, טביה דער מילכיקער. 2846

פּוּל: אז מען איז בייז, בארגט מען ביים הונט דעם פיסק ( בייסט מען א קלעצל ). 2855

שון: דער ארעמאן האט א בייזן שלימזל -- דער ארעמאן האט קיין מאל ניט קיין מזל.

עס קומען מקבל פנים זיין דעם אָרעמאַן - אַ קאַלטער ווינט און בייזע הינט -- דזוו ~~דער~~ פריערדיקע שפּריכוואָרט.

פון בייזע לייט זאָל מען גיין אויף אַ זייט - מען דאַרף זיך דערווייַטערן פון שלעכטע מענטשן.

ווער עס ווייס(ט) ניט פון בית | ווערטערשפּיל: בית-בייז |, ווייס(ט) ניט וואָס גימל | גוט[1] באַטייַט.

דו ביסט זייער, בין איך גימל ( שפּאַטיש ).

נאָך דער קימפּעט נאָך אַ בייזע ברוסט -- עס גייט ניט; איין מכה נאָך דער צווייטער.

צוזאָגן און ניט געבן מאַכט אַ בייז לעבן - ווען ניט אָפּגעבן דעם נדן.

פון אַ בייזן הונט קען קיין גוטער לייב ניט אויסוואַקסן - אַ בעל-כעסניק קען ניט דערגייין צו אַ הויכע מדרגה.

אַ בייזע שפּיל קומט צוריק - אויב מען פאַרלירט איין מאָל, פאַרלירט מען אויך אַ צווייטן מאָל.

איר מעגט זײַן בייז, אָבער דעם טאָטן באַהאַלט -- אַ בקשה זיך ניט זידלען, ניט ריידן אין טאַטן אַריין.

אַז אַ בייזע בעל-הביתטע לייגט אײַן קרויט און שטעלט באָרשט, ווערן ביידע זויער.

ם **ביז, בויז.**

1. ←-------

1676 " בהעפּט מן זיך צו בויזי טייטן אז גינג מן פויר
2871 איין היישן קלק אובן |...| ". ברנט שפיגל,
פרק כב.

1723 " ווען די צייט ווערט קומן דאש דש ( קץ ) ווערט
2844 פר הנדן זיין דא ווערט הקבה אויף שטעלן איין ביזן
מלך |...| ". לט 1, 28/1.

2. ←-----

1686 " איר זייט נון גאר שאלקהאפטיג אונ׳ ביז ".
2834 ספר משלים, נ׳ - I - II.

1796 " אוך וואש מן זי איין רעט אין אירי ביזי מנהגים
2778 דש איז נאר איין ביזי תשובה ". י. מ. עפשטיין,
דרך הישר לעולם הבא, שקלאוו, פרק כ"א.

3. ←-----

... " מיט מואב אונ׳ מיט עמון האט ער | שאול | איין
גרושן שטרייט. // אונ׳ מיט דעם קויניג אדום הט
ער איין בויזיא צייט ". שב, פערז 245.

1743 " |...| דש ער דיא ביזי בריבן אונ׳ בפעהלן
2872 זאל צו ריק הולן ". שאר, 13 - 2.

4. ←-------

שלעכט. " ביז גישמאק " | שלעכטער גערוך |.

1610 " נאך סוכות איז ווינטר אונ׳ ביזר וועג דא ווער
2866 ישראל ניט גוט אויף צו גיין צום רגל |...| ".
טח - מדרש, במדבר כט - לה.

|?| 1739 " ווער זיך אין ביזי זאכין איין שטעקט,
2779 קומט איין פר דאכט ". ספר מבחר הפנינים,
הומבורג, כד - II.

ביזיס הערץ.

1739 " דער ( חכם ) זגט, ווער איין שטרק ביקיס נאמן אונ' ביזין טויט הבן ". ספר מבחר הפנינים, נא - I. 2836

בויז שעה

... " דוא זולשט אונש הון גירופן דען קויניג צו אנפפאנגן. אונ' העט איך גיהאלטן ביז דיא בויז שעה ווער בור גאנגן ". שב, סטראף 1619. 3183

ביין II – דאס, דע. ← ביינס [און II].

ביי ז - א וי ג -- דאס. א בליק, א קוק, וואס קען, לויט דער פאלקס=גלייבעכץ, שאטן דעם מענטשן אויף וועלכן מען קוקט, עין-הרע. % קיין בייז-אויג זאל איר ניט שאטן! ווארפן אויף עמעצן א בייז-אויג. ~~זאל איר ניט שאטן! ווארפן אויף עמעצן א בייז-אויג.~~

... " און די ליבע - איז פריי, אָן א בייז-אויג, אָן אייפערזוכט - גארנישט !" פרץ XI, ציקא, ז' 28. 2921

1925 " מענטשן שפייען אויך פון שרעק, פון כעס. דערפון שטאמט אויך דאס איינרעדעניש, אז מען דארף אָפּשפּייען אַן עין-הרע, א בייז-אויג". פגעז, נ' 3. 2885

1972 " אלטע ווייבער האבן זי אפגעשפיגן קעגן א בייז-אויג ". באש, פּאָר XI, 8. 2923

ם ביז אויג.

1610 " נאך מין איז מאן עז בישיידן דש ניט גיוועלטיגן אן זיינם זומין איז קיין בוזא אויגג אויך דא |...| ". טח - רשי, בראשית מט, כב. 2923/א

1723 " איין ביז הערץ אונ׳ ביז אויג טואט קיינים ניקש גיניך ". שמחת הנפש !!, פיורדא, כא. 2914

1794 " אך זאלשטו ווישן דר איין ביז אויג הוט צדקה צו געבן האט גמאכט דען משחית דר רעה הישט רואן אויף זיין געט | געלט |". ר׳ זאב וואלף בר׳ יוסף בק"ק ברלין, דרישת הזהב | הזאב |, נאווידוואהר, דף ל"ד/1. 2906

ביי זאך -- די, =ן. 1. א זייטיקע, צווייטיקע זאך, פון א נידעריקער מדרגה, א טפל.

1863 " איינע איז דער עיקר און די אנדערע איז נאר איין טפל, דאס הייסט די בייזאך". א. דאנציג, חיי אדם, מב/א, ווילנע. 2987

... " אז אירט וועלן, וועט איר זיין קענטעניש איז א ביי־זאך ". שע, פונ׳ם יאריד !!, ז׳ 254. 2981

1960 " די אלע זייטיקע פיגורן, וואס רעפרעזענטירן פארשיידענע סאציאלע שיכטן, זיינען אבער נאר א בייזאך, דער עיקר איז מ"ר סטאון ". שנ, שלום אש, נ"י, ז׳ 167. 2988

ם בייא זאך. 2. "גוטע מידה, חוץ לימוד תורה וקיום המצוות" | קטוו | .

1752 " אבר דר זעלביגר מלמד וואש הט יוא השגחה אויף דיא בייא זאכן מיט די קינדר צו לערנן דר ווערט בוודאי איין גרושן שכר האבן ". עח, נד - 2. 2990

ביי זאמען -- אדוו. צוזאמען.

פל " איינער איז קיינער וואס די אויגן זעען | טעקסט: זעין |, ווי גליקליך איז די שטונד וואס מיר בייזאמען גיין ". 2957

[אנהויב 19 י"ה] " איך ווייס, דו ווילסט און ווינטשסט מיך און זי ביַיזאַמען גליקלעך צו זען ". גענארטע וועלט, ציט סאוו. אויסג, 1940, ז' 80. 2961
איך קאָנ' ניטא!

1875 " עס ווערט פון זיי | פון די טעכטער | אייך אנדרוגינוס, ד.ה. אזוי איין מענטש וואס איז א געמיש פון א זכר און א נקבה ביַיזאמען ". אמד, דער בן יחיד, ווילנא. 2958

N921 1906 " עס ווייזן זיך חתן=כלה. זיי גייען ביַיזאַמען ". אש, א שטעטל, 141 ... 1921, ז' 141 2951

ליגן ביַיזאַמען -- 1. ליגן איינס לעבן דעם אנדערן. 27

1944 " |...| ליגן ביַיזאַמען איך גרויס שווייגעניש". ייט, פוילן I, ז' 167. 2954

2. זיין פאראליזירט ( געליימט ), אפגענומען ווערן.

1935 " רעכעלע איז געלעגן ביַיזאַמען, נישט געקאנט זיך אויפשטעלן און מען האט זי געמוזט אויפזעצן און אונטערשפארן ". באש, דער שטן פון גאריי, ז' 62. 2959

ם ביַיא זאַמין.

1739 " צווייארלייא קענין ניט ביַיא זאַמין זיין, איין גוט גמיהט און' גייציגקייט". ספר מבחר הפנינים, לח - I. 2960

ב יַ י ז אַ ץ -- דער, =ן. דער זאץ וואס איז אונטער- געאָרדנט צום הויפּטזאץ איך א סובאָרדינירטן באהעפט פון זאצן.

1958 " האבן זיך איך יידיש פארשפרייט לאנגע און שווערוואגיקע ביַיזאַצן, ספּעציעל די אטריבוטיווע 2997

בייזאצן וואס זיי הייבן זיך אן מיט: מיט וועלכן,
פון וועלכן, דורך וועלכן אאז"וו". ים, יישפ
XVIII - 2.

ב יי ז א ר ט י ק -- אדי. ( דטשמ ) 1. בייזמיניק,
סכנותדיק, שעדלעך פארן געזונט,לעבן. % בייזארטיק+
געשווילעכץ.

1929 " |...| דאקעגן די אומפארמעגלעכע קראנקע שטארבן
2966 פארהעלטניסמעסיק שנעל |...| צוליב דער בייזארטיקער
טובערקולאזע ". טאז, נ' 2,1.

1935 " |...| אינעם פעריאד פון פארלירן די פעיקייט
2969 צו באזייטיקן דאס וואסער, בייזארטיקער בלוטדרוק,
איבערוווקס פון א דריז אדג"ל ". הירש מאץ,
קורערטער אין טוריסטיק אין פוילן, ווארשע, ז' 248.

2. ( ארכ ) בייזווייליק, שלעכטהארציק.

1869 " איך ה... און אין דער אומגעגנט טראכט מען
2968 אויס פוסטע בייזארטיקע רכילות אויף יידן".
קמ, נ' 19, II - 226.

ם בייזארדיג.
2. <----------

1743 " |...| דש ער איין בייז ארדיג גזיכט האט גהאט ".
2967 מ. מן, שארית ישראל, אמשטרדם, כד.

ב יי ז ג י נ ע ר -- דער, =ס. ניט-פארגינער,
עמעצער וואס איז מקנא, ווינטשט יענעם שלעכטס.

1930 פונדעסטוועגן האבן בייזגינערס פון יידן איינגעזען
2999 אין די דאזיקע אקטן |...| אן ארויסווייז פון דעם
קיניגס פערזענלעכע קאפריזן ". זק איבז, שד, V,

1951 " א פנים אז דאס האבן אויסגעקלערט די בייזגינערס
פון די ארומיקע שטעטלעך, וואס האבן מקנא געווען 2998
פאלאנגע". ימ, לב ליטע ב - I, ז' 1471.

ב יי ז ה א פ ט י ק -- אדי. (דטשמ?) שלעכטהארציק.

1957 " קינס ברודער איז נישט געווען קיין בייזהאפטיקער
מענטש". ברוס, די שטילע ערד, ז' 266. 3002

1961 " יאסעלע באבצעס האט ביי זיך אין בייזהאפטיקן
קעפל נאך אלץ חניפהדיקע המצאהלעך געהאט". 3001
בערג, אויסגעווײלטע ווערק, מאסקווע, ז' 28.

ם בושהאפטיג, ביז האפטיג.

1602 " אונ' גין מיט אײטיל ליגן אום אונ' שטרקן
דיא בושהאפטיגן אויף דש זיא ניט ווידר קערן פון 3004
אירן ביזן ווערקין". מ. שערטילש, ספר ירמיה,
כג - יד, פראג.

1701 " אבר ער האט איין ביז האפטיג ווייב, דיא גאב
נימנט גערן עסן אודר טרינקן". מעשה בוך, 3003
מעשה קצ"ו, אמשטרדם.

ב יי ז ה יי ט -- די. בא. (עלט) דזוו בייזקייט.

1828 " איך האב גיטאן צוויי ארליי בוזהייט". סדר
תקון חצות, ווילנא והוראדנא. 3014

1876 " זיי טראכטן דארט פיל בייזהייט ~~סדר תקון~~
דיך צו פייניקן מיט גרויזאמקייט". מכירת יוסף 3009
שפיל, לעמבערג.

1953 " איך גרוב וועט קיין בלאטע ניט דרינגען, //
3066 די ביי-זהיית זי שווייגט פאר אים שטום ". א. ליעסין,
זב דוד עדעלשטאט - געדענקבוך, נ"י, ז' 83.

ם בושהייט, באזהייט.

1602 " ודברתי אונ' איך וויל דאש משפט איבר זיא
3011 רידן אום ווילן אירי בושהייט דאש זיא מיך פר
לוסן |...| ". מ. שערטעלש, ספר ירמיה,
א, טז.

1686 " אונ' זייך באזהייט שטיט ניט צו גרינדן | דעם
3013 רשעס |, דאמיט פאר טריב ער זייך צייט |...| ".
ספר משלים, נז - I - I .

ב יי ז - ווו, נ ד ע ר -- דאס, בא. אויסטערליש
געשעעניש. % מען לויפט אנקוקן דעם בייזן
ווונדער.

... " זיך צונויפגעלאפן ווי אויף א בייז - ווונדער ".
שע, XIII, ז' 139.

1929 " אויף וואס פאר א בייז-ווונדער איז מען זיך
2901 אהער צונויפגעלאפן ". בערג, איך א פארגרעבטער
שטאט, ווילנע, 1929 ז' 24.

1968 " מען האט מיך ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט
2754 אויסגעגלאנצטע אויגן, ווי אויף א בייזן ווונדער ".
מ. ראקאווסקי, יזב אטוואצק, ת"א, ז' 959.

ב יי ז ווו. ק ס -- דער, =ן. | אוו"ו | . ( מעד )
א בייזווויליק געשוויר.

ב יי ז וו ק ס י ק -- אדי. |אוװ|. ( מעד )

שייכדיק צו א בייזוווקס.

קויזוויכט

ם | בייזוויכט | בוי ז וו יאָכ ט -- | דער ? | .

א רשע, א מנוול.

[15] יי"ה" ( אחש צו המן ) דו רעכטר בויזוויכט, נון מך

דיך היך אויש !" מגל, ש' 1274. 3040

... " דוא שלאגשט נאך דיינר מוטר דוא בויזוויכט

יהונתן ". שב, 499. 3050

1676 " זאגט שלמה המלך איך משלי ( תקות רשעים תאבד )

דז איז טייטש די האפונג פון דען בויז וויכטר 3048

איז פר לוריך ". ברנט שפיגל, פרק כח.

1783 " דרום וואר דאש שפריך ווארט פון בייזוויכט

ניט אויז איין בייזוויכטר". ר' יעקב בר' מתתיהו הלוי,

תם וישר, זולצבאך, דף יא - ז.

ב יי ז וו י ל -- דער, בא. ( שנש ) דזוו בייזווילקייט.

1968 " קומט אן דער שטן מיט בייזוויל און שפּאַט און

נעמט און צעמישט די געדאנקען ". י. מאַניק, 2948

איך מיין גלעזערנעם טורעם, ת"א, ז' 114.

ב יי ז וו י ל י ק -- אדי/ אדוו. 1. וואס איז

געטאן אדער געזאגט מיט שלעכטע כוונות, אויף צו

להכעיס.

1912 " סוף=כל=סוף - וואָס גייען אונדז אָן די

בייזווייליקע עם-הארצים?" זשיט, שריפטן IV, 3069

נ"י, ז' 136.

1964 "מיר קענען גוט די 'אלגעמיינע פארשפרייטע

מיינונג' - די דורך און דורך פאלשע, ממש 3062

בייזווייליק = לינגערישע". לע, טמז, 7/X.

3065 1970/71 " זיי האבן <u>בייזווייליק</u> | <u>אדוו</u> | אנגעצונדן די שרפות און פארברענט |...| יידיש האָב און גוטס".
<u>י. באָגדאַן, יזב זלאטשעוו</u>, ת"א, ז' 361.

2. ( <u>באַט</u> ) שעדלעך. % <u>בייזווייליק</u> מיסטגראַז.

3076 1941 " |...| איינצושליסן זיך אינעם אנגעשטרענגטן אַלפּאַרכאַפּנדיקן קאמף מיטן <u>בייזווייליקן</u> גרינעם שונא - מיט די ווילדגראזן ". <u>מ. אלבערטאנ, ניט אויסגעטראכט</u>, מאסקווע.

||=<u>ייט</u>.

3074 1951 " די יידישע סיים-פראקציע |...| האט געפירט א שטארקן קאמף קעגן דער אדמיניסטראטיווער <u>בייזווייליקייט</u> ביים טאקסירן און איינמאָנען די שטייערן ".
<u>רעד מ. סודארסקי</u>, <u>ליטע</u> ~~[illegible]~~ <u>I</u>, ז' 148.

ב יי ז וו י ל נ ד י ק -- <u>אדי/ אדוו. דזוו בייזווייליק</u>.

3080 1921 " ניט פאַרשאַרט דיך, נאר די האַרטע ריטעלעך // אויסגעריבן און צייזייט אויף דיר <u>בייזווייליקנדיק</u> | <u>אדוו</u> | ". <u>אקש, ווענט</u>, קיעוו, ז' 17.

3083 1936 " א באנדע <u>בייזוועקער</u> האט מיך איינגעקרייזט ".
אופּבּ <u>נג, תהילים</u>, נ"י, כב - 17.

בייזוועקער — דזוו, מג דגש. (<u>אוב</u>) רשע, רייצער מענטש

ב יי ז יי ט -- די, =ן. בייליגנדיקע זייט

3084 | טערמינ' געאָמ' און טריג', ווילנע, (?) 1921|.

ב יַ ז יַ ק -- אדי. וואס געפינט זיך ערגעץ אין
א געוויסער צייט; אַנוועזנדיק.

1972 " אלץ האט עדות געזאגט, אז טלעכע פון די
3091 בייזייקע שטאמען פון רוסלאנד ". סימה, באגעגעניש,
~~איך~~ 85 גק, נ' 77, ז' 86.

|| זייט.

... " געניטן אייביקע גליקזעליקייט אין דער בייזייקייט
3089 פון גאט ". 85 דווקא, 46 - 47 | נומער? יאר? זייט?|

ב יַ ז יַ ן I -- אוטוו. פאַר בייגעווען; | ניט
געניצט אין דער איצטיקער צייט |. געפינען זיך
ערגעץ אין א געוויסער צייט.

1922 " דורך א מיספאַרשטענדעניש זיינען בייגעווען
3092 אויף דער אלגעמיינער פארזאמלונג אייניקע פריוואטע
פערזאנען ". ב. האלפערן, א האנטבוך |...| פון א
פאלקסבאנק, ווילנע, ז' 50.

|?| 1948 " אויף פסח פלעגט ער מיט זיך מיטפירן מעל
3093 פאר 'מצה שמורה', און ער פלעגט אליין בייזיין
ביים מאַלן די 'קמחא דפסחא'". 85 גאפ, נ' 8, ז' 25.

1973 " דערביי האט ער | וויזא | מיט עקסטרעמער
3095 סאדיסטישער תאווה געצוונגען דעם יודנראט בייצוזיין
די | טעקסט:דער | סצענע פון אויפהענגען |...|".
ענצ. גלות-לענדער ב' 9, גראדנע, ז' 692.

|| בייזייער | סטוטש 111, 305 |.

ב יַ ז יַ ן II -- דאָס, באַ. דאס געפינען זיך,
זיין ערגעץ אין א געוויסער צייט; אַנוועזנהייט.

1868 " דערויף האבן זיי מיט באוויליקונג |...| די

[טעקסט: שול]

שול אײנגעװײטע ~~איך~~ אום ביַיזיַין פון נאטשאלסטװע".

קמ נ׳ 50, III - 370.

1947 " |...| היות װי די דאזיקע פראגראם איז פונאנדער-
געװיקלט געװארן אין ביַיזיַין פון גדולים פון 3096
דער ריַיך-רעגירונג ". מון, היטלערס פראפעסארן, ייִ
ז׳ 120.

1972 " די צענדליקער װאנדערנדיקע ׳יידיש=דייטש=
טעאטערס׳ אין די רוסישע שטחים |...| זײַנען געװען 3102
אויסגעשטעלט אויף |...| דעם חסד פון טשינאװניקעס
אדער פאליציאנטן, װאס אין זײער ביַיזיַין האט
מען געמוזט ריידן מיט פּתחן ". ר. גאלדבערג,
גק, נ׳ 77, ז׳ 80.

ם ביַיא זיַין.

1743 " אך שרייבן זיא | די סופרי האומות | דש ער
איין מאל אין דש ביַיא זיַין פון דען קיסר אונ׳ 3100
אלי זייני העריך איין גאנצי װאגן מיט האי מיט
דען פור מאן מיט פערצן איין גשלונדן האט ".
מ. מן, שארית ישראל, לח - 2.

ב יַ ז י צ ן -- אוטװ. | סטוטש 111 | זײַן א
ביַיזיצער.

||יק= | סטוטש 111 | .

ב יַ ז י צ נ ד ע ר -- דער. דזװ ביַיזיצער.

1866 " לויט דער נײַער פאלאזשעניע איז דערלויבט יידן
זאלן אויסקלייבן צװישן זיך א זאסעדאטעל ( ביַיזיצנדן ) 3111
אין אויעזדני סוד ( קריַיזגעריכט ). ~~צאזד=בדערצא~~
מאטל ברעטמאן, קמ, נ׳ 31, ז׳ 485.

ב יי ז י צ ע ר -- דער, מצ בייזיצער(ס), וום =ין.

1. עמעצער וואס זיצט דערביי ( אויך ביי קראַנקע ).

1957 " איך האב נישט ארויסגעלאזן פון אויג דעם אומבאקאנטן; ער האט עפעס דערציילט זיינע בייזיצער". 3116
פאריזער צייטשריפט, נ׳ 17, ז׳ 113.

1961 " זי איז געווען ניט מער ווי א בייזיצערין, א מין צושאַקלערין מיטן קאפ ". ל. מארגאליס, 3119
פאר, VIII/20.

1964 " די ׳חברת לינה׳ |...| האט פארזארגט ארעמע קראנקע מיט א נעכטיקער און בייזיצער". ד. ן. 3115
ספר פשמישל, ת"א, ז׳ 436.

2. אַסעסאַר, מיטריכטער ( אין געריכט ).

1940 " אַלזאַ, צי זיינען אלע דא פאראן, די בייזיצער? דער פראַקוראַר? די עדות? " אקש, מיזרעכ און 3112
מיירעון, מאסקווע, ז׳ 44.

1970 " ווען עס איז געקומען צום ציילן די שטימען, זענען אלע בייזיצער, פון דער וואל-קאמיסיע אריינ- 3113
גערעכנט, געבליבן געפלעפט ". ר. מאהלער, [?] סאנץ,
ת"א, ז׳ 574.

ב יי ז ל -- דא, =עך ( לאַקל? ) באנדיט.

... " אין דער וואַרשע סלאַבאַדע איז געווען א שטארקע נאַסט פון בייזלעך ". א. קיפניס, פרייד [?]. 3135

ב ייז- מ י נ י ק -- אדי. ( אַווו ) ( ווען קראנקייטן ) וואס איז שעדלעך, געפערלעך; בייזוווקסיק.

% מען האט געפונען ביי אים אין מאגן א בייז-מיניקן געשוויר.

ב יי ז נ ע מ ע נ י ש  -- דאס, =ן. מיאוס צונעמעניש,
שם גנאי. % " נו, זאג אליין - האב איך פארדינט
אט די אלע בייזנעמענישן?" | קטוו |. 3142

ב יי ז ס  -- דאס, בא. שלעכטס. % זי האט אויף
אים אויסגערעדט אַל דאס בייזס.

1813 " דער וואס קלערט בייזס צו טאן קומט אויף אים
צוריק אויס ". מס. משלי, תקע"ד, יא - 27. 2848

1848 " און איך דעם פסוק וואס שטייט אין תהילים:
קער אפ פון בייזס | טעקסט: בייז | און טוא 2892
גוטס איז דרונן אוך איין גישטעלט פיל מצות ".
חה !!!, ז' 55.

1452 " ווי קען מען בייזס | טעקסט: בייז | אויסראַטן
מיט בייזס | טעקסט:בייז | ווי קען מען באשטראפן 2840
פאר בלוט מיט בלוט ". שנ, ה. לייוויק 1888 -
1948, ז' 247.

מיט בייזן -- מיט שטרענגע רייד, מיטלען,
בגוואַלד.
רעדן מיט בייזן - שרעקן, סטראשען. מיט גוטן אדער
מיט בייזן. % דו וועסט מיר מוזן אפגעבן דעם
חוב - מיט גוטן אדער מיט בייזן.
זאל איך אזוי ( ניט ) וויסן פון קיין בייז
( וואָר: ניט אָנזען קיין...) - באשווערט זיך איינער,
אז ער ווייסט נישט גארנישט.

ב יי ז - ס י מ נ ד י ק  | סימענדיק | -- אדי.
(אורו ) וואס זאגט אן שלעכטס. % בייז- סימנדיקע
בשורה.

ב יי ז ע ב י ש -- דאס. קומט [נאָך] אין דער קללה:

׳ א ביי**זעניש** זאל ( וועט ) קומען אויף אים ׳.

<u>פרגל</u>: א בייזער יאר (א בייזע שעה) אויף אים.

1972 " עס האט געגעבן א קלינג ארויס פון אים מיט אזא קראפט, ווי דער אלמעכטיקער אליין וואלט אים 3169
אונטערגעפליסטערט דעם פסוק: אלע זיינע פארצערער וועלן פארוויסט ווערן, א <u>בייזעניש</u> וועט קומען אויף זיי ". <u>ח. ראזענפארב</u>, דער <u>בוים פון לעבן</u> <u>I</u> , ישראל, ז׳ 532.

ב יי ז ע ע ר -- דער, =ס. | <u>סטוטש</u> 305, 318 | עד=ראיה. % דער באשולדיקונגס-אקט האט זיך געשטיצט אויף דעם עדות=זאגן פון עטלעכע <u>בייזעערס</u>. ?נ?

ב יי ז ע ר -- דער, <u>בא</u>. כעס, רוגז; אויפגעבראכטקייט.

1886 " ווייטער רעדסטו אזעלכע נארעשע ווערטער ? - האט מינקע מיט א <u>בייזער</u> געזאגט ". <u>אלטער נערינסקי</u>, 3206
<u>א חתן אויף אויסצאהלין</u> <u>I</u>, ~~קלשונלאב~~ [illegible], ז׳ 30.

1934 " מיין טאטע איז געשטארבן |...|, זיס איז געווען זיין גלעט און נישט ווייניקער זיס זיין <u>בייזער</u>". 3209
<u>הרב ר׳ לוי גליקמאן</u>, <u>זכרונות לבית לוי</u>, קעשענעוו, ז׳ 53.

1955 " ווייס מען ניט |...|, ווען מע זאל // מיט א <u>בייזער</u> אינעם קול // הדר=יינגלעך, ווי דער סדר// זיי ארויספּראַווען אין חדר". <u>מל</u>, <u>לידער און באלאדן</u> <u>II</u>, נ"י, ז׳ 176.

ם <u>ביזר</u> -- שלעכטס.

1625 " אונ׳ דרום איז בילך דז דוא זאלשט דיא רשעים פר לירן, ( לא יגורך ) אונ׳ עש קאן ניט וואונן 3207

בייא דיר איין ביזר ". סהם, תהילים ה׳ה, לובלין.

ב יי ז ע ר ד י ק -- אדי/ אדוו. וואס בייזערט זיך.

1935 " מיר פלעגן ליב האבן צו הערן דעם אינסטרוקטארס

שוואכן קול. אפילו א בייזערדיקן האבן מיר ליב געהאט 3243

צו הערן ". מאטע דעכטיאר, א דענקמאל, זש

סאוועטישע ווייסרוסלאנד, מינסק, ז׳ 117.

ב יי ז ע ר ה יי ט -- אדוו. בייזערנדיק זיך, מיט כעס.

1929 " דער קעניג האט בייזערהייט זיך אפגעבילט: איך

האב זיך אוודאי געפלייסט אויפטאן ווי צום בעסטן 3244

|...| ". אי. קיפּניס, איבזן מארק טווען,

העקלבערי פין, קיעוו.

1951 " א מאל פלעגט דער פויער אליין פלוצים זיך צעלאכן

אדער בייזערהייט שלעפן א יידן צום רב ". 3215

א. קאצענעלנבאגען, ליטע לב, I, ז׳ 342.

ב יי ז ע ר י ק -- אדי/אדוו. בייז, מיט כעס.

[אנהייב 19טן י"ה] " סוחר ( לאכט ): דעם רבין מיינט איר

אוודאי? שרייבער: וועמען דען? ( ווייטער בייזעריק) 3246

וואס דאס ים ווארפט ארויס, קומט אלץ אהער ".

גענארטע וועלט, סאוו. אויסג, 1940, ז׳77.

... " און אז ער האט געוואלט אפשטעלן א בייזעריקן

בליק, האב איך אים גאר אראפגעדריקט די ברעמען 3256

און די אויגן פארמאכט ". פרץ II, ציקא:

1968 " די | זיסל | איז שוין הייזעריק |...|.//, צום

טיוול, באַלבאַס - שרייט בייזעריק ". י. מאניק, 3245

איך מיין גלעזערנעם טורעם, ת"א, ז׳ 135.

ב יי ז ע ר ן -- טרוו. מאכן בייז, אריינברענגען אין כעס.

1972 " אלץ, וואס בייזערט מיך אין יענעם אַפּט, // בין איך דאך קליין אויף דעם געשטראָפּט ". בוימוואל, איבערשפּאנען, גק ב׳ 76, ז׳ 161. 3252

ב יי ז ע רן ז י ך -- אוטוו. זיין אין כעס, רעדן מיט כעס. % בייזערן זיך אויף עמעצן.

1816 " אל תהי נוח לכעוס, זאלשט ניט זיין גרינג צו בייזערן זיך ". פרקי אבות | ... | עם תרגום על לשון לעז, אוסטרהא.

1863 " איינער איז א גרויסער בעל-כעס און בייזערט זיך שטענדיק ". א. דאנציג, חיי אדם, כח/א, ווילנע. 3269

1911 " טו וואס מען הייסט דיר - בייזערט זיך אויף מיר דער אשמדאי ". ממוס, קליאטשע, ק׳439320

1972 " דער ייִנגערער דור האט זיך געבייזערט הלמאי מע קען ניט געניסן פון די וווּנדערלעכע קינא= פאַרשטעלונגען אין די אראבישע לענדער ". חיין-שמעוני, קאנטראלירן! גק (בערג) ב׳ 75, ז׳ 179. 3249

ל7 אז מען בייזערט זיך אָפּ, גייט אָפּ דער כעס ( שוו ).

ב יי ז ק יי ט -- די, =ן. א פיינטלעכער געפיל צו עמעצן, א ווילן גורם זיין שלעכטס; רישעות. % טראגן בייזקייט אויף עמעצן.

1870 " צום לעצטן האבן די איידלע געפילן בייגעקומען די שטארקע בייזקייט ". ג. ל. כ. ז., איבזן קאמבער מיט דער פרינצעסין ארעסיניע, ווילנא. 3296

" און ווען די נאכט וואס קומט הייסט אים אליין זיך 1924
3299 היטן פאר אלע ביי‍זקייטן, וואס קומען מיטן חושך".
מלה, די גאלדענע פאווע, קליוולאנד, ז' 208.

1963 " ער האט אנגעהויבן ארויסגעבן א זשורנאל -
'ווידערשטאנד', וואס איז געווען פול מיט אומשעפערישער
ביי‍זקייט". יג, טמז V/26.

ם ביזקייט, בוזקייט.

1721 " אונזר שטים זאלשטו הערן פון דיא הוכי הימל,
3300 אונזר ביזקייט זאלשטו איין ים ארייך דרינגן".
מחזור ר"ה ויו"כ, הומבורג, קעט - 1.

1764 " אונ' אלי די בוסקייטן די דיא |?| בלוט שולדיקר
3293 אונ' שאלק האפטיגר מען גטאן השט". יוסיפון,
פיורדא, קמ !! - !!.

ביִ חוד | בעייִכעד | -- אדוו. באזונדערס,
בפרט, איבער הויפט. % " שאקלען זיי זיך ביים
דאווענען בייחוד אין שמונה-עשרה...

1824 " זייגלינגע ליידען ביחוד אן בויך". ~~איבזשעיה~~
א/1068 איבז שעיה בר' מנחם נחום ריף, קריסטאף גירטנער,
לימוד תחלואי הילדים, ווילנא.

" פערל איז א גאנץ באליבטע צירונג ביי די מענטשן 1867
1068 און בייחוד ביי אונדז יידן". ווארשויער יודישע
צייטונג, שנה ראשונה, נ' 7, ז' 77.

||=דיק. -- אדי. ( תּת ) ספעציעל, באזונדער.

1956 " דאס אמירת - תהילים איז געווען בקול-דממה,
א/1068 מיט א בייחודדיקן תחנונים קול". ליקוטי - דיבורים,
נ"י, ז' 266.

ב י ה ו ד א ש ל י מ א | בעיעכודע שליימע | --

אדוו פר. ( תּח ) מיט פולשטענדיקער גאנצקייט.

... " זי וועט פארייניקן ביהודא שלימה דעם דת מיט דעם לעבן ". ממוס, ישיבה של מעלה. ?נ?

ב יי ט I -- די, =ן. 1. א שמאָלער פאס צעגראבענע ערד אין א בלומען= אָדער גרינסגאָרטן.

1887 " ווי איין בלי̇ענדע רויז אויף איר בייט |...|".

3375 אמד, מלכה והדסה.

1926 " מאכט בייטן פון פארשיידענע הויך ". יאכ I, ז' 191. 3374

... " זי איז געקומען צו אים אויפן בוידעם און אין גארטן צווישן די בייטן |...| ". באש, חורבן קרעשעוו II, 238/534.

1972 " ווען די פלאנצן וואקסן שוין אין בייט, פאדערן זיי ניט קיין סך ארבעט |...| ". ראכלין, פּאר, IV/8. 3378

2. ( לאקל,דוקאר? ) טיפער גרוב אין טייך.

1951 " אין א פּאָר פלעצער האט אונדזער טייך געהאט די אזוי גערופענע בייטן, ד״ה טיפע גריבער . ד. טשארני, דוקאר, ז' 64. 3388

0 בלומענבייט. גרינסבייט. ווארעמבייט - אָראַנזשעריע, ווארעמהויז.

1951 " אויב אין לעצטן יארצענדלינג, פארן יידישן חורבן, האט מען אין ליטע געקענט זען אויף פיל יידישעביישטויביקע פלעצער |...| אייניקע ווארעמבייטן |...| האט א געוויסן פארדינסט געהאט דער ליטווישער 'ארט'. י. ראסיין, זב ליטע I, ז' 1009. 3398

ם בעיט.

... " כערוגת -- אזאיין ביטא, יא אזא צילן הוא
3399 ( היא? ) מישרת הגינה שזרוע ". רייכלין 8, שהש, ה, יג.

1716" | התצלח | איז עז נוא מיגלך דז די צווייג קאן
3376 בגליקן חאטשי זיא איז גיפלנצט דען דר ווינט פון
מזרח האט זיא מכן דערן אויף איר בעיטן די גישפראצט,
איז קומן דאש דערנש | ... | ". סהמ , יחזקאל יז, י,
קג - I.

ב יי ט II -- דער, =ן. שפייז ( ווי ווערים,
קעז אאזור ) צו פארנארן פיש אויף דער ווענדקע,
מייז איך כאפשטייגל און סתם חיות אין פאסטקעס"
| קטוו |. % דער בייט, וואס דו האסט געקויפט,
איז גוט צו כאפן קארפן.

ב יי ט I -- דער, בא. אקט אדער רעזולטאט פון בייטן
( זיך ); טויש, חילוף. % מאכן א בייט.
... " ווען הענדלען איז א ביסל אפגעגאנגען דער כעס,
3409 האבן מיר שטייענדיק אויף איין פוס געמאכט א שטיקל
בייט ". ממוס, דער חילוף, ז' 11.

1928 " דו האסט אים פאר דער קראם פארשפראכן ערד און
3405 סטעפ, // און וואס איז פון דער ערד און פון דעם
בייט געווארן ?". אל, לידער און פאעמען II, 1938, ז' 299.

1914 " דער רב איז צופרידן געווארן אויף זיין פארלאגע,
3410 און מען האט דעם בייט=געשעפט געשלאסן ". מ. גליק,
דיא סוכה איך וואלד, ווילנא, ז' 21.

בייט=קאנטאר -- די, =ן. | סטוטש 487 | פינאנץ -
אינסטיטוציע וואס פארנעמט זיך מיט בייטן איין

וואַלוטע אויף אַן אַנדערער.

ביַיטקורס -- דער, בא. דער פּרייז פון דער וואַלוטע פון פאַרשידענע לענדער אין אַ באַשטימטן מאָמענט אין דער אָפיציעלער בערזע אָדער צווישן סוחרים.

ב יי ט II -- די, =ן. " די כלי אין וועלכער מ'מאַכט דאָס טייג", [ ש. ווינטער, צו דער טערמינ. פון מלאכות, פש II, ווילנע, 1930, ז' 422.]

ב יי ט אָ ג -- אַדוו פּר. סאָוו אויסלייג באַטאָג.
... " | ער | לייענט דערנאָך פון אַ בוך אַרויס די מענטשנס אַלע מעשים, וואָס ווערן אָפּגעטאָן ביי טאָג". 3414
ממוס, שלמה ר' חיימס, ז' 59.

" |...| אַדון מיטן גלעזערנעם צילינדער? איז ביינאַכט אַ זעענדיקער און ביַיטאָג אַ בלינדער". 1932
אַשם, משלים I, 59/731.

" האָט די מאַמע אין איינעם אַ פּריַיטיק ביַיטאָג, 1951
ווען אַלע דוקאַרער (ייַבער און מיידלעך גייען אין מרחץ אַריין, מיר מיטגענומען אַהינצן ". ד. טשאַרני, 3426
דוקאַר, ז' 58.

שוו: ביי טאָג צום גט, ביַינאַכט צום בעט - | קסוו | וועגן אַ פּאָרל וואָס שטענדיק קריגט זיך און ווערט שטענדיק ווידער גוט.

ם בייא טאג.
... " איך דיך דיר ליבר הער בייא נאכט אונ' אויך ביי טאג ". שב, סטראָפע 1229. 3444

1716 " איך האב מיך גיהיט דז איך קיין ביזן גידנקן האב
3425 גיהט בייא טאג אויף זכות דא בין איך ניט אום
ריין גיווארן מיט קרי בייא נאכט ". סהמ"ז, יחזקאל
ד - יד, צד - I.

ב יי ט א ג י ק -- אדי. שייכדיק צו ביי טאג.

% בייטאגיקע ליכט: בייטאגיקע ארבעט.

1948 " בלויז שטילקייט און שטילקייט, // בלויז וואסער
3455 און הימל, בלויז ביימער // געקניט אין בייטאגיקן
דרימל ". סעג, איצטער, נ"י, ז' 63.

1953 " זיי האבן געמעקט אריינקומען אין צענטער בלויז
3452 אין די בייטאגיקע שעהן ". איבז ים, ש. דובנאוו,
וועלט געשיכטע VII , ב"א, ז' 215.

1970/71 " דאס שטילע קרעכצן אין די שלאפלאזע נעכט,
3451 נאכן בייטאגיקן פחד , דער הונגער |...| האבן אלץ
מער זי דערווייטערט פסיכיש פון דעם, וואס ס'איז
ערשט נעכטן געווען נאטירלעך פאר א נארמאל לעבן".
ל. פייוולאוויטש, יזק זלאטשעוו, ז' 402.

|| ייש | סטוטש 82 |.

ב יי ט א ג י ש -- אדי / אדוו. ( שנש ) דזוו #

~~"בייטאגיקע זארגן " [באש]~~ בייטאגיק.

1963 "ס'האט זיך דא אנגעהויבן א בייטאגיקע נאכט,
3456 וואס וועט דויערן ביז פרילינג ". באש, פאר, I/18.

1974 " דער הימל איז געבליבן בייטאגיש ליכטיק ".
53 באש, פאר, VII/26.

ב יַ ט אַ ג ע ד י ק -- אדי. דזוו בײַטאגיק.

... " |...| איז פון ווייטע מקומות צו פוס געקומען, כראַפּעט פון א געשמאק בײַטאגעדיקן דרימל ".
בערג, דער טויבער, ק׳ 113/413.

ב יַ ט אַ ן -- דער, מצ בײַטענער. ( מוזט )
צוגאַבטאָן, נעבנטאָן | סטוטש 283 |.

ב יַ ט אַ נ י ק -- אדי. ( גראַם, וועגן א טראַף )
אויף וועלכן עס פאַלט א בײַאַקצענט.

1960 " דא רעדט זיך נאר וועגן וואָקאלן אין הויפּטטאָניקע טראַפן; אין בײַטאָניקע און אומבאַטאָנטע גילטן אנדערע געזעציקייטן ". מוו, יישפּ XX - 3. 3464

ב יַ ט ה אַ נ ד ל -- דער, בא. אויסטויש - האנדל, אויסבײַט, קויף/פארקויף ניט פאר געלט, נאר דורך בײַטן זיך מיט די סחורות.

ב יַ ט וו י ר ט ש אַ פ ט - די, בא. | סטוטש 484 |
נאטוראלע ווירטשאפט, אַן עקאָנאמישע סיסטעם באזירט אויף אויסטויש - האנדל.

ב יַ ט וו ע ר ט -- די/ דער, =ן. | סטוטש 500 |
דער סכום אויסלענדישער וואלוטע אדער גאלד, וואס האָט דעם ווערט פון אן איינס פון א געוויסער וואלוטע.

ב יי ט ו נ ג -- די, =ען. בייט, ענדערונג.

% פיזיקאלישע, כעמישע ביי<u>טונגען</u>.

1910 " די <u>בייטונג</u> פון דער שפראך האט זעלטן געשטעלט
אין קאן דאס לעבן פון דעם יידישן פאלק. עס ליגט 3472
אבער אין דעם אן אומדירעקטע סכנה ". <u>טוביה,</u>
<u>די פאלקס שטימע,</u> ביילאגע צום 'נייעם לעבן',
דעצעמבער, ז' 9.

1924 " די לופט |...| אזוי ווי דאס וואסער, פארהארטעוועט
דעם ארגאניזם, געוויינט אים צו איבערצוטראגן די 3475
פארשיידענע <u>בייטונגען</u> פון וועטער, צייט <u>אדגל</u> ".
<u>ז. גארדין</u>, <u>טובערקוליאז</u>, דווינסק, ז' 29.

ב יי ט י ט ל -- דער, =ען. | <u>סטושש</u> 370 | אונטער=
טיטל, אונטער=קעפל ( אין א בוך, אין אן ארטיקל ).

ב יי ט יי ט ש -- דער/ די, =ן. ניואנס אין טייטש,
צוגאב=באטייט.

1941 " די אלע <u>בייטייטשן</u> וואלטן געגאנגען לאיבוד,
ווען דער שרייבער זאל זיך געוועזן נעמען קווענקלען,
צי אלע וועלן פארשטיין דאסווארט קוויזלינג און זאל
געוועזן ניצן דאס ווארט 'פאררעטער'". <u>מון</u>, <u>יישפ</u>
<u>I</u> - 4, ז' 99.

ב יי ט יי ך -- דער, =ן. טייך וואס פליסט אונטער
אן אייגענעם נאמען ביז א גרעסערן טייך, אין וועלכן
ער גיסט זיך אריין. % דער פריפעט איז א <u>בייטייך</u>
פון דניעפער.

1936 " זיי האבן זיך אָפּגעקערט פונעם אמור לויט דעם
3484 בייטייכל ( פּפּ ) אויף לינקס. ה. דאסינ זב
בירע בידזשאנ, מאסקווע, ז' 118.

1970 " דער בייטייך פאלט ארייַן אין מוטערטײַך ".
3477 סוצ, צייטיקע פּנימער, ת"א, ז' 45.

ב יַי ט ייַ ל -- דער/ די, =ן. ( גראמ ) --> בייגליד.

1921" פשוטער אומפארברייטערטער זאַץ באשטייט נאר
3485 פון סוביעקט און פרעדיקאט, אָן בײַשטײלן. ימ,
שול=גראמאטיק, קיִווע.

ב יַי ט י ר -- די, =ן. א קליינע, זײַטיקע טיר | 2ל |.

ב יַי ט ל -- דער, =ען. 1. א קליינע אײַנריכטונג
געמאכט פון לעדער, צײַג, פּאפּיר ~~צו=האלבר~~ און
אנדערע מאטעריאלן צו האלטן פארשידענע זאכן; זעקל,
טאָרבעלע. % טאבעק=בײַטל.

1862 " גייא איך אראפּ פון דעם בוים איך פיל אן מיין
3527 בייטל מיט טייטלן איך גיס אן מיין קרוג פיל מיט
וואשר ". איין שיינה מעשה ( צענטורע ווענטורע ),
זיטאמיר.

1926 " פארטאָג איז אים קאלט געווארן, זי האט אים
3584 געווארעמט, געלייגט הייסע גומענע בייטלען וואסער".
אַפּאַ IX, ~~באקעטע פיס~~ ווילנער, ז' 61.

1970/71 " נאכן אָפּפּראַווען די צערעמאָניע האט יעדעס
3525 יינגל באקומען א בייטל מיט גוטע זאכן ". ש. לואל,
יזב זלאטשעוו, ז' 70.

2. טײַסטער; רידיקיול; האַנטטאַש. % האַנט=בײַטל, בוזעם=בײַטל. דאַמען=בײַטל. % א בײַטל געלט. לעדערנער בײַטל.

1860 " דער עושר |...| איז צוא מזל גפארין אין דער ישיבה אריין און האט זיך אויסגיקליבין זייער אייך פיין קינד וואס ער איז גיוועז דער ערשטער אין דער ישיבה און האט דעם ראש ישיבה גיגעבין הונדערט רענדליך אין בײַטל אריין |...| און איז בשלום א היים גיפאהריך ". מעשה פון ווילנא, ווילנא. 3524

... " איך שטעק אַרײַן די האַנט אין קעשענע נאָכן בײַטעלע געלט – ניטאָ! – איך טאַפּ זיך אַרום פון אַלע זײַטן – ניטאָ!" ממוס, בישיבה של משה, ז' 44. 3514

... " און אײַך , זאָגט ער, וועט מסתמא דערפון אויך עפּעס אַרײַנפאַלן אין בײַטל אַרײַן ". שע, טביה דער מילכיקער. 3566

" די צוהערער וועלן אַרײַנוואַרפן אין טעלער א מטבע, יעדער נאָך זײַנע כוחות און לויט זײַן בײַטל". מאַן, נאָענטע געשטאַלטן, ז' 36. 1938 3535

3. א צילינדער פון זײַד, וואָס זיפּט אויס בײַם מאָלן אין א מיל די דינסטע מעל ( ווײַצענע און קאָרענע ) פאַר געבײַטלטע ברויט. % בײַטל=מאַשין. בײַטל= קאַמער. בײַטל=קאַסטן. דײַטלמעל.

4. ( אַנאַטאָמיע ) דאָס אָרט אין א פאַרמע פון א זעקל ווו עס געפינען זיך די טעסטיקלס אָא אָרגאַנען.
..." דאָס שפּײַז |...| וואָס קומט פון דער רויטער גאַל – דאָס גייט אין בײַטל פון דער גאַל אַרײַן און וואָס עס קומט פון דער שוואַרצער גאַל גייט צו דער מילץ ". 3565
חמ IV , ז' 134.

1923 " מיטל זיך צו באוואָרענען פון אָנגעמען זיך א ווענערישע קראנקייט |...| מען וואַשט גוט ארום דעם גליד, דאס קעפּל, בי ביי֗טל און די ארומיקע טיילן ". פּגעז, נ׳ 7 - 8. 3497/א

0 בײטלביינער -- | סטוטש 240 | [טײטש אומבאַקאַנט].

בײטלבראָך -- דער. קילע, בראָך.

1895 " קאָקליש רופט א מאל ארויס געפערלעכע שלאָפקייטן ווי, למשל, לונגען=אנצינדונג, א ביי֗טלבראָך |...|". א. י. בוכבינדער, דער יודישער פאלקס קאלענדאר אויף דעם יאהר תרנ"ה, אדעסא, ז׳ 49. 3589

בײטל=טרעגער -- דער. דזוו בײטל-חיה | ? |.

1931 " די בײטל-טרעגער שטייען העכער אויף דעם לייטער פון יונקשאפט ווי די מאנאטרעמען; זיי געבוירן לעבעדיקע קינדער ". ש. בלום, דער בוים פון לעבן, נ"י, ז׳ 231. 3594

בײטלמיל -- די, =ן. א מיל וואס מאלט ווייץ אדער קארן און זיפּט אויס דאס מעל דורך א ביי֗טל.

1964 " און האט אים |...| געלאזט ירושה די |...| בײטמיל מיט אלע הייזער ". בערג, א שפּיגל אויף א שטייך, ת"א, ז׳ 12. 3609

בײטל=שנײדער -- דער, =ס. 1.( שש ) קעשענע-גנב. אלע ציט אין מצ:שניידער.

1864 " דאס רב מענטשן זיינען ניט קיין גנבים, בײטל= שניידער, נאר דעם טעם פון גניבה ווייס כמעט איטליכער ". אליעזר צבי הכהן צווייפעל, מוסר השכל, ווילנא.

1888 " פון זייער גאַנץ פאַרמעגן ווערט אש. גנבים,

ביימל=שניידער רויבן, גזלענען וויפל זייער הארץ 3620/א

גלוסט ". ממוס, קליאטשע, ק' 746760.

2. א באַרייסער אין פּריַיזן, א הויטשינדער, א יקרן

| סטוטש 502 |.

... " באַ די סוחרים - בייטל=שנײַדער, // פאַרהאַקט,

פאַרמאַכט די קראַמען ". פּל, ציט רעד אקש, 3622

דאס געזאַנג פון די פעלקער, מאסקווע, 1939, ז' 110.

|| בייטל=שנײַדעריַי | סטוטש | 502 |.

אויגן=בײַטעלעך -- במ. אויפבלאָז פון דער הויט

אונטער די אויגן.

" איינער פון זיי |...| האט פון איבער געשוואָלענע 1940

אויגן=בייטעלעך אומפּריינטלעך א קוק געטאָן אויף 3542

פּענעקן ". בערג, באם דניעפּער II, ז' 131.

חמץ =ביַיטל -- "דער בייטל, וווּ מ'האט אריינגעלייגט

די פאַרשיידענע שטיקלעך חמץ " | ש. לואל, ~~חדב~~

יזב זלאטשעוו, ז' 71 |.

ניַיען זיך א בײַטל ( בײַטעלע )—( איר ) וועגן

~~% ניַיַען א בײַטעלע---- מעגסט זיך ניַיען~~ עמעצן,

וואס האט אומזיסטע האפענונגען אויף א גוטן פאַרדינסט,

א טובה אַע. % ניי א ביַיטעלע ! מעגסט זיך ניַיען

א ביַיטעלע !.

1961 " איר נייט אייך אומזיסט א בייטל, ס'קומט אייך

גאַרניט און איר וועט גאַרניט באַקומען ". י.מ.קערשט, 3511

פאַר, XI/22.

ליגן אויפן בייטל זאק זיין שטארק קארג, זשאלעווען אויסצוגעבן א גראשן.

" ער איז ניט געווען ווי אנדערע נגידים, וואס ליגן אויפן בייטל ". ייז, אשכנזי, ז' 116. 1936 3537

לייגן די ציין אין בייטל אריין -- ניט האבן וואס צו עסן.

ס'איז ניט פאר מיין בייטל - ס'איז צו טייער.

א בעל-צדקה אויף א פרעמדן בייטל - | סטוטש | 505 |
( איר ) וועגן א כלומרשטן נדבן, וואס אליין גיט ער ניט, אבער הייסט אנדערע געבן.

פוול: נא דיר דעם בייטל און פיר דו די הוצאה -
אזוי ענטפערט מען עמעצן וואס קריטיקירט, זוכט חסרונות און אליין טוט ער גארנישט.

אלץ קומט מיר צו, נאר ניט קיין בייטל מיט געלט
| סטוטש 498 |.

טרייטל, נעם זיך צום בייטל -- ~~דרעבן עמעצן דראס~~ ~~אזוי א געבן~~ ( נעם אפיר דעם בייטל )! - | סטוטש 494|
נעם ארויס דעם בייטל און צאל!

פייטל טראגט זיך מיט זיין בייטל - וועגן עמעצן וואס איז א געברייכטער | ח. שעסקין, יישפ XX- 3|.

פפ: ליגט אויפן בייטל ווי א הונט אויף א סטערטע היי -
עסט/נוצט אליין ניט און לאזט ניט אנדערע הנאה האבן.

קללה ( שפּאַסיקע ): כאַפּט אים דער בײַטל-מאַכער!

שוו: אַז דער בייטל איז פּיל | פֿול | איז דער מאגן רויק און שטיל - | סטוטש 497 | דער געפיל, אז מ׳קען אלץ קויפן פאר געלט, מאכט שויך דעם מענטשן זאַט.

א שווערער בייטל מאכט א לייכט געמיט -- |סטוטש 497| ווען מ׳איז רייך איז מען פריילעך, איך א גוטער שטימונג.

אַז עס פֿעלט אין בײַטל, מוז מען זיך נעמען צום טײַטל - ( רעג, ליטע ) אין אַנדײַט, אז אין די אמאליקע צייטן איז דאס מלמדות ניט געווען אן עניך פון בארוף און פעיקייטן, נאר אן אויסוועג פון א שלעכטן מצב.

חכמה ליגט נישט אין מוח, נישט אין כוח, נאר אין בײַטל - ( רעג, מזרח גאליציע ) געלט איז חשובער פון קלוגשאפט און כוח | יישפּ XXI - 1, 1961|.

ווער עס מאכט ניט אפן די אויגן, מאכט אפן דעם בייטל - - | סטוטש 313 |א ווער עס איז ניט פּאַרזיכטיק, היט זיך ניט - צאָלט פאר דעם מיט געלט.

מיט א ליידיקן בייטל קען מען קיין פּריץ נישט זיין - ( גאליציע ) אויב מען איז אָרעם, קען מען ניט זיין קיין בעל-גאווה.

א בייטל אן געלט איז נאר א שטיק לעדער - וויכטיק איז דער אינהאלט, ניט די פארמע.

אזוי גייט עס אוי דער וועלט : איינער האט דעם בייטל,
דער אנדערער דאס געלט - וועגן אומיושרדיקער פארטיילונג
פון רייכטום, אן איראניע אויף דעם וועלט-סדר.

אן ארעמאן איז א וותרן אויף א פרעמדן בייטל - אן
ארעמאן איז א בעל-טובהניק, בעל-צדקה אויף עמעצנס
חשבון.

ם בייטל

1. ←-------

1625 " ( רשי ) מכט איין פסוק שטייט ( בכיס ) איז דייטש
3509 איין בייטל אונ׳ מן לאיינט ( בכוס ) איז דייטש
איין בעכר |...|". סהמן, משלי כג - לא, לובלין.

1716 " אונ׳ נעם צוויי צענטינאר אונ׳ ער שטערקיט אן
א/3499 אים אונ׳ ער באנד צוויי צענטינאר זילבר איין צווייא
ביטיליך אודר טיכליך ". סהמ׳ מלכים ב׳, ה-כג,
ווילהרמרשדארף.

2. ←------

1610 " דאש מיינט אזו דער וויין שענק גיבט זיין אייג
3556 איין בייטל דז ער גערן דאש געלט העט ור דען וויין
|...|". שח - מדרש, ויקרא י-ט.

1774 " דו דיך מיט דען לייטן ניט טועה ביזט אזו וואול
3498 איין דען בייטל אלז אויז דען בייטל אונ׳ היפש
אורדענטליך בוך הלט ". יוסף מארשן, חנוך לנער,
ט - ב׳

4. ←-------

1716 " וואש דא קומט אויש דיא רוטי גאל דש גיט נאך
3532 דען בייטל פון די גאל |...| ". חה, לח - 1.

171 ב - בי

ביטלברויט – די, בא. געביטלטע ברויט

( ---> ביטל ב 3).

1972 " בעל-הביתטעס קומען אריין |...| אין בעקעריי

קויפן חלה אויף שבת, איבערגעפלאַכטענע קיטקעס, א/3584

ביטלברויט, ברויט מיט קימל |...|". חג, פּאַר,

VIII/27.

ביטלדיק – אדי. ---> ביטל=חיות.

% ביטלדיקע בעלי=חיים. ביטלדיקער שטשור.

ביטל-חיות – (ווסנ Marsupialia)

ריי פון זויגערס, וועמעס 'זיגן' האבן א ביטל

אינעם אונטערשטן טייל פון גוף צום טראגן די ניי

געבארענע יונגע, וואס ווערן געבוירן ניט גענוג

אנטוויקלט.

1928 " ביי די נידעריקע זויג-חיות, ביי די אַג

ביטל-חיות, ווערט דאס באַפרוכפּערט אייעלע ניט

פאַרוואַקסן מיט דער אינעווייניקסטער פלאַך פון דער

אייבמוטער, מיט דער אַג שליימהויט". פּגעז, ג' 17.

ביטל-מאכער – דער, =ס. בעל-מלאכה,

וואס מאכט דאַמענטאַשן, טייסטערס; בעל-הבית פון

וואַרשטאַט פאַר דעם ארטיקל.

1962 " דער ביטל-מאַכער פון מינסק-מאַזאָוועצק האט אזוי

געהייסן, ווייל זיין ווייב האט געהאנדלט מיט 3600

פאַפּירענע ביטלעך און דער מלמד פלעגט צושניידן

דאס פּאַפּיר". מ.וו. בערנשטיין, יישפ XVII - 1.

171 ט — בו

1965 " ער האט זיך אויסגעלערנט זיין א בייטל-מאכער
אין פארדינט וואסער אויף קאשע". י. ווארשאווסקי, 3603
פאר, IV /9.

ביי — די ״בייטל-מאכעריי״ — די

1958 " דעם לעצטן פאך וועלכן ער האט פרובירט אין יענע
יארן איז געווען בייטל-מאכעריי". א. ד. טייץ, 3604
אמעריקאנער, VII/18.

בייטלמויז -- די, ~ מייז. ( ווסבו Phascolomys fossor). " א בייטלדיקע חיה, לעבט אין אויסטראליע, איז ביז 3 פוס די לענג. א דיקע שווערע באַשעפעניש מיט א גרויער אדער געלבלעכער פעל. גראבט זיך אויס א הייל אונטער דער ערד און פארברייינגט דארט דעם טאג שלאפנדיק. ביי נאכט גייט זי ארויס זוכן שפייז. דערנערט זיך מיט גראז, גרינסן און ווארצלען. מ'קאן אים פֿארהיימישן" | קטוו |.

בייטלען -- טרוו. 1. אויסזיפּן אין א מיל דורך א ספעציעלן צילינדער די מעל צו באזייטיקן די קלייען. % בייטלען מעל אויף פסח.

1872 " מען טאר ניט באקן מצה אין דעם טאג וואס מען האט געבייטלט די ווייץ, נאר די מעל מוז אפגעקילט ווערן איין מעת-לעת ". ר' זאב וואלף גראדזינסקי, חובת מצה, ווארשא.

1924 " די קערנער פון תבואה אנטהאלטן דעם וויטאמין B, דער עיקר אין די הייטלעך |...|, און גראד זיי גייען פארלארן ביים מאלן, ביים ~~ביים~~ בייטלען און ביים דורכזייען ". גליל, פגעז, נ' 9.

2. ( פיג ) ריידן א סך, פלוידערן.

... " א הון קרייט נישט, קען נישט קרייען, - פאלט אים יענטל מיט כעס אין די רייד אריין |...| -- בייטל נישט, - ענטפערט לייב קאלט ווי אייז ". 3507
פרץ, אין פליגעל פאר משוגעים, ז' 137.

3645

בייטלען די ווייבערישע קלייען -- | סטוטש 373 | פלאפלען, דולן א קאפּ, פלוידערן.

ם בייטלען.

1701 " וויא ער אין זיין הויז גינג: דא שטונד זיין
ווייב אונ׳ בייטלט מעל ". מעשה בוך, מעשה עג 3651
אמשטרדם.

ב יי ט ל ע ן  ז י ך -- אוטוו. " אויסגעבן געלט".
|קטוו|.

באַמ: געהערט: אויסבייטלען זיך.

ב יי ט ל ע ר I -- דער, =ס. דער וואס ארבעט
אין א מיל ביים בייטלען מעל.

1930 " שיקן אים אָפּ צו |...| בייטלער, וואס בייטלען
דאס ברויט ". דא, פון בערלין ביז סאַן-פראַנציסקא, 3656
ווארשע, ז׳ 167.

ב יי ט ל ע ר II -- דער, =ס. איינער וואס מאכט
בייטלען; א בייטלמאכער.

ב יי ט ן -- טרוו. פֿאַר געביטן. 1 געבן אדער לאָזן
אייך זאך און נעמען, קריגן דערפאר א צווייטע זאך;
טוישן. % בייטן די בעטגעוואַנט. בייטן דעם
קורס/ די ריכטונג.

בייטן די דירה. בייטן דעם צוג. בייטן דעם נאָמען

1925 " זייער צוועקמעסיק איז אַרייַנלייגן אין די שיך
אזוינע ׳אונטערבעטלעך׳, וועלכע זאלן קענען אָפּט 3732
געביטן ווערן ". פגעז, נ׳ 4.

1959 " דער בעל-שם ווייסט וויל, אז דער ׳זוהר׳ בייט
זיינע מלבושים, ווי דער פויגל פּענקס בייט 3710
די פעדערן ". ייש, טאג, 5/12.

2. איבער אַנדערשן, מאכן אנדערש, ענדערן. % ביַיטן
די מיינונג. ביַיטן דעם טעם. ביַיטן דאס געשטאַלט
די פאַרעם פון עפּעס.

3. אויסטוישן גרעסערע געלט אויף קלײנגעלט; אויסבײַטן,
צעבײַטן.
האט געבײַטן דעם רובל און געגעסן, ער האט גארנישט
געקלערט, אז דאס געלט וועט דאך סוף=כל=סוף אויסגײן". 3665
יחזקאל קאטיק, מײנע זכרונות, ....

|| ער= 1. דער וואס בײַט. 2. געלטבײַטער, חלפן.

=עכץ= -- דאס, =ער, ( בײַט ) בײַט, בײַטונג.
1970 " א מענטש ווערט א נזיר, // שפּײַזט זיך מיט
קרײַטעכצער, // לעבט אָן א זײַט // פון טומל און
בײַטעכצער". צײַט, אלע לידער און פאעמעס !!,
נ"י, ז' 470.

// ביַיטן א הוסט אויף א קדחת -- ( איר ) בײַטן אײן
שלעכטע, נארישע זאך אויף אן אנדער שלעכטע אדער ערגערע.

בײַטן די פעל -- צביעותדיק בײַטן די פּרינציפּן,
איבערווארפן זיך צו אן אנדער צד צוליב עגאיסטישע
צוועקן.
1953 " ער האט |...| גיך געביטן זײַן פעל און באווײַזן
זײַן אמתן פּרצוף ". ז. לעווינבוק, יזב ברנוביץ, 3662
ז' 518.

בײַטן דעם נעכטיקן טאג אויפן אדעסער לימאַן -
1. ( שלש ) פארנעמען זיך מיט לופט-געשעפטן.
2. וועגן מאכן א שלעכטן געשעפט, עסק.

קללה ( שפּאַטישע ): לאַמיר בײַטן: מײַנע צרות אויף דײַנע

זײַטן | סטוטש | 559.

שון: אַ וואָלף בײַט זײַנע האָר, אָבער ניט זײַן נאַטור - עמעצער, וואָס איז בייז און שלעכט, וועט אַזאַ פאַרבלײַבן.

ם בײַטן,

Mhd: biten

.4 ←

וואַרטן, אָפּלייגן, צוריקהאַלטן.

... " דום - בײַטאַ, כמ׳ וידום השמש, ל׳ ממתין ".

3718 רייכלין 8, תה׳ לז, ז.

... " דוד אונ׳ דיא זײַנן וואָלטן ניט לענגר בײַטן.

א/3672 // מיר וועלן מיט דען היידן היימליך בור אכיש

שטרייטן ". שב, פּערז 697.

... " דא קוניק פרעה צו דער טראַפּן שראַייט,// דער ליוואַ

3686 ניט לאַנגאַ בײַט ". מגילה מינכן, מ/87א.

בײַטן זיך -- אויטו. 1. געבן איין זאַך און באַקומען אַן אַנדער זאַך ( צווישן צוויי צדדים );

טוישן זיך. % בײַטן זיך מיט די ראָלעס.

... " גיט מיר די בעסטע פרנסה, איך זאָל אַרויספאַרן

3744 פון דאָרף אין שטאָט אַריין, וועל איך מיך מיט אײַך

ניט בײַטן ". שע, טביה דער מילכיקער.

" אַ זיסע מידקייט און נאָך אַ זיסערע אויפּטשוכען 1938

3743 זיך בײַטן זיך ביי אים כסדר ". זש, נח פאַנדרע, [ביי'ל?] ,

1932 " דער אַראָפּוואַרפער מיטן אַנטרייבער בײַטן זיך

3737 די גאַנצע צייט מיט די ערטער ". באַהערשן די טעכניק

פון דער סאַציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פראָדוקציע,

נ׳ 2, יוני, ז׳ 9.

2. ווערן אנדערש, איבעראנדערש זיך.

" די בעל=הביתטע האט אים באגעגנט מיט א זויערן 1928

3708 פנים |...|, נאר אז זי האט דערזען, ווי גרין טראגט

איר אונטער געלט, האט זיך ס'פנים ביי איר גלייך

געביטן". אפא !!!, ז' 239.

1929 " ער האט זיך שטארק געביטן, דער מענטש". מ. טייטש,

3746 ארום דער פאבריק, ז' 5.

עס בייטן זיך אים אלע קאלירן -- | סטוטש 510 |

ווערן רויט און בלאס פון אויפרעגונג ( צערודערונג,

פארשעמונג אע ).

ווער עס האט ליב זיך צו בייטן איז נית קיין ערלעכער מאן

[ שוו, סטוטש 96 ].

ב י ט ע ו ו ד י ק -- אדי/אדוו. וואס בייט זיך,

וואס האט די אייגנשאפט זיך צו בייטן. % בייטעוודיקער

שטראם. בייטעוודיקער ווידערשטאנד ( פיזיק ).

" |...| זיינען די דאזיקע ווארע=חלומות זייער 1934/38

3754 פילפנימדיק און זייער גורל איז א בייטעוודיקער ".

איבז מוו, פרויד, אריינפיר אין פסיכאאנאליז,

העפט II, ז' 79.

1970 " מאלע וואס א ווינט פאלט איין צו מאכן מיט

3755 בייטעוודיקן וואלקנצייג ". צייט, אלע לידער

און פאעמעס !!, נ"י, ז' 486.

|| בייטעוודיקייט.

1959 " האט ער ניט אין קונסט יענע שוואכקייט, וועלכע

3759 איז דעם קריטיקערס קראפט - די שוואכקייט פון

' עקלעקטיזם ', פון בייגעוודיקייט און בייטעוודיקייט".

שנ, קריטיק און קריטיקער, ב"א, ז' 102.

ב יי ט ע ם | בייטאָם | -- דער, =ים. 1.צוגאב=
געשמאַק, בייגעשמאַק. % דערפילן א שלעכטן בייטעם
אין מויל.

2. ( פיג ) געפיל איינדרוק, ס׳רוב ניט איינגענעמער,
וואס בלייבט נאך א געוויסער געשעעניש, רייד אע.

1941 " אלע ארויסטרעטונגען האבן אין זיך א בייטעם
פון אומצופרידנקייט |...| ". מ. אלבערטאָס. 3775
ניט אויסגעטראכט, מאסקווע.

1949 " איבערזעצט עס דער דייטש מיט דער סקאַרבאַוועער
פראזע פון ׳פיקן און פאַרפירן׳, וואס האט ניט 3773
דעם הומאריסטישן בייטעם און דעם ווארטשפיל=עלעמענט
פון ׳ פירן און איבערפירן׳ מענטשן און פעלקער".
ה. פראנק, פאָש, III/18.

ב יי ט ע מ ע -- די, =ס. | סטוטש 381 | צוגאב=טעמע
( אין ליטעראטור, מוזיק אע ).

ב יי ט ע נ י ש -- דאס. 1. ( בייט ) אקט אדער
רעזולטאט פון בייטן.

1962 " די פראגע איז, צי איז דאס בייטעניש פון די
נעמען געווען אינטעגראציע אדער אסימילאציע ". 3783
יג, טמז, X/12.

2. דאס אָפטע בייטן פון עפעס.

1956 " א בייטעניש פון טאג און נאכט". ש. סיימאָן,
ווארצלען, ז׳ 311. 3781

1964 " אין מינוטן איז שוין לעבעדיק די ׳בירזשע׳.
ארום אייוועלע גייט אוועק די בייטעניש פון ברויט 3782
אויף קארטאפל, פון מארמעלאד און קעז פון דעם
נעכטיקן צושלאָק, וואס איז געגאנגען מיט דער

ב״י - 178.

ברויט=פארציע". <u>י. קאפלאן</u>, <u>שליאך און אומוועג</u>,

ז׳ 275.

ביי ט ר אַ ג -- דער, =ן. צושטייער, צולאָג, ס׳רוב אין

קולטור, וויסנשאפט, געזעלשאפטלעכער טעטיקייט <u>אע.</u>

1947" די קאפיטלעך וועגן דער מוראדיקער גסיסה פון

יידישן ישוב אין טשענסטאכאוו |...| זיינען גאר א 3788

וויכטיקער <u>ביישטראג</u> צו דער געשיכטע פון דער יידישער

מארטיראלאגיע ". <u>יזב טשענסטאכאווער יידן</u>,

נ"י, ז׳ XII.

1951 " כדי צו געבן א באגריף וועגן דעם גרויסן פארנעם

פון דעם גאונס שריפטלעכע <u>ביישטראגן</u> איז גענוג צו 3787

דערמאנען זיינע פרושים כמעט אויף אלע טיילן פון

תנ"ך |...|". <u>ל. גינצבורג</u>, <u>אזב ליטע !</u>, ז׳532.

1953 " ספעציעל אייראפע טאר ניט פארגעסן דעם גרויסן

ביישטראג, וואס דייטשלאנד האט א מאל געמאכט צו 3789

איר קולטור ". <u>גרינ</u>, <u>איד און וועלט</u>, נ"י, ז׳152.

ביי ט ר אַ ג ן -- <u>טרוו</u>. <u>פאר</u> בייגעטראָגן.

צוהעלפן, אונטערשטיצן, צולייגן. % <u>ביישטראגן</u>

עפעס <u>צו</u>.... זיי האבן <u>בייגעטראגן</u> זייער חלק צום

אויפבוי פון דער מדינה.

1893 " |...| שטיצן און <u>ביישטראגן</u>, א מיטגליד ווערן צו

די גרויסע הייליקע מצווה פקוח נפשות". <u>שמן פלאי</u>, 3800

<u>ספר האמת והשלום</u>, לעמבערג.

1953 " זייער לאַבעו איז נאך טראגישער צוליב זייער

באוווסטזיין, אז זיי און זייערע עלטערן <u>האבן</u> 3804

אזוי פיל <u>בייגעטראגן</u> צום וווקס און דער בארייכערונג

פונעם לאנד ". <u>גרינ, איד און וועלט</u>, ז׳ 225.

1970 " צו דער אַנטוויקלונג און אויסבעסערונג פון
שפּיטאָל האַט אַ סך בײַגעטראָגן ד"ר סטורלי ". 3799
יזב ספּר סאַנץ, ז׳ 809.

ב ײַ ט ר אָ פֿ -- דער, =ן. ( לינגוויסטיק )
בײַאַקצענט, בײַבאַטאָנונג.

1955 " אָן קיין שום איבערקלער ניצן יידישע דיכטערס
דעם בײַטראָפּ ווי א גראַם-יסוד אויב ער פּאַלט אויף 3811
א שורש אין א צונויפהעפט ". אוגוד, יישפּ XV-4.

ם |בײַטרייך| ב ט ר י ק -- גרויסער לאַגל.
... " כּנאַד - אַזאַ אײַין בטריק, ל׳ נאד החלב ".
רייכלין 8, תה׳ קיט, פּג. 3815
אה"ד bütil , מה"ד biutel
מה"ד, biut + rich(e)

ב ײַ ט ר ע פֿ -- במ. זייטיקע, שמאָלע טרעפּ | ימ, 1930,
קטוו |. 3816

ב יי ט ש - נאָמען פון א שטעטל אין מערב גאַליציע ( Biecz ).
אין אויסדרוק:

ב/ ס׳טוט זיך ביי זיי ווי אויפן ביישטער יריד |קטוו| -
ס׳איז א גרויסער גערודער.

בײטש -- די, =ן. 1. א שטריק אדער א רימען, צוגעפעסטיקט צו א שטעקן (הענטל) וואס דינט צו שמײסן, ס'רוב בײם אונטעריאגן פערד, בהמות. % דער בעל-עגלה שלאגט זײן שקאפע מיט דער בײטש, געבן א שמיץ מיט דער בײטש.

1873 " |...| און זיך נאמערעט מיך א שמיץ צו טאן מיט דער בײטש. איך בין נישט טויט נישט לעבעדיק אנטלאפן". ממוס, קליאטשע, ק' 232690.

,,, יעדער קנאק פון דער בײטש רופט זיך אפ אין וואלד". שע, טביה דער מילכיקער. 3831

... |...| פלוצלינג גענומען געדיכט שמײסן מיט דער בײטש און שרײען הײזעריק און מיט רוגזה ". באש, דער ייד פון בבל, 309/20.

|?| 1948 " דער בעל-עגלה האט ליב געהאט אומעטום, מיט דעם בײטשל אין דער האנט אריינשטעקן זײן נאז ". 3904
גאפ נ' 8, ז' 56.

2. (פיג) א דינער, שנײדנדיקער שטראם, ווי א בײטש (פון לופט, פליסיקײטן).

1926 " דער באוואקסענער מענטש האט ארויסגעבראכט א לײמענע כלי, זיך אװעקגעזעצט בײ דער קו און ס'האט זיך געהערט דאס סוויסטשען פון בײטשן מילך ". אפא XI, 3977
~~דער גענצנדיקער~~, ז' 39.

3. (פיג) א שנירל אויף וועלכן עס ווערן ארויפגעצויגן קרעלן, פערל אדער פאטשערקעס.

1867 " זיצט זײן ווײב |...| אויסגעשלײערט מיט |...| א לאנגן, א ברײטן פארטעך |...| דרײצן שנירלעך פערל אויף דעם האלדז און דערצו א בײטש 3967
קארעלן ". קמ נ' 15, ז' I - 114.

1938 " דאס ווייבל האט געשפּילט זיך מיט די בייטשלעך
קרעלן אויפן האלדז ". ייז, חבר נחמן, ז' 45. 3933

1964 " בייטשלעך פערל האבן זיך אראפּגעוויגט פון די שלייפן
ביז צו די אויערן-לעפּעלעך ". ש. איזבאן, טמז, 3925
יז/12.

4. (פּיג) סימן אויפן לייב פון בייטשעמיץ.

1966 " אייך זעלנער האט אים מיטן לויזן, צונויפגעדרייטן
עק פון שטריק א קלאפּ געטאן איבער די הענט. עס איז
תיכף אויפגעלאפן א בלאָ-פּיאָלעטער בייטש ".
ר. קאָרן, לידער און ערד, ת"א, ז' 89.

5. (פּיג) צווייגל מיטן אויסזען פון א בייטש.
| סטוטש 249 |.

0 בייטש=אינפוזאָריעס -- | סטוטש 246 | מיקראָסקאָפּישע
איינקעמערלדיקע בעלי-חיים אין פארעם פון בייטשלעך.

הרב צבי ~~[illegible]~~ מיכל [illegible],

שו"ת תירוש ויצהר, בילגאריי, שאלה ק', ז' 258.

5. לאָטעריי-צעטל.

1895 " |...| און פארציילט אים פון אירע צרות, אז איר

796 חיים האט ארויסגעצויגן א שלעכטן בילעט ".

אנאנים, אמעריקאנישע גליקן, ווארשע, ז' 90.

1902 " מיר האבן זיך געלאזט |...| גלייך אין באנק א

801 ריין אָפּשקאנטירן דעם בילעט, אפנעמען די ממתקים די

הייסט עס ". שע, פינף און זיבעציק טויזנט,

613 אויסג' נ"י, 1944, ב VI א, ז' 113.

6. פארבעטונג, פארבעט-קארטל. % חתונה-בילעט.

7. ( עלט ) צעטעלע.

1821 " נימט ער זיין שרייבצייג הערויס אונד שרייבט

אן דער פרינצעסין איין בריף |...| און זאגט צו 786

דען בעדיענטען ברינגט דיזען בריף דער גנעדיקע

פרינצעסין |...| דער בעדיענטע נאהם דש ביללייעט

אונד ברינגט עש דער פרינצעסין ". היסאריע פאן דער

ליעבע דעס פרינצען אויס דער קינדער־אינזעל...,

~~מפּן, ז' 19.~~ מיל׳, ז' 19.

8. ( עלט ) פאַרעם פון באשטייערונג מצד א מיטגליד פון

דער קהילה; מיט בילעטן האט מען פינאנצירט די 824

הוצאות פאר ארעמע=לייט | קטור |.

9. ( עלט )דאס צעטל וואס מע פלעגט אין די אמאליקע

צייטן צושיקן אין די פריוואטע הייזער, וויפל

סאלדאטן מען דארף פארנאנדערשטעלן אין יעדער דירה.

| קטור |.

0 בילעטן=קאסע. בילעטן=פּאַרקויפער.

" זי האט איינגעטענהט מיט נאך גאר א יונגן 1926

בילעטן=פארקויפער, וואס האט ארויסגעקוקט פון א 885

פענצטערל מיט שטאכעטן ". אפא, 1863, ז' 133.

באנבילעט. באנקבילעט. קרעדיט=בילעט. פּארטיי=בילעט.

1948 " ער האט ארויסגענומען זיין פארטיי-בילעט,א לייען

צוויי מאל נאָכאנאנד געטאן אים ". פמ, ~~מלחמה~~ מולר־נזמיר, 829

מאסקווע, ז' 24.

17 ווייסער בילעט - באשטעטיקונג וועגן באפרייען

פון מיליטער=דינסט ( אין רוסלאנד ). בלאָער בילעט -

דזוו דפור ( אין פוילן ).

1968 " ער האט געפונען צווישן זיי א פּעקל פּאפּירן און
818 צווישן זיי זייך בלאען-בילעט, וואס האט באוויזן,
אז ער איז באפרייט פון מיליטער ". יזב אטוואצק,
ז' 117.

גרינער-בילעט - באשטעטיקונג וועגן אפליייגן דאס
מיליטער=דינסט.

רויטער-בילעט - דאקומענט וועגן שטעלן זיך צום
פּריזיוו.

1887" ער האט געהאט א בן-יחיד, וועלכער איז פאריגעס
781 יאר ביים פּריזיוו געשטאנען אן באקומען א רויטן-בילעט".
יופּאל, נ' 4, ז' 58.

וואלפּישער-בילעט - אין צארישער רוסלאנד: א דאקומענט
מיט א צייכן פון ניט=כשרות ( פּאליטישע, מאראלישע),
וואס האט פארמאכט דעם וועג צו מלוכה-דינסט,
לערן-אנשטאלטן אע.

1964" א געוועזענער סטודענט |...| וואס פאר א געווייסער
822 אנטימלוכהשער טעטיקייט איז ער פון דארטן ארויס-
געיאגט געווארן מיט א וואלפישן בילעט ". נס,
' פון פינפטן יאר ', סה, נ' 1, ז' 7.

ווירגרישנער-בילעט ( סטוטש, 516, נא ) געווינס-
בילעט אין לאטעריי.

אהין=צוריק=בילעט - | סטוטש | 174 | אין טראנספּארט:
א בילעט צום באשטימפּלאץ און צוריק.

אויף בילעטן צו גיין < צו קוקן > - וועגן אן
אומגעוויינטלעכער, אומבאגלייבלעכער, חידושדיקער
זאך; אין לא ראתה.

..." מען מעג גיין אנקוקן אויף בילעטן, מיט וואס
פאר א גיכקייט די קארטאפל ווערן אפגעשיילט, איך 784
מויל ארייננעכאפט און אראפגעשלונגען". ממוס,
שלמה ר' חיים'ס, ז' 87.

בילעטן צו נעמען - דזוו דפוו.

1885" הײנט מײן קול איז דאך ווי פון א לייב |...|
הײנט אז איך גיב א דריי א פּאָר, איז דאך בילעטן 832
צו נעמען ". א. י. פינוס, די עלענדע פאמיליע,
ווארשע, ז' 9.

(עס איז ווערט) א רובל א בילעט - דזוו דפוו.

בלעט. ב ?. ם

1750" לבסוף טוהט ער זיין בלעט בקומען בייא איין ב"ב
וואו ער ווערט אן גינומען ". בחורים=ליד, פּפּמ, 792
ציט ייבל XIII.

.9 <------

"[...? XVIII סוף] |...| וגם הוצאה חדשה אשר לא היתה מימי קדם
היא הוצאת הבילייעטין אשר יפרש ציר נאמן מוכ"ז סך 833
מסויים ועצום מדי שנה בשנה, ה' ירחם ". הרב מליאדי,
ר' שניאור זלמן איך א בריוו צו חסידים, ציט
ספר הקן, ירושלים, 1969, ז' 67.

ב י ל ע ט י אָ ר - דער, =ן. דער וואס קאנטראלירט
די ארייננאנגס=בילעטן אין א טעאטער, מוזעום אע.
% ביים ארייננאנג אין קינא איז געשטאנען דער בילעטיאר.

1933 " דאס איז מיינער א באקאנטער כלי-זמר, איצט איז
ער אין טעאטער א בילעטיאר ". א. סטרעליץ, 842
רעקאנסטרוקציע, מאסקווע, ז' 7.

1967 " און קיין בילעטיאר אין יידישן טעאטער האט ניט
געהאט די העזה צו פרעגן ביי אים אויף א בילעט ". 839
א. קארפינאוויטש, ביים ווילנער דורכהויף, ת"א.

||שע - די, =ס. ווג פון בילעטיאר.

?נ? ב י ל ע ט ׳ י ר - ( עלט ) דזוו בילעטיאר.

ב י ל ע ט ע ר - דזוו בילעטיאר.

1931 " נאך דער מלחמה איז ער געווען א בילעטער אין
852 יידישן מלוכה-טעאטער אין אדעס ". לעקסיקאן פון
אידישן טעאטער I, ז' 37.

1934 " א קינא פון א בלויז בושויער-זאל איז א זעלטענהייט,
851 אין די דערבייִיקע צימערן זיינען אויסגעשטעלט טישן
צום שפילן שאך אדער דאמקעס. די שאכטל מיט די
פיגורן קען מען באקומען אָן קויציע ביים בילעטער".
ד. מין, אקערשט פון אַאסקווע, ווילנע, ז' 38.

?נ? ב י ל ע ט נ ע - אדי. ( רוסיז,נא ) | באטייט? |.

1865 " פאטאגראפיען |...|, ליטאגראפיען און אפטייקן
849 מוזן צאלן בילעטנע סבאר לויט אָקלאד פון 2טער
גילדיע". קמ ,נ' 48, ז' 723.

?נ? ב י ל ע ט ק ע - די, =ס. דזוו בילעט ב 4.
854 % " מע זאל מיר באלייגן מיט בילעטקעס, וואלט
איך דאס ניט גענומען אין מויל "* | קטוו |.

ב י ל ע ן - בילק.

ב י ל ע כ ץ - דאס. ( פּעיאָר ) דאס רעדן שלעכטס
אויף עמעצן.

" אט דאס |...| האט דער גזלן אויס זיך ארויסגיבילין [שנהוספּאַרא]
וואס זאל איך דיר דא זיין גאנץ בילעכץ שרייבין?". 856
יפּ, ז' 163. [מדויקט בדפוס, ווילנע]

ב י ל ע ם - דזוו בעלמע.

1904 " זי מיט איר אויפפירונג איז ריכטיק ווי א בילעם
ביי אייך אין די אויגן ". ק. ג. שטיינבערג, 858
הינדא אידעלסאן, קראָקע, ז' 34.

ב'י ל ע נ י ש - דאס. 1. דאס בילן אָפּט ( פון
א הונט ).

1921 " קריצט אויס א בילעניש אויף נאכט, ווי שטראמען
רויטע, אן צייכנס און אָן ווערטער ". פּמ, די קופּע, 860
ווארשע, ז' יג.

1957 " דאס בילעניש, דאס קראָקעניש ווערט פארהילכט מיט
דעם ניגון וואס דער זיידע |...| פלעגט זינגען 859
צו בני היכלא ". באש, די שווארץ חתונה, [רשי] איק, [פּסחבן?]
ז' 32.

2. ( פּעיאָ ) דאס רעדן שלעכטס אויף עמעצן. % הער זיך
ניט איין צו זיין בילעניש, ס'איז שקר וכזב.

בײלער – דער, =ס. 1. א הונט וואס בילט.

1932 " א כלב זיך צעבילט אויף א קול מחצפדיק און
ווילד: העי, הער בילער, זײַט זשע מוחל, שטילער!".
אשט, משלים, קאנק: 206/33 – VII.

2. (פיג) בארעדער, רכילותניק; מסור, מלשין.

1867 " א חוץ די אלע בילערס, איז דארט |אין דער
גובערניע| דא אײנער, וואס מען קען פון אים 868
גארניט פטור ווערן. ער הײסט בינשטאק און שרײבט
כל הרעות שבעולם אין די גויִישע גאזעטן". קמ,
נ' 36, I – 281.

... " אז א מענטש באדארף, ווי יענער העלפאנד
דארטן, אראפשלינגען אלע באלײדיקונגען פון יענע
בילערס |...|". ממוס, א גרויע האר, ז' 13.

1929 " אויף דער אלגעמײנער פארזאמלונג בין איך
שוין ניט געקומען |...| א גוטער ברודער האט מיר 889
דערצײלט, אז בילערס איז געווען גענוג".
א. אבטשוק, הערשל שאמאי, אין אלמאנאך וואוספה,
כארקאוו, ז' 123.

3. (שגל) דײטשישער ראדיו-הילכער, רעפראדוקטאר.

... " זי שיט פעך און שוועבל דורך די הילכערס
אדער 'בילערס', ווי עס רופט זײ די ײדישע 874
באפעלקערונג". ע. רינגעלבלום, גק נ' 64, ז' 151.

4. (שגל) צונאמען פאר געבעלס |נ. בלומענטאל, יישפ
XVIII – 1|. 872

320 ביל - 43.

ב י ל ע ר יי - דאס, בא. 1. דאס בילן אפּט, כסדר
פון א הונט/~~הינט~~ פון הינט.

1868 " און נון האט זיך |...| אנגעהויבן צו הערן איינע
שרעקלעכע בילעריי פון די הינט, וואס דרייען זיך 878
ארום די גרענעצן ". אמד, דיא וויסטענייא זאהארא,
ווילנע, ז' 76.

1928 " דאס הינטל האט |...| געקוקט א ווילע אויף די
אפּגעשלאגענע לאַפּקע, וואס האט זיך געטרייסלט און 884
זיך פארגאנגען אין אן אויסטערליש בילעריי ".
אפא II, ז' 184.

1948 " עס טראגט זיך א הילכיק בילעריי פון די הויפישע
הינט". א. גאזשאנסקי, גאַפּ, ב' 3 - 4, ז' 34. 884

2. ( פיג, פעיא ) לשון-הרע, רכילות | סטוטש 586 |.

ב ׳י ל פֿ אַ ס ט ע ר - דער, =ס. (אמ) אפּישן- ?נ?
קלעפּער. % "ער איז א מאל געווען א בילפאסטער,
היינט האט ער אן אייגענע איידזשענסי". |קטוו|.

ב י ל ץ - דער, =ן. (שש) דיקער, גראבער, צעוואק-
סענער מענטש; בוץ. |פּ. מאלינויאק, יישפּ IV - 2|.

| באמ: דזוו (דיאל) ~~דאס~~ בולץ? |
|---|

ב י ל צ י ל - די. פּפּ: פּילצל. א מיידל.
1750 " |...| טוהט די ב"ב מיט דער שראגנין הערצין
זאגין// בילציל זעצט צו איין פירצל גערשט // 895
בחור ווארום זייט איהר קומן ערשט". בחורים ליד,
ציט יקבל XIII.

ב י ם I - דער, =עס |?|. (גאַרבעריַי) "דאס געשטעל
אויף וועלכן מען רייניקט און שאַבט די פעל" |קטוו|. 911

ב י ם II - אינט. געניצט אפט ביים צוזינגען א
ניגון אן ווערטער. "קלינגען גלעקער, קלינגען
גלאקן - בים און באם". |בראד|.

~~[redacted] - די, =ך, |אקטעמט?| (רעד זאמעט, ליטע)~~
~~אן אינסעקט פון דער משפחה וואס באפאלט~~
[redacted]

[redacted]

ב י מ ב אַ ל ע – די, ־ך. |אקצענט?|. (רעג, קאַמעט, ליטע) " אַן אינזעקט פֿון דער משפּחה Tabanidae וואס באפאלט בהמות; טויטפליג?". |כ. לעמכען,|קטוור|.

% " זיי זייגען אים באפאלן ווי בימבאלען" |קטוור|.

< LIT: bimbalas.

ב י ם - ב אַ ם – אינט. 1. (אַנאַם) דער קלאנג פון א גלאַק.

1934 " האט מען נאָכגעקרימט דעם בים-באם פון א גלאק". מלה I, נ"י, ז' 178. 915

2. א צוזינג.

פל: "פאָרט דער חסידל צו צום רבין,// האט אים אנגע־כאַפּט א שלאַקס-רעגן;// מאכט דער חסידל:בים-באם!". 914

ב י ם - ב אַ ם – דזוו בים-באם ~~.2 – 1 – .2~~ בך .2 ,1 .

ב י מ - ב אַ מ ק ע ן – אוטוו. (שש) צוזינגען, אונטערהאלטן א ניגון אָן ווערטער.

1888 " זינגען ביי א חזן, וואס האט קיין איין העלפער ניט? אונטערהאלטן אים און בים-באמקען |...| דאס איז פּראַסט א חרפה". ייפאל, נ' 13/14, (ז' 399). 918

ב י מ ב ל{ע ן - אומוו. (שש) ארויסברענגען א קלאנג, קלינגען.

1920 " שמייכלענדיק אונטער די וואנסעס און בימבלענדיק מיט די ברייטע הויפנס |...|". ע. ווארשאווסקי, שמוגלארס, ציט אנט, ז' 233. 926

1932 " פון שוידער בימבלען ווינטפולע גלאקן". נאד I, נ"י, ז' 120. 926

שוו: ווי מען בימבלט אזוי קלינגט - וואס פאר א שאלה אזא תשובה.

ב י מ ב ע ר I - דער, =ס. (גלש) זייגער [י. טריוואקס, גנבים-שפראך, זב ביי אונז יודן, ווארשע, 1923, ז' 161; D: bimmeln - קלינגען].

1935 " ווארט צו, באלד וועל איך ביי אט דעם זשלאב אויפנעמען דעם בימבער, מעגלעך אז ס'א ציבעלע". אי. מיקיטענקא, פרימארגן, קיעוו. 928

ב י מ ב ע ר II - דער, =ס. היימיש געמאכטער בראנפן, ניט-געלייטערטער.

1974 " די בעל-הביתטע האט חושד געווען איר מאן דעם שיכור, אז ער האט צוגענומען די פלאש - צו קויפן בימבער". י. עלבערג, אויפן שפיץ פון א מאסט, מאנטרעאל, ז' 66. 929

ב י מ ב ע ר ל - דאס |?|, =ך. "באמבערל, (נאכ)הענגערל" |קטוו|.

ב י מ ה |בימע| - די, בימות |בימעס|. 1. אן
אפגעצאמטע פלאטפארמע, העכער פון באָדן, מיט טרעפּ
אין צענטער פון שול (בית-מדרש), ווו עס קומט פאר
די קריאת-התורה, עס טרעטן ארויס בעל-דרשנס
אדגל; באַלעמער.

1884 " עס איז זייער ניט רעכט אז א שול-גבאי מאכט
די שול פאר א מקום פורעניות און די <u>בימה</u> פאר 945
א שאַפּאָט! אז יעדערן |...| ווער עס חנפּט אים ניט
|...| יענעם באשטראפט ער שבת אין שול דערמיט,
וואס ער גיט אים רביעי, חמישי, שביעי |...|".
<u>א פאטאגראפיע פון פראווינציע אדער דיא צוואה,</u>
<u>הערויסגיגעבין פון ארבעים ואחד</u>, [ח.ג. זעלונסקי] אדעס, ז' 16.

... " איז דער שמש ארויף אויף דער <u>בימה</u> און האט
אויסגעקלאפט דריי מאל: 'שא, שטילער, ס'זאל זיין 943/א
שטילער, שאַט, שטיל זאל זיין!". <u>שע, מעשיות און</u>
<u>פאנטאזיעס</u>. ... ז' 55.

1930 " דער חזן מיט די זינגער פלעגן מיט א ניגון
אויפרופן דעם חתן 'יעמוד החתן!', און ווי נאר דער 938
חתן איז ארויף דער <u>בימה</u>, האבן די ווייבער אים
אָפּגעשאָטן מיט קליינע ניסלעך". <u>ישראל רוחמובסקי</u>,
<u>זכרונות פון מיין לעבן</u>, פאריז.

1972 " די יינגלעך האבן זיך א ווארף געטאן אויפן
דיל צונויפשארן די שיימעס און אין איין כהרף-עין 944
זיי צוריק אריינגעשטופט אין קעלערל אונטער דער
בימה". <u>חג</u>, <u>פּאַר</u>, XII/24.

2. בינע, סצענע, טריבונע.

1959 " אזוי ווי די דיכטונג, איז אויך די קריטיק
|...| געווען די פירערין פון געזעלשאפטלעכן געדאנק, 945/א
די טריבונע פון פּאָליטישן קעמפער, די <u>בימה</u> פאר
יעדן פּרײַדיקער". <u>שנ</u>, <u>קריטיק און קריטיקער</u>,
ב"א, ז' 314.

ב י מ י |בעיעמ'י| - פֿרעפּ. (מליצהדיק) אין די טעג, אין די צייטן. % בימי מענדעלע.

1832 " מיט דיין הילף וועל איך מיך פרייאן |...| אין ירושלים וואו זי וועט זיין גגליכן בימי המשיח צי איין מוטער |...|". מחזור לשלוש רגלים, יד/א, סלאוויטע.

" בימי רבי שמעלקע" [...] ממוט, ווינטשפינגערל, 1888 4
~~[illegible]~~ פּוס אויסגאַ ווארשע 1913, ז' 36. 4

" בימי ניקאָלאי דעם ערשטן". נס, משפחה מאשבערן!, 1948 4
~~[illegible]~~ ני, ז' 323. 4

1953 " זייער אייפערדיק האט מען זיך פארנומען מיט דער יידישער פראגע בימי הצאַרין יעליסאַוועטאַ. ה/947
ימ איבז שד VII, ז' 150.

ב י מ י ם ה ה ם |באַיאָמים האָהיים| - אדוו פר.
אין יענע טעג, אין יענער צייט.

... " דאס איז געווען |...| גאר לאנג, איך האב מורא, אויב נישט אין דער סאמע היץ פון בימים ההם - פון 952
פֿאַניעס רעוואָלוציעס מיט קאָנסטעטוציעס". שע, טביה דער מילכיקער, ז' 224.

1932 " איז זיין דאגה באשטאנען פון דעם בלויז, וואס ער האט געוואלט האבן פאר זיין ליבע רחלע א/952
דעם גרעסטן עילוי פון בימים ההם! י. ל. שפירא, דער אידישער גייסט - תקיעת שופר, מונקאטש.

ב י מ ל ע ן - --> בימבלען.

ב י מ ט ן - טרוו. (בורשטין-פראדוקציע) "גלאט מאכן"
|קטוו|.

ב י מ ע ל י ך - פאמעלעך, לאנגזאם.

1716 " אונ׳ ער אויף שטונד דוד אונ׳ שניד אים אב
955 כנף איין עק פון דעם פפעליר בימעליק". טהמ,
שמואל I, כז - I.

ב י מ פ ס ן - פימסנהאלץ.

961 1737 " עצי גופר - בימפסן". מלמד שיח, פיורדא,
7 - 1.

ב י מ ק ו ם |בימקעם| - דער, =ס. סובסטיטוט, פארבייט.
% זיין א בימקום פאר...

1973 " אויב שפעטער האקט א האק אונטער דעם בוים
962 און מען קארטשעוועט אים אוים, איז שוין אבער פאר
דער צייט דאס פריערדיקע צווייגל אליין געווארן
א בימקום- שטאם". מורג I, ז׳ 52.

O בימקום-לערער - א לערער א פארבייטער, א פארטרעטער.
.......................................................
באמ: פאראייניקן מיט "במקום" ( אן א יוד )?
.......................................................

ב י מ ש ט יי ן - דער, =ער. דזוו פימסנשטיין.
(עלט) שוואמארטיק געשטיין, ווערט גענוצט צום שלייפן
באזונדערס אין דער האלץ-באארבעטונג; פימס.

1884 "עס איז שטרענג פארבאטן צו פוצן די ציין
מיט אלע שארפע מיטלען, דהיינו: מיט ציינפראשקעס 963
פון פימס (פעמזע, בימשטיין)!". <u>ייפאל</u>, נ' 20,
ז' 319.

ב י ן <u>I</u> - די, =ען. א הויטפליגלדיקער אינסעקט,
וואס פארוואנדלט בלומענזאפט אין האניק.

1888 "דעריבער פארזאמלען זיך, ווי די <u>בינען</u> אז
דערשמעקן ערגעץ האניק, רעדלעך יידן הינטער די
פענצטער". <u>ממוס</u>, <u>ווינטשפינגערל</u>, ~~[illegible]~~
<u>פיס אויסג.</u> ווארשע, 1913, ז' 57.

1934 "<u>בינען</u> זיינען בלי שום ספק איינע פון די
אינטערעסאנטסטע ברואים, סיי צוליב זייער |...| 972
געזעלשאפטלעכן לעבן, סיי צוליב דער גרויסער
ארבעטסזאמקייט, וועלכע קומט אויך צו נוץ דעם
מענטשן". <u>ישראל ביבער</u>, <u>זאאלאגיע I</u>, ווילנע,
ז' 17.

1948 "מיט אלע קאלירן, מיט פעלד און מיט בלומען,
מיט <u>בינען</u> און זייער פארנאכטיקן זשומען". 988
<u>סעג</u>, <u>איצטער</u>, נ"י, ז' 105.

0 <u>בינצוכט</u> - ←-- <u>בינענצוכט</u>. <u>בינציכטלער</u> - ←--
<u>בינענציכטלער</u>. <u>בינען-האדעוואניע</u>.
<u>בינען-האדעווער</u>. <u>בינען-האניק</u>.

1950 "עס זענען פאראן נאך אנדערע געטראנקען, וואס
ווערן טמא אלס משקה: |...| <u>בינען-האניק</u>, טוי, 1007
בלוט". <u>פיעט</u>, תרומות, יא, ג.

<u>בינענוואקס</u>. <u>בינענווירט</u>.

1926 " פרעגט זיך אומיסטןביים בינענווירט, וויפל
בינען בערך געפינען זיך אין א בינשטאק". יאכ I, 1009
ז' 246.

בינען-ווירטשאפט. בינוועבס | סטוטש 248 |
די וואַקס-קעמערלעך ווו די בינען לייגן אַפּ דעם האניק.

בינען-מוטער / בינען-קיניגין / בינען-מלכּה.

בינענעסט - בינשטאַק, פּאַסיעקע.

בינען-3יונג - בינען-האַדעוואַניע.

בינענצוכט - די, באַ, פּפּ בינצוכט. (דטשמ)
בינען-האַדעוואַניע.

1887 " איבערהויפּט זאַלסטו אונדז שרייבן איבער אַקערבוי,
ווײַנגערטנער, און אנדערע זאכן ווי בינצוכט, 1022
זײַדצוכט און זאַ ווייטער". ייפּאַל, נ' 30, ז' 485.

1973 " אין פּערצנט יארהונדערט האט דער קעניג
קאזשימיעזש דער גרויסער באזעצט אין פשוטיק יידן, ב/973
וואס האבן זיך פארנומען מיט בינענצוכט און האניק".
ד. שטאקפיש, יזכּור פשעטיק, ת"א, ז' 57.

בינען-ציכטלער - דער. (דטשמ) בינען-האדעווער.

1961 " ער איז חוץ זיין ארבעט ביי דער באן א פאר-
קאַכטער בינען-ציכטלער". בערג, אויסגעוויילטע 1025/א
ווערק, מאסקווע, ז' 658.

בינען-ציִער - דזוו דפוו.

1953 " ער איז מיין מחותן, איוואַנקאַ-פּאַסיטשניק
(בינען-ציער)". ברוס, ביי די טייכן פון 1027
פּאלעסיע, ז' 66.

329 ~~54~~ – בימ

בינעקיט – רזב.

1926 " גרייט צו |...| שטיקלעך סטעלניק-קעמערלעך,

מלכה-קעמערלעך, בינענקיט". יאכ I, ז' 248. 1029

פפ: אנפאלן ווי די בינען; זשוזשען/זשומען ווי א בין; פלייסיק ווי א בין; צושטיין ווי א בין צו האניק; שלעכט ווי א בין.

שוו: א שלעכטע פרוי איז ווי א בין: זי גיט האניק און זי שטעכט (וואר: צו ערשט גיט זי האניק, דערנאך בייסט זי) |קטוו, סאניק|.

1711 " דיא טאכטר פוללוט האט ברוט גיגעבין צו אייך עני. ווי זיא האבין עש גיוואר גיווארין, האבין זיא דיא איך הוניק גיטאן אונ' האבין זיא אין דא היך גיזעצט. ביז דיא בינן האבין זיא אויף גיגעשין". נחלת צבי I, בראשית, כז/ג. 989

1748 " זיא האבן אום גרינגלט מיך אז דיא בינן".

י. מ. עפשטיין, סידור תפילות II, קכ – 2. 987

בין II – ערשטע פערזאן איינצאל פון ווערב זיין אין דער איצטיקער צייט.

בין III – די, |מצ?|. " אייבערשטער ראנד פונעם טעפל אדער טעלער". |קטוו|. % אנגעגאסן איבער דער בין.

~~1938 " א כלי פול איבער דער בין". ש. בערליגסקי, א לעבן גייט אויף, יפא, ג' 2.~~ ~~1069~~

1938 " דאס מהד bûne, bün האט צווישן זײַנע טיַטשן געהאט אויך 'דעק(סטעליע, סופיט) פון א צימער'. די דאזיקע טייטש האט אויך דאס יידישע ווארט אין אויסדרוק 'פול איבער דער בין'". ייפא, נ"2.

ב י ן |ביין| - פרעפ. צווישן, אין צווישן. ערשטער טייל אין א ריי באהעפטן פון לשון-קודשדיקן אפשטאם (זבז).

... " בין קישקע לצימעס, בין פאיעזד לפאיעזד". שע.

?נ? ב י נ א - די, =ס. |סטוטש 268| אינדישער מוזיק-אינסטרומענט.

ב י ן אדם ל ח ב ר ו |ביין אדאם לאכווײַרוי| - אדוו פר. (לל) צווישן איין מענטש און צווייטן; אין צווישנמענטשלעכע באציונגען.

1889 " פריער זאל מען זיין ערלעך אין געלטזאכן בין אדם לחברו". ר' יעקב מדובנא, (פוקנות מאוד) משלי חכמה (שמות), ווילנע, 30 - II. 1075/ד

1962 " דערנאך האט ער שוין אויך מורא זיך אריינצומישן ווען מען באגייט אן עבירה קעגן דעם בין אדם לחברו". חג. טמז. VII/11. 1075/ג

|| בין-אדם-לחברודיק - אדי/אדוו. (שנש) וואס איז שייך צו צווישנמענטשלעכע באציונגען.

1958 " אויך אין תנכישן ספר איוב איז ערגעץ ווו
1075/ה פאראן אן אַנווינקעניש אויף דעם טראגישן בין־
אדם־לחברודיקן פינטעלע פון דער איוב פראבלעם".
ש. ביקל, שרייבער פון מיין דור, נ"י, ז' 70.

ב י ן א ד ם ל מ ק ו ם /ביין אָדאָם לעמאָקוים| –
אדוו פר. (לל) צווישן מענטש און גאט.

1912 " די נאַרישע איינגעשמועסטקייט, אז מען קאן
1076/ד דורך וועלכע עס איז מצוות און עבירות בין אדם למקום
– צווישן מענטש און גאט – געפינען חן אין דעם
אויבערשטנס אויגן". זשיט XI, נ"י, ז' 123.

1973 " די רעפאָרמאַציע האט דווקא געשטופּט צו מוטער־
1076 שפּראַכיקן אויסדרוק און באַציונגען בין אדם למקום".
מורג III, ז' 276.

1967 " פעלט דער עיקר – די אמונה אין בורא־עולם.
פעלט דער בין אדם למקום". ימ, גק, נ' 60, ז' 253.

|| בין־אדם־למקומניק – דער, =עס. (שנש)
וואס פילט אויס די רעליגיעזע פליכטן.

1967 " אויב מען פירט זיך ניט 'בין אדם לחברו',
1077/א ווי די תורה הייסט, רעד כאטש ניט, אז דו ביסט
א בין־אדם־למקומניק |...| דאס איז נאר אַ חילול
השם". ש. ז. שרגאי, טמז, V/29.

ב י נ אָ ם – דער, =ען. (מאט) א סומע פון צוויי
פּראָדוקטן; צווייגליד.

ב י נ אַ מ י אַ ל – אדי. דזוו ביגאַמיש. % בינאַמיאַלע
1115 ריי, שורה, צעטיילונג.

ב י נ אַ מ י ש – אדי. (מאַם) צווייגלידיק|סטוטש 54|.

ב י נ אַ ק ל|ווייכער למד| – דער, =ען. 1. אַפּטישער
אינסטרומענט, וואס דינט צו קוקן אין דער ווייט.

" געהאט זיי האבן אין בינאקל שוין געזען 1948
1129 |די דייטשן?| פאר זיך אי דעם ניעסקוטשני סאַד אי
דעם וואַקזאַל פון כימקי". פּמ, מילכאמע I,
ציט אויסג, נ"י, 1956, ז' 229.
2. פלוגסאל.

1867 " |...| איינע גרויסע אויסוואַל פון אַלערהאַנט
1119 אפּטישע ארבעט, דאס הייסט: גלעזער,ברילן, לאָרנעטן,
בינאַקלען (נאַזנקוועטשער) |...|".ווארשויער
יודישע צייטונג, נ' 27, ז' 254.

ב י ן ג ב֗ ר א ל ג ב֗ ר א |ביין גאַוורע לעגאַוורע|
– אדוו פר. (לל) צווישן איין אויפגערופענעם
צו דער תורה און דעם צווייטן; צווישן איינעם און
דעם אנדערן.

1864 " בשעת קריאת התורה איז אסור ארויסצוגיין,
1078/ב נאר בין גברא לגברא, דאס איז ביז מען אויפּרופּט,
איז מותר ארויסצוגיין לצורך |...|". הרב א. ברודא,
הליכות עולם, אונגוואר, יח – I.

333 ביג - 

2. (פיג) צווישן איין טויונג און אן אנדערער, אין צווישן, דערווייל. "בין גברא לגברא כאפט ער אריין א שנעפסל" |קטוו|.

ביגנקלקרויט - דאס/די. מין גיפטיק גראז (Mercurialis )

ביגד - דער, =ן אצ-וומצ. 1. א זאך וואס בינדט.

1941 " לאמיר צערייסן זייערע בינד". תי, תהלים, ב - 3.
1145

1948 " דערנאך האט מען דעם בריקס לייב געגומען שינדן // און פאנאנדערנעמען אלע אלטע בינדן".
1141
ראלניק, געקליבענע לידער, נ"י, ז' 231.

2. (וועבעריי) די פארפלעכטונג פון די פעדעם אויף אזא אופן, עס זאל זיך אויסוועבן א שנירל, קעסטלעך אדער בלומען.

1926 " דער וועבער א מייסטער// ביי זיך איז געווען: האט מוסטערס געצייכנט // דעם 'בינד' נאכגעזוכט".
1147
פ. גודמאן, אין געשפאן, נ"י, ז' 270.

בינט.

----> 1.

1625 "(מוסר) דיא בינט דז דיא מלכים אנדרי לייט בינדן אונ' האבן איר ממשלה איבר יעני |...|".
1143
סהמ|ן איוב, י"ב, י"ח.

ב י נ ד אַ ל י ק  - דער, =עס. (עלט) אַמאָליקער
פּרויען-באַפּוץ.

1861 " דאס אייגענע ווייבערשע פֿערלצירונג האט געהייסן
1191 אין אנדערע ערטער שטערנבינדל, קאָפּבינדע, בינדאַליק
|...|". י. אקסענפעלד, שטערנטיכל, לייפּציג.

בּ׳ י נ ד ב ר ע ט ל - דאס, =עך. |אוװ, מעד| א
הארטער אונטערלייג ביי באַנדאַזשירן אַ בראָך.

ב י נ ד ג ל י ד - דאס, =ן. אַן עלעמענט, א רינג
וואס פארבינדט.

1947 " דאס בינדגליד צווישן פֿלוטאָקראַטיע און
1152 באלשעוויזם". מון, הישלערס פּראָפּעסאָרן, נ״,
ז׳ 171.

בּ׳ י נ ד ג ע ו ע ב - דאס, =ן. (ביאלאגיע)
איינס פון די געוועבן אין א לעבעדיקן אָרגאַניזם.
% פּעדעמדיקע בינדגעוועבן; ביינער-בינדגעוועבן
|סטוטש 241|.

1966 " די ריכטיקע הויט אדער דערמאַ באשטייט פון
1153 בינדגעוועב -פּעדעם, שטײַפע און עלאסטישע".
י. מעריסאָן, היגיענע, נ״י.

ב י נ ד ד ר אָ ט - דער/דאס, =ן. דינער דראָט צו
בינדן צעבראָכענע כּלים.

ב י נ ד ה ו י ט - די, בא, אָפּטער געניצט אין פּקפּ: דאס בינדהייטל. (אנאט) שלייִמהייִטל פונעם אויגן-דעקל; קאָניוקטיוו.

0 בינדהויט-פֿאַרצינדונג - די. (מעד) מין אויגנקראנקייט |סטוטש 420|.

ב׳ י נ ד ה ייִ ט ל - דאס, בא. --> בינדהויט.

ב י נ ד וו אָ ר ט - דאס, ~ווערטער. (גראַם) א ווארט, וואס זיין ספּעציעלע פונקציע איז צו פארבינדן א ווארט (זאצגליד) מיט א ווארט אדער א זאץ מיט א זאץ; קאניונקציע. ביישפּילן פון בינדווערטער: און, אָז, אָבער, ווייִל, אַוו.

ב י נ ד ו נ ג - די, =ען. 1.אקט אדער רעזולטאט פון בינדן.

"קולטורעלע געבונדנקייט ברענגט מיט זיך שפּראכיקע בינדונגען". מוו, יישפּ II - 4, ז' 100. 1206

2. מאטעריאל וואס בינדט.

1885 " זיינע געדאנקען |בלשאצרס| זענען אים דער-שראקן געווארן, די בינדונג פון די קליידער האבן זיך צעריסן". תנחומא, שמות, ווארשע, ז"85. 1137

3. דזור בינדווארט |סטוטש 371|. (גראַם, עלט)

4. (ביי בעטאָן-אַרבעט) "ברעטער וועלכע בינדן די שטיצעס וואס האלטן אונטער די האָלצערנע פּלאטע" |קטוו|. 1201

1. <---

1625 " איך פער בורקנס פון דיינר שכינה זאלשטו
זיא פר ברגן (מרוכסי) פון דען ביהעפטונג אונ'
בינדונג פון דיזי רשעים". סהמן, תהילים,
ל"א - כ"א.

2. <---

1721 " (יחיד) דש איז יצחק דער דא איז גיוועזן
אייניג צו זיינר מוטר דער איז גיריכט גיווארן 1195
מיט בינדונג אויף דש (מזרח)". מחזור ר"ה ויו"כ,
הומבורג, כה - 2.

ב י נ ד ו ס - דער, =ן. " 1. זידלוואַרט פאר א
צוואַקסענעם יונגן מענטשן" |קטוו|. 1207

2. "אַ פּוילער" |קטוו|.

ב י נ ד ז י ל |אַקצענט?| - דער? מצ? " שאַפֿענע מילך
אויפגעקאַכט מיט לופּ (געראנענע מילך וועלכע האט
זיך געפונען אין מאגן פון א קעלבל), נישט געזאַלצן" 1160
|קטוו|.

באַמ: ווו געניצט? דיאַל? בעסאַראַביע?

ב י נ ד י ו ג ע - די, =ס. (רעג, אַדעסער קאַנט?)
א גרויסער לאַסטוואָגן מיט א פלאַכער פּלאַטפאָרמע,
אַפּט אויף גומענע רעדער, צו פירן שווערע משאות.

1937 " איז צוריק צוגעפארן א היפשע בינדיוגע מיטן
מיסט און |...| גענומען עס אַראָפּשליידן". 1214
אווראם קאהאן, דאס גילדערנע געסל, פארמעסט,
נ'3, ז'66.

ב י נ ד י ר ה ע -- --> בינדיוגע.

ב י נ ד י ו ז ש נ י ק - דער, =עס. 1. בעל-עגלה
פון א בינדיוגע.

1909 " אן ערב-רב פון בינדיוזשניקעס און איזוואָשט-
1227 שיקעס מיט די ביַיטשן אין די הענט |...|".
פנחס מינקאָווסקי, מאָדערנע ליטורגיע אין אונדזערע
סינאַגאָגען אין רוסלאַנד, אָדעס, ז' 179.

1934 " פאַר זיך היינט גייען - // טאָקער, מעטאַליסט,
1225 // שניידערס און בינדיוזשניקעס |...|".
ע. פינינבערג, אַנ ערד אַנ אַנדערע, (וועסקווע,) ז' 99.

2. " א בינדיוזשניק האט געהייסן אייגער וואס נעמט
ארום פעסער מיט רייפן" |קסוו|.

...........................................................
באמ: מסופּק אין לעצטן טייטש.
...........................................................

ב י נ ד י ק - אדי. קלאָר און לאָגיש פאָרמולירט.

1968 " דער דימיון, דער בינדיקער, דיכטערשער //
1237 שילדערט פון אַנונגען ווײַטע, פון נאָענטער וואָר".
לע, אַפּקלייב, נ"י, ז' 260.

// קורץ און בינדיק.

1876 " ער פלעגט זיך אויסדריקן זייער קורץ און בינדיק,
1232 אין ריינעם דײַטש אדער אין ריינעם פויליש".
אמד, די אלטע ליבע ראַסטעט ניכט, ווילנע.

" אַלזאָ , ווילן מיר הערן קורץ און בינדיק 1964

1234 אייער הויכגעשאַצטע מיינונג: מאָר א געוועזענער געשעפטמאַן זיין א ראבינער אדער ניט?".

י. קאפּלאַן, שליאַך און אומוועג, ז' 250.

|| =קייט |מאַרק ווב |1874.

ב י נ ד ל - דאָס, =עך. (עלט) דזוו בינטל.

1876 " והנה קמה אלומתי וגם נצבה, מיין בינדל

1242 איז געבליבן שטיין אופרעכט, אבער אייערע האָבן ז
זיך געבייקט ווי קנעכט". מכירת יוסף שפּיל, לעמבערג.

1906 " גאַר פּשוט: זיי |די איבערקויפער| קויפן,

1245 למשל, ביים גוי דאָס בינדל פלאַקס פאַר א רובל און פאַרקויפן עס אין קאַנטאָר פאַר א רובל מיט א פערטל אדער אַנדערטהאַלבן". די מעשה פון פּיער ברידער, וואַרשע, ז' 32.

ב י נ ד מ אַ ש י ן - די, =ען. (אַגריקולטור) מאַשין וואָס בינדט די גאַרבן.

ב י נ ד מ י ט ל - דאָס, =ען. 1. יעדע זאַך וואָס דינט צו פאַרבינדן, פאַראייניקן, באַהעפטן, למשל, א שטריק, א ראַנד, אַ שפּילקע, אַ שנורל.

2. באַנדאַזש, בינט |מאַרק ווב 1430|.

ב י נ ד ן - טרוו. פאַר געבונדן. 1. ארומנעמען,
צונויפֿציען, עפּעס/עמעצן פעסט מיט א שטריק,
קאנאט, שנור אע. % דער קצבֿ האָט געבונדן
דאס קאַלב. בינדן הושענות. דער פויער בינדט
די סנאָפּעס.

1879 " באלד זיינען זיי געווארן אלע טויט, דען עס
האבן זיך אריינגעלאָזן אין הייל פּאָליציי און 1254
האבן זיי געבונדן". נשה גליק, מעשה ר' מנחם
אלטארוער, ווילנע, ז' 14.

1934 " דער פאטער גייט אים העגט-און-פיס בינדן".
אש, תהילים ייד, 1292

1972 " פארן האלדז איז ער געבונדן אויף א לאנגער
קייט". ל. ראכמאן, רעגן-בויגן, גק, נ"76, 1288
ז' 103.

2. (ספּעצ) צוזאמענהעפטן בלעטלעך צווישן צוויי
טאָוולען; איינבינדן. % ווען וועט דער איינבינדער
בינדן די ביכער?

3. (פיג) האלטן אונטער קאנטראל, באגרענעצן, צוימען.
% בינדן דעם כעס.

1968 " די גמרא דערציילט, אז לעתיד-לבוא וועט
הקדוש-ברוך-הוא בינדן דעם יצר-הרע און אים
קוילענען". חג, צמח אטלאס, קאָנה II, ז' 277.

4. (פיג) פאַראייניקן, שאפן קאָנטאקט, נאָענטקייט
צווישן עמעצן/עפּעס.

1928 " איך האב מיין גאנצע פארגאנגענהייט, וואס האט
מיך געבונדן מיט דינהן, אויסגעטייטשט, אז זי איז 1318
פאר מיר געשטארבן". מ. ספעקטאר, סודות, ז' 238.

1957 " די פּײַנטשאָפּט בינדט אַ מאָל נאָך שטאַרקער און אינטימער אַפילו ווי די ליבע." לע, ביים פּוס פון באַרג, נ"י, ~~תּשט~~ 125.

1972 " די חברים פון דער גרופּע זענען אין אָנהייב יאַרהונדערט געווען געבונדן מיט די ציוניסטיש- 1306
סאָציאַליסטישע פּאַרטייען". ח. שמערוק, נסתר, ~~אין~~ גק, נ' 77, ז' 128.

5. (פיג) שאַפן אַ שייכות, אַ פאַרבינדונג. % דער מאָטיוו בינדט ביידע טעמעס.

6. (אין פּאַסיוו, פיג) זיין דער גורם פון עפּעס. % די רייזע איז געבונדן מיט גרויסע הוצאות.

7. (עלט) איינשפּאַנען (וועגן פערד און וואָגן).

1837 " יוסף זאָגט צו זייני קנעכט גשווינד בינד מיין רייט וואָגן, איך וויל קעגן מיין פאָטר רייזין". 1294
א. פאָוויר איבז, גדולת יוסף, יוזעפאָף, ל - II,
„בינדעניש" – דאָס. דאָס בינדן אַ פּ"ט, פּסקן; (אויך) דאָס בינדן אַרעסט. „בינדצײַג" – דאָס. דאָס בינדן שליסלען.
L7 בינדן די הענט/העט און פיס/טריט - דזוו בינדן ב 3.

1957 " דער טאַטע האָט אים געבונדן די טריט, ווי מען פּענטעט אַ פערד". שעליובסקי, אין דער 1286
וועלט אַריין, ב"א ז' 17.

געקניפּט און געבונדן - שטאַרק נאָענט, זייער באַפּ- ריינדט. פּפּ: בינדן ווי אַ משוגענעם.

שור: בינד מיך אויף אלע פיר, נארווארף מיך צווישן

1317 אייגענע (וואר: מיניקע) – אפילו האבן צרות,

אבי צווישן אייגענע, צווישן קרובים.

## בינדן. ם

-----> 1.

... " מיר הבן איך גיבונדן ער קאן אונז ניט אנפּליהן".

1313 בבא בוך, 264, 8.

1783 " די עלצטי אויך דען רשע גאַנט, ימ"ש בינדט

1310 ער מיט אייזרני קעטין". מעשה גדולה מן אומן,

פיורדא, ציט הש I.

---> 2.

1648 " איינם בוך בינדר פר קויפט צו שערץ, |די ספרים|

1316 אנדרי ביכר דרייך צו בינדן". מגילת ווינץ,

אמשטרדם, ז׳ 16.

----> 3.

1610 " דרום בינט ער אייך מיט דער שבועה דש איר

1304 איך ניט זולט די צערנן אונ׳ איך ניט פר ווערקסלין

אום אייך אנדרן גאט". טח – רשי, דברים כט – יב.

---> 5.

1734 " וואש גאט טוהט בינדן, קן דער מענש ניכט

ענטקניפּן". מארשן, לשון זהב, ז׳ 16.

8.--באַנדאַזירן.

... " אחבש – איך וויל בינדן [רייכלין 8], יחזקאל

1309 לד – טז [תי: אַרומבינדן].

342 .67 - בינ

ב י נ ד ן   ז י ך   –   פאַר זיך געבונדן. 1. רעפּל.

באַנדאַזשירן זיך.

1932 " אַנדערע לויזן זיך, קראַצן זיך אין די געדיכטע

בערד און קאָלטענעס, בינדן זיך שמאַטעס ארום די 1342

וווּנדיקע פּיס". ייז, ווינטער קעלט, ציט אנט,

ז' 318 – 319.

2. אוטוו. האבן א שייכות.

1868 " דעמאָלט וועט איר אליין איינזען, אז די עבֿירה

און דער עונש בינדן זיך און איר וועט ווערן א

בעל-תשובה". חג, צמח אטלאס II, יאַנקעל, נ"י, ז' 228.

1965 " ווי, איב, האָסטו געזען, אז מזל זאל זיך

בינדן מיט שלימזל?" זש, טמז, VII/4. 1346

3. אוטוו. (עלט) משעפּען זיך, זוכן זיך צו עמעצן.

1887 " זי האט מיך אנגעפאנגען צו שלאגן אויף יעדן

טראָט, פלעגט זיך בינדן צו מיר אומזיסט |טעקסט: 1341

אומזאָנסט| און אומנישט". ב. א. זאביעזינסקי,

די שווערע צייט IV, ווארשע, ז' 24.

/פּפּ/ 17 (צו ב' 4) בינדן זיך ווי א יונג/א פּאַסטאַיאַלעצ.

|סטוטש 447|.

ב י נ ד ע   –   די, =ס. שניפּס, קראַוואַט, אויסבינדער.

1901 " איבערהויפּט דארף מען אין א פראַק |...|

און א ווייסע בינדע צו זיי ניט נאָענט צוגיין". 1353

יהל, די אומבאַקאַנטע פּאַרליבטע, ווארשע, ז' 77.

1971 " מען האט געקענט טרעפן יעקבֿן מיט זיין פריינד
קאַראַ שפּאַצירן, זיין בינדע צעגומען – האט געפּלאַטערט 1352
איבער דער פּלייצע". י. כץ, יזב זלאַטשעוו,
ת"א, ז' 203.

2. באַנדאַזש, בינט, באַנד (איבערהויפּט פאַר די אויגן).
1930 " |...| טראַגט א בינדע אויף די אויגן".
נאַד, דערלאַנג אהער די וועלט, בורזשוי, נ"י, 1349
ז' 26.

1957 " |...| האבן די אויגן נישט געקאָנט אפּרייסן פון
דעם טשיקאַוון פּאַצעטל מיט דער שווארצער בינדע 1360
אויפן פּנים". ברוס, די שטילע ערד, נ"י, ז' 225.

3. א צודעק פון דינער גאַזע אויף די וואַנצעס.
1966 " אָפּט מאל קומט ער אפילו אריין אין קאַפע
מיט א 'בינדע' אויף די וואנצעס". נאַד, אונטער 1361
דער זון, ת"א, ז' 72.

4. (עלט) שאַל, טיכל. % "מען האט געזאגט: זי
טראגט א שיינע דיאַמאַנטינע בינדע" |קשוו|. 1356
1872 " זיי ווארן אָנגעטאָן אין טייערע שטאָפּענע
קליידער, בינדעס אויף די קעפּ, פּערל אויף דעם 1368
האלדז". אמד, אסתר, ווארשע.

0 קאָפּבינדע. האלדזבינדע |קשוו|.

בינדער – דער, =ס. מצ,וומצ. 1. דער וואס
בינדט,

1956 " ווו. זענען די באשקירער - די בארקע-טרײַבער

אונ טראטווע-בינדער?" מ. מאן, ביי די טויערן 1371

פון מאסקווע, ז' 162. 

1957 " דא שטייט ביי די ביימער א בינדער, // בינדט

צווייגן און פלעכט זיי פון שטריק". אפא. 1373

2. דזוו בינדע ב' 1 |סטוטש 522|.

3. (עלט?) דזוו באנדער |?|.

1866 " אויך זאל מען נזהר זיין, דאס ווען איין פאס

רינט און לאזט עס מאכן מיט איין בינדער (שקורין 1374

פינטער) עכו"ם, זאל דער ישראל ארייַנשטעקן פריער

דאס שטיק גראז אדער האלץ וואס דער בעל-מלאכה

צווישן די שפאלטן צו שטעקן ברויך". מרדעי הורוויץ,

ספר פרשת מרדכי, אונגוואר, מז - !.

בינדר.

1. ←----

1721 " זי האבן זיך גיפרייאט אלי ביידי אין דיינם

גלויבן, דער בינדר (אברהם) (יעקוב) אונ' די 1374

גיבונדנר |...| צו טון דיין ווילן". מחזור ר"ה

ויו"כ, הומבורג, פז - !.

בינדצייכן - דאס, =ס. (ארטאגראפיע)

מקף, דעפיס, בינדשטריך.

בינדרימען - דזוו בינדשטריך.

1696 " איך בין דיין קנעכט זון דיינר מייד דו הושט

גיעפנט מייני בינד רימן". |סידור| תפלה למשה, 1171

דעסוי, צא - 2.

1744 " אין די (מזרח) זייט האבן זי אויף גישפרייט
דיא נעגיל פון אונזר בינדרימען". בע, מב - 3. 1175

בינדשטאַנג - דער, =ען. (טעכט, אַגריקולטור)
אַ טייל פון א שנייַדמאַשין.

1928 " דערנאך האבן זיי זיך | די אונטערגעשניטענע
זאַנגען |, ווי א אומאויפהערלעכער גאלדענער שטראַם, 1176
געצויגן ארויפצו צום בינדשטאַנג". ע. איזרא,
פון פעלד צום טיש, קיעוו, ז' 57.

בינדשטיין - דער, =ער. | סטוטש 113 |. נב.

בינדשטראָך - דער, =ן. | סטוטש 369,283 |.
--> בינדשטריך.

בינדשטריך - דער, =ן. פּפּ: בינדשטראָך.
1. (אָרטאָגראַפיע) דזוו מקף, דעפיס;

1929 " ווען א ווארט שטעלט זיך ניט אויס אין סוף
שורה, טראגט מען אים אריבער אויף דער צווייטער 1179
שורה. אין סוף שורה שטעלט מען דערביי א בינדשטריך
( – ) אדער א טאָפּעלן בינדשטריך ( = )".
א. זארעצקי, קורס פון יידישער שפראך, מאָנטרעאָל,
קאַפּ. 14.

2. (מוזיק) | סטוטש 283 | שטריך וואס פאַראייניקט
צוויי נאָטן.

.346 ~~71~~. בינה -

בינדשטריק - דער/די, מצ ~~רזצ~~ דס. (עלט)
שטריק וואס בינדט, באגרענעצט;קייט.

1941 " און זיינע |שמשונס| בינדשטריק זיינען
1183 צעקראכן פון זיינע הענט". תי, שופטים,16 - 14.

1966 " און פאר מיינע אויגן שטייט כ'פלעג זען א
1180 מענטשן, וואס דער לעצטער בינדשטריק ווערט פון
אים פארשווונדן". האל, מיין אויצער, ~~צאט~~
מאסקווע, 1966, ז' 58.

בינה |ב'נע| - די, בא. 1. (לל) פארשטאנד, שכל.

1816? " און אלי זאכן מוז זיין בינה דש מיינט מן
1139 אז דו זאלשט זעהן צו הבן זו איין רבי וואש הבנה
האט צו לערנן". ספר חסידים, רוסלאנד?
תק"ז?, סימן קנה - 27. (תקע"ג?)

1888 " הויבט ער אן זיס-מחיה די ברכות: אשר נתן
לשכוי בינה, וואס האט דעם האן געגעבן פארשטאנד".
ממוס, ווינטשפינגערל, קאפ: ... 1913 ז' 124.

1961 " בינה מיינט: מבין דבר מתוך דבר - ארויס-
1138 פארשטיין א זאך פון א זאך |...|, ארויסציען
מסקנות". הרב י. ד. סאלאווייטשיק, טמז, XII/1.

?נ? 2. ווייבערשער נאמען.

1946 " |...| אויסגעלאזט זיין כעס צו זיין ווייבל
שרה בינה". ייט, פוילן 2, קאנק: 110.

ם
--> 2.

?נ? 1799 " איר נאמן וואר בינה אונ' ער נאם זי שמעון צו
אייגם ווייב". ספר תם וישר (ישלח), זולצבאך,
לו- II. 1139 א'

.347 ~~.72~~ - בי...

ב י ן - ה ז מ נ י ם |ביין-האַזמאַנים| - דער, מצ ~~...~~ 53/=ס.

1. די צייט פון פּסח און סוכות, די צייט צווישן
דעם ווינטערדיקן און זומערדיקן זמן אין אַמאָליקן
חדר, ישיבֿה.

1866 " ביך הזמנים, ווען די מלמדים האבן זייער יריד
דעמלט פלעגט מען |...| ווייניק קומען אין חדר אריין". 1080/ז
קמ, נ' 6, ז' 85.

1916 " וואַקאַציע, |...| פֿעריען, קאַניקולעס - דאס
זיינען אלץ ווערטער פונעם זעלבן באגריף. זיי זאגן 1081
אבער נישט דאס, וואס דאס וואָרט 'בין הזמנים'
זאגט דעם יידישן יינגל". שע, פונ'ם יאריד I, 613 ...
ז' 156.

1957 " פון דער גרויסער שטאָט איז |...| דער ישיבֿה=
בכור געקומען אהיים אויף די בין-הזמנים". 1080/ט
מ. שעליובסקי, ~~...~~ אין דער וועלט אריין, ק"כ,
ז' 22.

2. (אַקטיאָרן-לשון) איבעררייס צווישן איין טעאַטער-
סעזאָן און צווייטן.

1955 " אין דער אקטיארישער פראפעסיע זיינען פאראן
פארשידענע, אזוי גערופענע 'בין הזמנים', ווען 1080/ב
מ'שפּילט נישט טעאטער". ש. האַרענדאָרף, טעאַטער-
קאַראַוואַנען, לאנדאן, |ז'?|.

1. --->

1752 " זעהט נאר וויא אונזרי ספרים פר פלוכן אונ'
פר שילטן די מלמדים וואש ניט (באמונה) לערנן מיט 1080'ו
דיא קינדר ובפרט צווישן די זמנים דהיינו נאך פסח
אבר נאך סוכות הייסן דיא מלמדים בין הזמנים
עש זאל ניט גדאכט ווערן". עח, נד - 2.

ב י ן - ה ז מ נ י מ ד י ק |בײַן-האַזמאַנימדיק|

- אדי. (לל) קאַניקוליאַר..., צווישנסעזאָנדיק.

% די בין-הזמנימדיקע ארומלויפעניש פון א מלמד".

|קטור|.

ב י ן - ה מ צ ר י ם |בײַן האַמעצאָרים| - דער.

1. קלעם, קריטישע לאגע, אָן אויסוועג. % "ער קאָן

ניט געפינען אן אויסוועג פון זײַן בין המצרים".

|קטור|.

2. נאָמען פאר די דרײַ טרויערוואָכן פון שבע-עשר

בתמוז ביז תשעה באב ווען דאס בית המקדש איז חרוב

געווארן.

1905 " דער טעם וואס די טעג |י"ז תמוז - ט באב |

1085 ווערן אנגערופן בין-המצרים |...|". ~~ספר~~ מטעמים,

פיעטרקוב, ז' 10 |?|.

1958 " אבער באַדן זיך אין דער צײַט פון 'בין המצרים'

1084/ב טאָר מען ניט |...|, נעמען א ביסל בראנפן |...|

אוודאי ניט". חג, טאג, VII /25.

ם ---> 2.

1712 " אך האט מען גזעהן דש פיל צרות אויף יהודים

1086 איז גקומן אל צײַט בין המצרים אודר ט' באב |...|".

החכם מנשה בן ישראל (איבז), מקוה ישראל, פפדם,

דף כח/1.

ב י ן - ה ש מ ש ו ת |ביין-האַשמאַשעס| - אדוו.

1. צווישן טאָג און נאַכט, פאַר זון-אונטערגאַנג.

1850 " ווי ער כאַפּט זיך אויף פון דעם שלאָף זעט ער

1092/א עס איז שוין בין השמשות, מען טאָר שוין ניט פאַרן".

ספר שבחי בעש"ט, זאָלקווא, II - 40.

... " אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן, וועל איך ניט

1092/ו פאַרגעסן דעם ׳בין השמשות׳, דאָס צופאַלן פון

דער נאַכט". פרץ, משיח׳ס ציַיטן, ז׳ |?|.

1924 " איך די גערטנער פון מיין טרויער // איז

1096 שטענדיק בין השמשות". ניידוס, ליטווישע

אַראַבעסקן, וואַרשע, ז׳179.

2. דער, =ן. % בין-השמשות-ציַיט. "פריַיטיקדיקע

בין השמשותן |ייט, פּוילן 2|. עס פאַלט אָן א

גינגאַלדער בין השמשות" |סמב|.

1961 " |ער| איז א שטימונגספולער באַשיידענער

קינסטלער, וועלכער ווידמעט זיין רייכע פאַרבנגאַמע

דער בין השמשות צייט - פאַרנאַכטן, פאַרטאָגן |...|

ווען ס׳איז לא יום ולא לילה". ש. אקסמאַן,

ספר לוצק, ת"א, ז׳ 292.

פּפּ: גרוי, ווי דער בין השמשות |סטוטש 297|.

ב י ן - ה ש מ ש ו ת ד י ק |בין-האַשמאַשעסדיק|

- אדי/אדוו. 1. פאַרנאַכטיק טונקל.

... " זיי זיינען געגאַנגען איילנדיק איין אַנגעשטרענ-

1098/א גטער בין השמשותדיקער לופט". ייז, איין דער

פינסטער, ז׳ 88.

" עס איז געווען א בין-השמשותדיקע טונקלקייט". 1872
ד/1098 ר. בריקס, די וואס זיינען נישט געבליבן, ז' 40.

2. (פיג) אומעטיק. % "עס איז ~~בין-האשמאשותדיק~~ ~~אויפן הארצן", (שטרן).~~

" אין דער בין-השמשותדיקער שטימונג האט ער זי 1914
פון חפץ ארייגעבראכט אין דער "בלויער מויז"". אש, דער וועג צו זיך.

?נ? ב י ן - ה ש מ ש ו ת ן |ביין-האשמאשעסן| זיך - אומוג.
(שנש, סטוטש 290) ווערן טונקל ווי פאר נאכט.

ב י נ ו ל ב י נ ה |ביינוי לעביינא| - אדוו פר.
(לל) צווישן אים און איר, צווישן מאן און פרוי.
% דאס איז אן אינטימער עניין בינו לבינה.
1954 " די נאטור צווינגט אפט דורכצוברעכן דעם
1386 קינסטלעכן תחום פון באציונגען, אפילו פון די בינו-לבינה -באציונגען". גרינג, בלעטלעך פון א טאג-בוך, נ"י, ז' 206.

~~... " ער האט דערציילט גרויליקע זאכן וואס טוען~~
~~זיך אף בינו ובינה". יח. האפער, דער טויט פון ר' תנחום.~~ ~~צוזאמען פון חפצן~~

ב י נ ו ל ב י נ ו |ביינע לעוויינע| - אדוו פר.
דערווייל, ביז וואס ווען, אין צווישן.
1895 " בינו לבינו בין איך געווארן א בחור פון
ד/1386 11 יאר, און מדכנים פון אלע זייטן שלאגן ממש אף די טירן ביים טאטן". י. לינעצקי, דאס פוילישע יונגל, אדעס, ז' 58.

... " איך |...| נעם ביי דער רביצין א לעקאַכל

1384 |...| און בינו לבינו, אז קיינער זעט נישט, טו

איך א געב איבער אסתרן |...| דעם רבינס שיר מיטן

שלח-מנות". שע, מעשיות פאר יידישע קינדער,

׳אסתר׳, ז׳ 212.

1967 " מיר געפעלט שוין ליבער דאס חסידישע ווערטל

1384/א ׳אדם יסודו מעפר וסופו לעפר׳, אבער בינו לבינו

דארף מען מאכן א לחיים". מ. מראַטשני, פאַש,

VIII/27.

ב י נ ו  ל ב י ן  ע צ מ ו |ביינוי לעווייך אַצמוי|

- אדוו פר. (לל) בלייבנדיק מיט זיך אליין;

איינער אליין, פאר זיך.

... " סענדערל האט בינו לבין עצמו געמושטערט".

פון חפצן ממוס, מסעות.

1957 " בינו לבין עצמו דארף ער גוט וויינען אויף

1384/ב יענעמס לא-טוב און זאגן א קאפיטל תהילים".

ליקוטי-דיבורים, ז׳ 90.

ב י נ ו נ י |ביינוּיני| - דער, =ים. (לל).

1. מיטעלער, מיטלמעסיקער.

1866 " דריי כיתות זיינען ביי דעם יום-הדין |...|,

1388׳ב צדיקים גמורים ווערן באלד אנגעשריבן און אנגע-

חתמעט צו דעם לעבן פון עולם הבא. רשעים גמורים

ווערן אנגעשריבן צו גיהנום. בינונים (מיטעלע

לייט) גייען אראָפ אין גיהנום און שווימען אויף

און קומען ארויס". דרכי עולם, ווילנע,

ז׳ 43.

1945 " מ'איז אלע בינונים". באַרישאַ, דער גייער,
נ"י, ז' 265.

2. (אין חסידות) א חב"דער חסיד (די חב"דניקעס
רופֿן זיך בינונים - מיטלמעסיקע: ניט קיין גרויסע
לומדים און ניט קיין גרויסע עם-הארצים).

1940 " א וואָרט האט אַנגעריסן ביי א לעזער |...| דאס
וואָרט וועגן דעם 'מיטעלערן וועג', אדער שיטה 1387/ג
פֿון דעם 'בינוני', דער שיטה פֿון חב"ד". קיץ II,
~~קאַראַכבדה~~ נ"י, ז' 163.

" דער מתנגד נעמט דא אַן די שיטה פֿון בעל-תניא 1467
מיט זיין בינוני". ים, 1951 גק, נ' 60, ז' 254. 1388

ם
1. <---

1696 " זעלט ער נון זיין אז דיא, דיא דא זאגין
עולם הבא איז דז קומט ווען דר מענש אויז גיט 1387/ה
פֿון דער וועלט ווען עז אויז איז, לזא קומן אזו
וואול דיא רשעים אונ צדיקים אונ בינוניים".
ר' אבא בר' שלמה שליט"א |...|, סוד הנשמה,
אמשטרדם.

1740 " דיא אנדרי פרטייא זיינן בינונים דש איז
מיטל מעסיגי לייט |...|". ר' זאב וואלף בר' 1387/ה
יוסף מק"ק ברלין, דרישת הזאב, ברלין, דף
יג/1.

ב י נ ז ע - די, =ס. < D:Binse. (באַט) מין טשערעט,
(רוסנ: Spartium junceum). 1512

ב י נ ט - דער, =ן. <R: бинт. 1. א טאַשמע פֿון
מאַרלע פֿאר מעדיצינישע באנדאזשן. % פֿאַרבאַנדאַזשירט

די האנט מיט א בינט.

1932 " דאס אנגעריבן די פוסטריט דארף מען די ווונד

1408 באשיטן מיט |...| קסעראפארם-פודער און פארבינטעוועט

מיט א בינט". ע. מעשטשינסקי, האנטבוך פארן ארבעטער־ראט (גויס)

~~אר. ...~~ מאסקווע, ז' 29.

1948 " פעטער מישא איז געלעגן אין גאנצן אן ארום-

1398 געבאנדאזשירטער, נאר די בארד זיינע האט ארויס-

געשטעקט פון די בינטן". מ. לעוו, פארטיזאנישע

וועגן, מאסקווע.

2. א גרויס בינטל (---<), א פאק; בונט .

1930 "ס'קנוילן אין בינט זיך די לעמער // בײַ וועגט

1405 פון קאשארעס". א. שומיאטשער, אין שעהן פון

ליבשאפט, ווילנע, ז' 248.

1955 " אנהאקן האלץ גאנצע בינטן מיט שײַט |...|,

1399 און מאכן דעם אויוון און אפקאכן טעפ". מל,

לידער און באלאדן II, נ"י, ז' 63.

..........,..............................................

באמ: מסופק אין צווייטן באטייט (מעגלעך אז דאס

איז סתם בונט", אדער מערצאל פון "בונט").

ב י נ ט ל - דאס, =עך. 1. פָּקפָּ פון בונט ב 1.

% א בינטל שטרוי. א בינטל בלומען. א בינטעלע האלץ. שיטערע בינטלעך האָר. בינטל בריוו.

פל: דו האסט מיר געשאָנקען א בינטעלע פערל".

... " דארט זיצן יידענעס מיט מולטערס, פול אנגעלייגט מיט בינטלעך קנאָבל". ממוס, מסעות, ז' 83. 1460

" איר וועט ביי מיר ניט אויספירן, קלינגט זושע סולקעס מיטן בינטל שליסלען". חג, צמח אטלאס II, קאנ: ~~1946~~ נ"י ז' 249. 1968.

2. א זאמלונג פון פארשידענע זאכן, א פעקל. % א בינטל אַלטוואַרג.

... " אלע זיינען אָנגעלאָדן |...| מיט קוישלעך, פידלעך, פעקלעך און בינטלעך". שע, זומער לעבן, גלות דאטשע. 1459

" זי האט צונויפגעפאקט א בינטל און איז אוועק צו פוס קיין פאַרצעוו". באש, דער שפיגל [...], קאנ: ~~1948~~ ת"א, ז' 188. 1975

(וואָגן מענטשן, אויך בעלי־חיים) א געזעמל, א גרופע.

3. % א בינטל חסידים. בינטלעך ווייבער.

" צווישן א געדיכט בינטל מענטשן דערזען דעם צעקנייטשטן פּרויקען". בערג, אין א פאַרגרעבטער שטאָט, קוט אלוועלט 1929 ווילנע, ז' 241. 1427 1929

" אויפהייבנדיק א שטויב, קערט זיך אום א בינטל פי פון פעלד". ה. דאבין, אפגעשמיסענער ערד, מאָסקווע, ז' 238. 1947 1491

" צווישן בינטל בעטלערס אויף דער הויפּטאַלעע באמערק איך א זיצנדיקע געשטאַלט". סוצ, ~~מפתח ביטש, קאנג:~~ 98. קוט מוזיקגע שטימונגען, ת"א, 1975, ז' 98 1970

17 בינטל ביינער - וועגן א דאַרן מענטשן.

" זי קוקט כסדר אויפן אויסעשפּיצטן פּנים פון 1930

בינטל ביינער, וואס ליגט אין בעט". יהושע פּערלע, 1489

נײַן א זייגער אין דער פרי, ציט אנט, ז' 478.

(אַרויפליגן/ווײַזן) א בינטל פינגער - (שש) געבן

א פּאַטש, א פראַסק.

1911 " לויפט אריין חנה-דבורה מיט א 'ירגזון' און

נישט געפרעגט האט שוין שמואל צוויי 'בינטל פינגער' 1498

אויף די באקן, אזש ער פארהיסט זיך און פארגיסט זיך

ווי פון א האַרבן כריין". ז. מוירער, זיי נישט

קיין וואוילער יונג I, טאראַנטאָו, ז' 17.

קלאגן אויפן בינטל יאָרן - |סטוטש 512|, קלאָגן זיך

אויפן ביטערן גורל.

בינטל ◻

.1 ⟵----

1625 " (חתום) זיא זיינן פר זיגלט מייני זינד אונ'

איין גיבונדן (בצרור) אין בינטל אזו וואול אז מן 1443

איין בינט פערל אונ' אבנים טוביות". סהמ, איוב,

יד - יז.

1744 " אביר וואן מאן דז בינטיל |וואל| עב שיטילט

איז דאך דש זעלביגי ארט וואו דיא וואל גלעגין איז". 1428

בע, כד - 3.

ב י נ ט ל ד י ק - אדי. אין דער פארעם פון א בינטל.

% בינטלדיקע וואָרצלען |סטוטש 249|.

ב'י נ ט ל ע כ ו ו יי ז - אדוו. גרופעסווייז, אין
א געזעמל, קרייזל (זאמלען זיך).

1943 " |...| שטייען אויף איין ארט קאמפאניעסווייז,
בינטלעכווייז, און א געזשום איז צווישן זיי, ווי
צווישן בינען". נס, משפחה מאשבער I, 280.

1961 " מענטשן סודען זיך בינטלעכווייז און ווארפן
אויף אים משונהדיקע אויגן". בערג, אויסגע- 1507
וויילטע ווערק, מאסקווע, ז' 37.

1965 " קיין אילת פארט מען בינטלעכווייז". אפא,
טמז, II/4. 1505

ב'י נ ט ע ו ו ע ן - טרוו. איבערבינדן מיט א בינט;
קאנדאזשירן. % מען האט גענומען בינטעווען
זיינע ווונדן. 1510

ב י נ ט ר י מ ע ן - שיכבענדל, סאנדאל-רימען.

1610 " אוב פון פאדן אונ' ביז בינט רימן דיש שוך
אונ' אוב איך וויל נעמן פון אלעם דש צו דיר 1410
אונ' ניט דו זולשט זאגן איך האב מכן רייך דעם
אברם". טח, בראשית, יד, כג.

1716 " עש ווערט ניט פר קוקט ווערן דער בינט רימן
פון זיינם שוך". סהמ, ישעיה, ה, כז, 1412
ו - I.

ב י נ י ו ב י נ ך |ביינע אוביינכא| - אדוו פר.
(לל) צווישן אונדז גערעדט.

... " ווארום 'ביני ובינך', ליבער לעזער! צווישן
פיר אויגן און אויער אויף אויער". פרץ, VII, 1512/גג
ז' 257.

ב'י ב י כ ע - די, =ס. בינען-מוטער, מלכה.

... " זשומען פארבענקטערהייט ווי פארבלאנזשעטע
ביניכעס". זש, שקלאווער יידן, ז' 6. 1512/ה

357 - בימ

ב י ן  י מ י נ ו  ל ש מ א ל ו |בײַן יעמינוי, ליסמוילוי|

- פֿר. (לל) אין אויסדרוק:

נ י ט  װ י ס ן  ב י ן  י מ י נ ו  ל ש מ א ל ו - ניט קענען זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן, וואס ס'איז גוט און וואס ס'איז שלעכט.

1880 " האט זי אים אנגעשיכורט, ביז ער האט גאַרניט געוווסט בין ימינו לשמאלו". הרב י. געלבארט, ספר מעשה אבות, ווילנע, ז' 82.

ב י נ י  ל ב י נ י |בײני לעווײני| - אדוו פר. דזוו בינו לבינו.

1881 " דער בעל-סוס איז געוואָר געוואָרן, אז ער האט דערויף |אויפן ווענעלע| געפירט צען זעק, ביני לביני האט זיך דאס פערד אויסגעבראכן א פוס". 1512/אא
וועלט מסורה, ווארשע, ז' 47.

" ביני לביני האט זי שפאצירט מיט קאַגאַנאָווסקין". 1970
צייט, אלע לידער און פאעמעס !!, נ"י, 1512/ג
ז' 23.

ב י נ י ן |ביניען| - ← בנין. ?נ?

ב י ן  י ש ר א ל  ל ע מ י ם |בײַן יסראָעל לאַאַמים|

- פר. (לל) צווישן יידן און אנדערע פעלקער.

1958 " די יידישע רעליגיע |...| וואס דארף אָפּטײלן יידן פון אנדערע פעלקער, בין ישראל לעמים הבדלת". א. גאלאמב, גק. נ' 31, ז' 82. 1100

" באַנעמען |...| דאס היסטארישע פראבלעם פון 'בין ישראל לעמים'". ר. מאהלער, געשיכטע !. 1957 חפץ

ב י ן  כ ה  ו כ ה |בײַן קױ װעכױ| - אַדװ פּר.

(לל) ביז װאָס װען, אין צװישן, דערװײַל.

% "בין כה וכה האָט ער זיך אָפּגעטראָגן" |קטװ|.

1870 " מילא, װי אַזױ דאַרטן זײַער מײנונג איז, בין כה וכה װערט פֿאַרגאָסן מענטשלעך בלוט װי װאַסער". קמ, נ׳ 35, I - 266. 1100/א

ב י ן  כ ך  ו ב י ן  כ ך |בײַן קאַך אובײַן (אױװײַך?) |קאַך| - אַדװ פּר. 1. אַזױ צו אַזױ, סײַ אַזױ און סײַ אַזױ, אין יעדן פֿאַל. % "בין כך ובין כך איז דער חולה אַ פֿאַרפֿאַלענער" |קטװ|.

1890 " בין כך ובין כך איז צײַט געװאָרן דעם בעל התוספת טאַכטער החונה צו מאַכן". אײן װוּנדערלעכע מעשה פֿון דעם הײליגען בעל התוספת..., לעמבערג, ז׳ 13. 1102

1960 " בין כך ובין כך (צי אַזױ צי אַזױ) אַ יישר כוח אײַך, ר׳ שמעון מושלם". ש. סײמאַן, צװײַגן, קיװ, ז׳ 80. 1101/א

2. דװ בין כה וכה.

1868 " בין כך ובין כך האָט השם יתברך אַ גרױסן נס געטאָן, אַז דער אַקציז איז גאָר אין גאַנצן בטל געװאָרן". דער אַקציזניק, זשיטאָמיר, ז׳ 54. 1101

לאו דווקא לכולי עלמא?

ב י ן  כ ך  ו כ ך |בײַן קאַך װעכאַך| - אַדװ פּר. דװ בין כך ובין כך, ב1.

פּױליש |סטוטש 313|: בין כך וכך האָט מען ניט װ׳רענקאַך [# אין די הענט, — P: w rękach]

ב י ן כּ ס ה ל ע ש ו ר |ביין קעסע לעאָסער|–אדוו פּר.
(לל) איין די טעג צווישן ראש-השנה און יום-כיפור.

1895 " אז ער וועט זיין אַן ערלעך קינד |...| קען
1104/א אפשר זיין איך זאל אים נאך בין כסה לעשור קויפן
א פאר שיכלעך". יל, דאס פוילישע יונגל,
אויסג ווין, 1921, ז׳ 47.

1909 " וועו ס׳זעט אים |דעם פרוש| אן עם-הארץ |...|
1104/ב וואלט ער געזאגט, אז דאס איז דער רוח פון
׳בין-כסה-לעשור-צייט׳". א. וויעוויארקא,
הימעל און ערד, לעמבערג, ז׳ 16.

1973 " די פראגע, פארוואס מע האט נישט מאס-מאביליזירט
צה"ל בין כסה לעשור, שטייט אבער אָפן". ד. פלינקער,
דער אלגעמיינער זשורנאל, XI/23.

ב י ן מ י נ ח ה ל מ ע ר י ב |ביין מינכע לעמײַרעוו|
– אדוו, פר. (לל) די צייט צווישן דעם דאווגען
מינחה און צווישן דאווגען מעריב; פאַר נאַכט.

... " איין מאל האב איך זיי געכאַפּט, ווי זיי האבן
1106 זיך געהאלטן ביי די הענט |...| פארנאכטלעך איז
דאס געווען, בין מינחה למעריב". שע, מעשיות פאר
קינדער II, ׳אסתר׳, ז׳ 208.

1921 " די סצענע די זעלבע ווי אין צווייטן אקט
1105 בין-מינחה-למעריב-צייט". ש. ליאמפערט,
די נקמה, ביאַליסטאָק, ז׳ 33.

1962 " אין עטלעכע טעג שפעטער האט ער בין מינחה
1105/ד למעריב א שמאָקן זעץ געטאן מיט דעם פּראַלניק איבער
דעם אויסגעבעטן קישעלע |...|". י. מרגליות,
פאָר, IX/9.

ב י נ ס ט, ב י נ ס ט ר – צעלטערע פאַרמעס פון דער
!! פערזאָן אַצ פון ווערב "זײַן": ביסט, ביסטו.

ב י נ ע – די, =ס. 1. א ספּעציעלע פּלאַטפאָרמע
אין טעאַטער־בנין דורכצופירן פאָרשטעלונגען און
אַנדערע מערקווערדיקע אַרויסטרעטונגען; סצענע.
% אַרויסטרעטן אויף דער בינע.

1970 4 " א קאַרליק האָט אָפּגעצויגן דעם פאָרהאַנג.
אויף דער בינע איז געשטאַנען א פיאַלעטער אַקוואַריום".
4 .110 ז' ,1975 ...(,ג.פ) סוצ, גרינער אַקוואַריום,

1968 4 " דער לאַנגער משה קאַן איז געשטאַנען אויף דער
בינע און געזעדט וועגן דער פראַנצייזישער רעוואָלו־
4 .109 ז' ,1 ... ,II ציע". חג, צמח אַטלאַס

.2 (פיג) טעאַטער, טעאַטראַלע טעטיקייט.

... " פאַראַן גרויסע ליכטיקע שטערן וואָס לײַכטן
|...| ווײַט־ווײַט פון דער יידישער בינע אַרויס". 1554
שע, בלאַנזענדע שטערן !!.

1964 " בעלאָוס דעביו אַלס א דראַמאַטורג איז א
קלאָגעדיקער. ער קאָן נישט די בינע און איז נישט 1532
מסוגל אָנצושריבן א בינע־פאַרשוין". נ. סווערדלין,
טמז, X/ .8

0 בינע־אַרבעטער. בינעדיניסט.

1947 " אַרויסגעהאָלפן האָט מאַדאַם שוואַרץ, אײַנרעדנדיק
דעם פאָליצײַמײַסטער, אַז זיי שפּילן "בינעדיניסט"". 1561
יזב טשענסטאַכאָווער יידן, ז' 42.

בינעטעכניק

~~1947 " ווען אזוי די קליינע חברה אן שום הילף, אן~~
~~אן קענטעניש פון בינעלעבן אט איז בינעטעכניק,~~ 1562

1947 " ווי אזוי די קליינע חבֿרה אַן שום הילף, אן
קענטעניש פון וועלכער עס איז בינעטעכניק, האט 1562
געקענט אדורכפירן אזא פארשטעלונג - איז גאטס
וווּנדער". ~~...~~ דצוו, ז' 42.

בינע-מאלער. בינע-מאלעריי. בינעקונסט.

בינעשפיל. בינעשפּראַך.

?נ? ב י נ ע ם / פּ ע ט ע ר ב י נ ע ם - (שגל)

1. אין לאַדזשער געטא דער ~~לייטער~~ אָנפירער פון געטא-
פארוואלטונג, ביבאַוו. 2. בכלל א דייטש ~~...~~
|בלום, יישפ, XVIII - 1|.

ב י נ ע מ ע ס י ק - אדי/אדוו. |סטוטש 383|.
וואס איז אויפן שטייגער פון א טעאטער, לויטן
סטאנדארט פון א בינע.

ב י נ ע ן I - טרוו. פֿאַר געבינען. (רעג, מזרח-
גאליציע, פוילן) בינדן.

1928 " און קיינער ווייסט נישט ווו אהינגעקומען איז
דער משוגענער, וואס האט געבינען אין א שלייף 1260
די וועגן". ר. קארן, דארף, ווילנע, ז' 41.

ב י נ ע ן II - פּסט פּאַרמע פון 'זיין', געניצט
נאר ביים איבערחזרן דעם ווערב, ווען דער גרונטווערב
איז אין דער ערשטער פּערזאָן אצ.

1973 " בינען בין איך א פישער". ל. אליצקי,
ווּאלינער יידן, ת"א, ז' 9. 1574

ב י נ ע ן ־ פ ר ע ס ע ר – דער, =ס. א רויבפויגל מיט קאָלירפֿולע פֿעדערן וואָס דערנערט זיך מיט אינסעקטן, איבערהויפּט מיט בינען (אויך ווילדע), (ווסנ: Merops apiaster).

1937 " דאָ נעסטן אויך די גאָלד־העלע בינען־פֿרעסער". פּ. א. זשאַראָוו, קרים, מאָסקווע, ז׳ 36. 1018

ב י נ ע נ ק ר ו י ט – דאָס, באָ. (באָטאַניק) אַ אַראָמאַטישע גראָז; טימיאַן (ווסנ Thymus).

1920 " אין די גרינסגערטנער האָדעוועט מען אַ סך שאַרפֿע געווירצן און מעדיצין־ליפּנבלומען־געוויקסן |...| צו אַזוינע געוויקסן איז שייך דער פֿעפֿערקרויט |...|, דער בינענקרויט". ד. האָכבערג איבז, אַטטאַ שמיל, געוויקסן, מאָסקווע. 1034

ב י נ ע נ ש ט אַ ק – ← בינשטאָק.

ב י נ ע ר – דער, =ס. בינען־האָדעווער.

1934 " אַ גוטער בינער וועט אָבער ניט פֿאַרוואַנדלען אין אַ רויבער – ער וועט ניט צונעמען ביי די בינען מער האָניק ווי עס איז מעגלעך". ישראל ביבער, זאָאָלאָגיע I, ווילנע, ז׳ 17. 1062

|| בינערײַ – דאָס, באָ. דאָס האָדעווען בינען.

ב י נ פ ֿו י ג ל – דער, =ען. (ווסנ: Tyrannus carolinensis). אַ זינגפֿויגל מיט אַן אויסגעבויגענעם אַראָפּ שנאָבל; ביים פֿליען האַלט ער אים אָפֿן און כאַפּט פֿליגן, לעבט אין די דרומדיקע שטאַטן פֿון די פֿ"ש.

ב י ן ק י ש ק ע ל צ י מ ע ס - פּר. (שפּאַסיק)

די צייט צווישן עסן טשאָלנט און צימעס. % "זמירות
זינגט מען בין קישקע לצימעס", |קטוו|.

ב י נ ש ט אָ ק - דער, =ן. זז בינענשטאָק. א קאַסטן
אדער א קאָרב צוגעפּאַסט צום לעבן פאר א רוי בינען.

1864 " עס ווערט דערציילט פון אים |פלאטא|, דאס
זייענדיק נאך א קינד, ליגנדיק אין דער וויגעלע, 1044
האבן א גאנצע שטיי בינען געמאכט א בינשטאָק אויף
זיין מויל". ספרי חכמי יון או דברי חכמים,
העתקיו גם ללשון אידעש דייטץ, |אמד|, ווילנע,
ז' 30.

1926 " אין איניקע ווירטשאפטן געפינען זיך
"אַכטונגעבערישע בינשטאָקן, ד"ה בינשטאקן מיט א 1054
גלעזערן ווענטל דורך וועלכן מען קאן נאכשפירן
די ארבעט פון די בינען". יאב I, ז' 246.

1868 " ער האט פאַרמאָגט מער ערד, א פּאָר בהמות,
בינשטאָקן". חג, צמח אטלאס |I|, ז' 98.

פפ: געקאָכט/גערוישט ווי אין א בינשטאָק - וועגן
א שטארקן געטומל, גערודער, רעש.

1968 " אין סאמע צענטער פון אָטוואָצק |...| האט זיך
געפונען פּאַפּאָווערס רעסטאָראַן |...|, טאג און נאכט 1048
האט דארט גערוישט ווי אין א בינשטאָק". י. גאלדשטיין,
יזב אטוואצק, ז' 468.

□ בינן שטוק.

1735 " דא קאמן בייא דער נאכט צווייא (גנבים) דיא
וואלטן דיא בינן שטוק (גנבנן)". איילין שפיגל. 1047

.364 ~~59~~ - בי

ב י נ ש ן – פון פימסנהאַלץ. מהד. bi(n)z

... " גומא – זימדן יאָ בינשן, ל' תיבת גומא.

1523 רייכלין 8, ישעיה יח, ב.

ב י נ ת י ם |ביינטאַים| – אדוו. דערוויַיל, אין צווישנצייט, ביז וואס ווען. % "וואָרט אויף מיר, כ'קום באלד צוריק, בינתים קוק אריין אין א ספר". |קטוו|.

...? " בינתים קומען אריין צוויי בכבודיקע בעלי-בתים מיט ברייטקייט". ממוס, קליאטשע. ~~פרוך~~| ~~ברושים מאטעריאלן~~|.

~~...? " מעגלעך אז ער האט בינתים באקומען פון פעטער די סטיפענדיע". ח. נ. ביאליק, בריוו צו ש. אנ-סקי. |הכצלס מאטעריאלן|~~

1955 " בינתים קוק איך אויף מיין שטוביקע וואַזאַנע".

1576 הל, א בלאט אויף אן עפלבוים, ב"א, ז' 270.

פורל: (שפאסיק): אדם יסודו מעפר וסופו לעפר – בינתים כאפט מען א בלינטשיק.

ב י ס I - דער, =ן. 1. אקט אדער רעזולטאט פון ביַיסן ב' 1.

" |...| ציטערט אויף יעדעס מאל, ווי פון א ביס, און מורמלט: איך האב מער קיין כוח נישט". 1935
באש, דער שטן [...], קאנק: 74.

2. אקט פון ביַיסן ב' 2.

" ממה נפשך פאלט טאקע ווייניק אריין, אז דער ביס איז גרעסער פון דער המוציא". 1869
קמ, נ' 47.

" ווילי‍אם האט זיך פּאַסמאַקעוועט. נאך ~~יאבן~~ 1310 ביס - פארטרונקען |...| וויין". 1970
סוצ, ~~משתה~~ 63, קאנק: ~~111~~. טרינקער טעלעווראוקל, ת"א 1975, ז' 111

3. א ביסל עסנוואַרג, אן עס, א קײַ; ביסן. % א לײַכטער ביס. (ארײַנ)כאַפּן א ביס.

" העי, סאַלקע, האָסט עפּעס א ביס? וואס וועט דער שווער עסן?" 1928
אפּא I, ז' 153. 1586

" א האנט איז ווי א שטריק אראָפּגעהאנגען // און ציינער קריצן: כאַטש א קליינעם ביס". 1948
סעג, איצטער, נ"י, ז' 31.

◻ גיב זיך א ביס אין צונג! - (שש) שווייג, מאך צו דאס מויל.

א ביס פון יענעם שטילערהייט - "אַפּמרן, א שפּיצל אָפּטון ~~אדא~~ אדגל". |עלזעט, יידישע מאכלים II, ווארשע, 1919, ז' 72|. 1580

שוו: ניט איך וויל דעם ביס, ניט איך וויל דעם האניק (וואר: שענק מיר ניט קיין האניק און גיב מיר ניט ביס) - לאז מיך צו רו (פרגל: לא מדובשך ולא מעוקצך).

בעסער פון א שיינעם א ביס, איידער פון א מיאוסן א קוש.

בישא, ביס.

1.

1474 [?] " דען איין שפין גבישן היט. דער נעם איין וליגא אונ' ליגא זי אויף דען בישא זא גיט דער אנגיל אין די וליגא". כי, ספר הרפואות, ציט דוקא, נ' 17. 1584

2.

1723 " אך זאל ער ניט גרושי ביסן איינשיבן, אך זאל ער גרושי טרונק טרינקען". לט 1, 49/2. 1588

ביס II - 1. דער, =ן. פארלאנג פון פובליקום, אז דער ארטיסט זאל איבערחזרן דאס נאר וואס אויס-געפילטע מוזיקשטיק.

1943 " מען האט אים הייס אפלאדירט, ארויסגערופן אויף 'ביס' |...|, אנגערופן 'מאעסטרא'". ייז, משפחה קארנאווסקי, ז' 310.

2. אינט. דריקט אויס די פארלאנג איבערחזרן דאס מוזיקשטיק.

ב י ט III - ( קצביש - סטוטש 61; כלש - טריוואקס, זב ביי אונז יודן, ז׳ 168) צוואַנציק.

ב י ט אַ פּ אַ נ ט - (כלש) פינף און צוואַנציק. |טריוואקס, כלי זמר לשון, ביי אונז יודן, וואַרשע, 1923, ז׳ 168|. 1611

ב י ט ו ס - דער, באַ, |?|, (עלט) מצרישער בוימוואָל |?|.

1882 " חוץ דעם ווערן מיר געוואָר, אז אונטער די שקלאַווינען זענען גאָר געווען גרויסע בריות |...| 1578/ד
אין דער וועבעריי און וואָל, זייד, ביטוס |...|". יפאל נ׳ 27, ז׳ 412.

1958 " ער איז געווען אָן א העלמעט, מיט א בלויזן קאָפּ אונטער א פּאַראַסאָל פון ביטוס (מצרישער בוימוואָל), 1614/א
וועלכן א נעגער הינטער אים האט געהאלטן". אבא, קרים, זש׳ אמעריקאנער, II/28.

ב י ט ס - די צווייטע פּערזאָן, אצ איצטיקער צייט פון זיין. ביסטו=ביסט+דו.

ב י ט ט ע ר - מין ברוינע פאַרב |סטוטש 298|.

ב י ט ט ר ע - אדי/אדוו. 1. גיך, האַסטיק, פלינק.
% א ביסטרע באַוועגונג. ביסטרע פערד.

1863 " די רבנים האבן זיך איינער דעם אנדערן ביסטרע |אדוו| אנגעקוקט |...|". אמד, סיפורי ארץ הקדושה, ווילנע. 1655

. 368 בי -

1948 " עטלעכע סאַטניעס קאַזאַקן זײַנען פֿאַרבײַגעפֿאַרן
אויף ביסטרע קירגיזן-פֿערד פֿון איין קאַליר". 1651
ה. יאַבלאָקאָוו, גאָפּ, נ' 11, ז' 30.

1964 " איך שפּאַן אַרום פּאַריתומס אין דעם הויז,
ווו ביסטרע אַדוו ס'האָט דער טויט געטאָן אַ פֿינקל". 1666
י. מאַניק, אין טריט פֿון דײַן וואַנדער, ת"א,
ז' 10.

2. דורכגעטריבן, ממזריש. " אוי איז דאָס אַ
ביסטרע ייִדל!" קטוו.

1864 " מענטשן וואָס פֿון ווײַטן שײַנען זיי פֿאַר
ביסטרע און שלעכטע מענטשן". שמעון בעקערמאַן, 1667
הדסה, באַרדיטשעוו, ז' 10.

3. "אַ בײַזער מענטש, איינער וואָס צינדט זיך אָן מיט
כּעס, אַנגרײַפֿעריש. מע האָט דעם אַדיעקטיוו אויך
גענוצט אויף שטוב-חיות און עופֿות" קטוו.

ביסטרע אויגן - 1. וואָס באַמערקן אַ סך, כאַפּן
אויף גיך.

2. וואָס קוקן כיטרע, ממזריש.

1930 " די אייגעלעך זײַנען בײַ אים געווען ביסטרע
ווי בײַ אַ קאָטער". זש, די דעמאַנסטראַציע 1670
ווילנע, ז' 295.

אַ ביסטרער קוק - אַ דורכדרינגענדיקער קוק.

1951 " דער שאַוולער רב ר' יוסף זכריה האָט געהאַט אַ
ביסטרען קוק און איז געווען אַ זייער האַסטיקער". 1668
א. קאַצענעלנבאָגען, זבֿ ליטע I, ז' 1245.

ביסטרעקייט - די אייגנשאַפֿט פֿון ביסטרע
צו אַלע בב.

ב ׳ י ס ט י ש ק ע - --- פָּקפָּ פון בײַסל.

ב ׳ י ס ט י נ ק ע - --- פָּקפָּ פון בײַסל.

ב י ס י ק - דער, =עס. (רעג מאָלדאַוויע) בושל, באַטשאַן. <Ru: Bâsâck (?)

" ...| האָט זיך אויף יענעם דאַך א פאַרפאַלק באַזעצט, צוויי ביסיקעס, א ׳ער׳ און א ׳זי׳". 1936 1705
אשט, דאס מייסעלע מיט דער קוף, מייסעלעך, ז׳ 89.

1960 " דער זעלבער ביסיק, וואס האט פון הימל מיך געבראכט, |...| האט |...| מיין מאמע מיטגענומען אויף זיינע פליגל". י. פרידמאַן, די לעגענדע נח גרין, נ"י, ז׳ 17. 1703

באַמ: קען זײַן, ס׳איז ניט מער ווי דער אַרויסרייד אין דרומדיקן דיאַלעקט: בוסיק, בושיק.

ב י ס י ק ל ע ט - --→ ביציקל. 1513 א׳

ב י ס י ר ן - טרוו. פאַר ביסירט. איבערחזרן אויף ביס. |--→ ביס II|.

1965 " פיל לידער מוזן ביסירט ווערן אייניקע מאל, איבערהויפט האט דער כאָר געזען וואס מערער צו קולטיווירן און פארשפרייטן דאס יידישע פאלקסליד". ח. לייקאָוויטש, זב ליטע II, ז׳ 550. 1707

|ביסכען| ב י ס כ ן - (אַ) בײַסל.

1743 " (בלכתך בדרך) מן זאל וואס לערנען וויא אייגר קאן אונטר וועגן וועז מן שון איין ביסכן לערנט און' זאל צדקה געבן". קה, סא - 4. 1712

ב י ס ל ו ן י ס ט ע ר - דער, =ס. |סטוטש 333|.
דילעטאַנט.

ב י ס ל ע ך - נאָר אין אדוו פֿר צו ביסלעך: 1. אין קליינע דאָזעס, חלקים. % מ'נעמט צו ביסלעך.

" דער שוסטער דער בדחן מאכט פריילעך און רעדט אפילו צו ביסלעך גיבול-פה, כדי אויפצוהייטערן די געמיטער". באש, דער שטן [...], קאנק: 108. 1935

2. בהדרגהדיק, ביסלעכווייז. % צו ביסלעך האט ער זיך בארויקט.

... " מיר האבן אנגעהויבן צו ביסלעך אויסקליידן זיך". שע, מאטל, קאנק: 187.

ב י ס ל ע כ ו ו י י ז - אדוו/זן אדי. בהדרגה, ניט מיט א מאל. צו ביסלעך (ב' 2). א ביסלעכווייזע |אדי| ענדערונג.

1818 " גאט אלמעכטיגער איז איין בארמהרציגר אז ער ניט בצאלט די דא זינדיג זיינען צו שטראפן אויף איינם מאל נאר ביסלך ווייז". שבע זכירות, לעמבערג, ז' |17|. 1804

1888 " א לאנג לעבן אַן ברויט איז א ביסלעכווייזער טויט".

ממוס, דאס ווינשפינגערל I, ~~[illegible]~~ ביי אונדז [illegible] 12 ז', 1913. 1889

1907 " ביסלעכווייז עפן איך אויף די אויגן - ס'איז

שוין גרויסער טאג ". שע, מאטל I קאפּ ~~122~~

בײַ אונדז נ"י 1937, ז' 122

1968 " ביסלעכווייז וועלן זיי זיך לאזן פון פאטער

איבערליידן". חג, צמח אטלאס II, ~~[illegible]~~ נ"י, ז' 16.

|| ביסלעכווייזיק - אדי. (שנש) דזוו ביסלעכווייז.

1923 " די אָפּאָזיציע האט מיט רעכט אנגעוויזן אויף

דעם ביסלעכווייזיקן אויספארקויף פון מדינה-פארמעג". 1888

ימ, גייס, קפּולע.

ביזליך ווייז.

1729 "און אזו ווערט דאך דען יצר הרע ביזליך ווייז

פאר טריבן". ר' אריה ליב בר' יהודה |...|, 1827

תיקוני מועדים, פיורדא, דף |2/24|.

ב י ס מ ו ט - כעמישער עלעמענט (Bi), מעטאַל פון

זילבער-ווײַסן קאליר מיט א לייכטן רויטלעכן שימער;

אויף א היילמיטל צוגעגרייט פון די פּרעפּאַראטן פון

ביסמוט.

1929 " מער קאָמפּליצירטער זיינען די אונטערזוכונגען

מיט רענטגען פון מאָגן און די געדערעם |...|, 1923

דעריבער פילט מען אן די קישקעס מיט אזעלכע שטאפן,

וועלכע לאזן שווער דורך די רענטגען-שטראלן

(ביסמוט אא)". פגעז, ז' 9, נ' 2.

ב י ס ן - דער, =ס. א קליין שטיקל עסנוואַרג.

% אָפּשפּאַרן דעם ביסן פֿון מויל.

פֿל: "כ'האָב איך געבראַכט א פרישן ביסן: // מיין קינדס נשמה צו געניסן".

1894 " דער אָרעם-בחור |וואָס איז געזעסן אויף 'טעג'| האָט זיך מיט יעדן ביסן געוואָרגן, געזעסן אין געהאַקטע וווּנדן". י. גוידאַ, דער סאַוועסט איז פערפאַללען, ווילנע, ז' 26. 1927

... " ער האָט א וואָך צייט ניט געקענט נעמען קיין ביסן אין מויל אריין". מק, זעלמעניאַנער, קאַנק: 64.

1947 " א ביסן ברויט האָט אנגעהויבן צו ווערן א יקר-המציאות". טשענסטאָכאָווער יידן, ז' 109. 1989

גוטער/געשמאַקער ביסן - וועגן א געשמאַקן, באַטעמטן מאכל.

פֿעטער ביסן - עפּעס רעכטס, א ווערטיקע, טייערע זאַך; א גוטער רווח.

1962 " עס האָבן זיך געקוואָפּט אויף דעם פֿעטן ביסן סיי קרובים און פריינט |...| און סיי אומזעטבאַרע פּאָליטישנס". עדיט, פֿאָר, 6/I. 1967

האַרטער ביסן - 1. א מענטש וואָס מען קען ניט משפּיע זיין אויף אים, מאַן קען אים ניט בייקומען.

2. א פּראָבלעם וואָס ס'איז שווער צו לייזן.

טשערפּקע ביסן - (לאַקל, סאַניק) "א האַרטער, ביטערער מענטש" |קטוור|.

שלעכטער ביסן - ניט קיין פריש, ניט קיין גוט עסן.

% "בויכשמערצן פון א שלעכטן ביסן"|קטוו|.

ריַיסן (וואר: אויסרייסן, ארויסרייסן,אפּרייסן, ארויסנעמען, ארויסכאפּן) דעם ביסן פון מויל - צונעמען די פּרנסה.

" |...| איינער ביים אנדערן דעם ביסן פון מויל 1888

ארויסצונעמען". ממוס, ווינשפּינגערל, 1966

1900 " דו וועסט דאַס אויסקרענקען אין הקדש מיט

פּראצענט, וואס דו רייסט ארויס פון מיר דעם ביסן 2014

פון מויל". ש. ב.,דער פיש מארק, ווילנע, ז'4.

... " איר קאנט דאך נישט פאַרלאַנגען, איך זאל מיך

לאזן אויסרייסן דעם ביסן פון מויל". פּרק VIII, 1999

ז' 304.

ניט פארגינען דעם ביסן - מקנא זיין.

זשאלעווען זיך/ניט פארגינען זיך דעם ביסן - זיין קאַרג.

טיילן זיך מיטן (לעצטן) ביסן - שטארק העלפן איינער דעם צווייטן (וועגן גוטע, איבערגעגעבענע פריינד).

שון: דער ערשטער ביסן איז אן עקבער, דער צווייטער מאכט א לאך, דער דריטער שרייט: גיב נאך - דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן.

א פרעמדער ביסן שמעקט זיס - עס דאכט זיך אז וואס יענער פארמאגט איז גוט.

ראש חודש ניסן איז א שווערער ביסן - ס'קומט אָן פּסח, ס'וועלן זיין גרויסע הוצאות.

דער בעסטער ביסן קומט אן דעם ערגסטן הונט - |יישפ IX|,

ז' 49] - שלעכטע לייט גייט גוט. א גוטער ביסן ליגט זיך אין מאגן - גוט עסן שאדט נישט.

צוויי מאל א ביסן עסט מען ניט - א מענטש דארף ניט זיין זשעדנע.

אן איבעריקער ביסן קען פֿארשאטן - צו פיל איז ניט גוט.

דער בעסטער ביסן קומט אן דעם בעסטן קינד.

אן עקשנישער ביסן איז געשמאק.

פארן הונט א ביסן, פארן אקציזניק א נקבה.

קללה: קיין בעסערן ביסן זאל ער ניט האבן! גלייבעניש:

אז עס פאלט ארויס ביי א חתן א ביסן פון מויל,

איז א סימן אז די כלה זיינע איז הונגעריק" |קטרו|.

□ בישן, ביסן.

... " אונ' שפרך ליבר זון הויב מיר צו גר עבן אונ'

1984 איש קיין בישן בייא דיינם לעבן". בבא בוך,

סטראָף |?| 68, שורה |?| 7 - 8.

1679 " אונ' איך וויל אייך אייך ביסן ברוט ברענגן

2006 דז איר אייאר הארץ לאביט דר נאך זולט איר פארט גיין". י. בליץ, בראשית יח - ה.

ביסעלע - --- פקפּ פון א ביסל.

ביספאַנס - --- ביספאנס.

ב י ס ע ק ט ר י ס ע – די, =ס. (געאמעטריע)

די גראַדע ליניע, וואס טיילט א ווינקל אין צוויי

גלייכע טיילן; ~~א רוים – ווינקל.~~ אויף אַ פֿלאַך, וואָס

באַשטייט אויף צוויי גלייכע טיילן אַ רוים-ווינקל.

[באַגריפֿן־טערמינאָלאָגיע פֿון געאָמעטריע..., ווילנע 1921]

ב י ס ע ר – דער, בא. פֿאַטשערקעס פון גלאז אדער

אנדערע מאטעריאלן; גלאז פערל. % די קאַפּטע

איז אויסגענייט מיט ביסער.

1910 " עס האט זיך געשאטן // ווי זילבערנע ביסער,

א קדושה א שטילע, // א הלל א זיסער". פֿ"ג III,

ז' 202.

ב י ס ק אַ ט – (עלט) ---> ביסקוויט.

1887 " לייכטע שפּייזארטן |...| ביסקאַט, צוויבאַק".

אמד, נטע גנב, ז' 4. 2043

.........................................................

באמ: אפשר א גרייז?

.........................................................

ב י ס ק אַ פ – ---> ביסקופּ.

ב י ס ק ו י ט – דער, =ן. מין לייכט זיס געבעקס,

קיכעלעך.

1916 " מע עסט דאס |דעם אייז-קרים| מיט צוויי שטיקלעך

ביסקוויט, וואס זעט אויס ווי א פורימדיק פלעצל".

שע, מאטל II, ~~קאנט. 2099~~ נ"י 1937, ז' 99.

1966 " די דייטשן האבן |בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה|

צעטיילט ביסקוויטן דער פארזאמלטער יידישער 2048

באפעלקערונג". ~~ספר זכרון לקהילות~~ שצ'וצין...,

ת"א, ז' 384.

ב י ס ק ו פ   – דער, =ן. הויכער גייסטלעכער אין
דער קירכלעכער יעראַרכיע; בישאָף.

1868 " ערשט ניט לאנג |...| האט זיך געטראפן א
פֿירכטערליכע מעשה וואס צייגט די גרויזאמקייט 2042
פון דעם ביסקופֿ". קמ, נ' 43, III – 318.

... " צו ביליק איז געווארן |...| ביי אונדז די
תורה! ווער ס'זאל ניט דורכפארן פארביי – א ביסקופֿ, 2044
א גלח |...| – טראגן מיר אים ארויס די תורה!".
שע, מעשיות און פאנטאזיעס, 'מעשיות פון
טויזנט און איין נאכט', ז' 160 – 161.

1947 "דער ביסקופֿ קובינאַ האט זיך געווענדעט מיט
אן אויפרוף צו אלע קאַטאָליקן און זיי אויפגע- 2053
פאדערט זיך צו פארהאלטן רויק". ילק טשענסטאכאווער
יידן, ז' 180.

|| ביסקופֿיש – אדי. שייכדיק צו ביסקופֿ.

ביסקופֿשאַפֿט – די, =ן. א קירכלעך אדמיניסטראטיווער
איינס, וואס געפינט זיך אונטער דער פארוואלטונג
פון א ביסקופֿ.

... " אויף די פּאַראַפֿיעס און ביסקופֿשאַפֿטן זיינען
געווארן טראקטירט ווי קאָמערציעלע אונטערנעמונגען". 2068
י. גוטמאן, יובל XX, נ' 1.

ב י ס ק ל – ← ביזן.

ב י ס ק ע ל ע – (פֿטמ) ביזן.

" עס איז אינטערעסאנט די פארעם ביסקעלע, 1945

2081 וואס מיר איז אויסגעקומען צו הערן בלויז אין

די פארבינדונגען: ביסקעלע וואס, ביסקעלע וועג".

ים, יישפ V, 4 - 6, ז' 155.

2082 ב י ס ק ע ר - דער, =ס. (דיאל? פטמ?) "א ליגנער

|קטוו|.

?נ? ב י ע א |בייע| - (לל, אייפ) ביצה, טעסטיקל.

% מסכתא ביעא.

" דאס זיינען די צוויי ביעאן, וואס קאכן אויס {? 1956?} 4

2098 דעם זרע |...|". ליקוטי-אמרים, תניא, 244/498.

(אויב [ווען?], ר' שניאור-זלמן מלישדי,) 4

ב י ע ג ו נ ע ס - בא. (פר?) האלב-קיילעכיקע פיסלעך

פון א קינדערבעטל, וואס מאכן אז דאס בעטל זאל

זיך וויגן.

" ער זעט: א וויג, א ברוינע, הילצערנע, שווערע 1937 4

2087 וויג פון אלטע צייטן אויף צוויי האלב-קיילעכיקע

ביעגונעס". א. קאגאנאווסקי, ~~[illegible]~~ פיגורן, 4

ציט אנט, 1946, ז' 542. 4

ב י ע ג ו נ ק ע - די, =ס. (פויל, נא) א שטארק

לויזער מאגן, א שילשול.

< P: biegunka

ב י ע ג ל ע - אדי. (רוסיז, נא) אַנטלאַפּענער.

% ביעגלע סאלדאטן. < R. беглый

1871 " עס וואר דאך דער וועג זייער שלעכט און אומזיכער פון ביעגלע רעקרוטן". אמד, 2091
דער שידוך אן שדכנים, ווילנע, ז' 15.

ב י ע ד ר ע - די, =ס. פפ: ביאדרע. (רוסיז, נא)
היפט, זייט.

1939 " |...| אירע |...| ביעדרעס,דער שטייפער
רוקן". א. שטענצל, דאס קיילעכדיקע יאר, 2096
לאנדאן, ז' 35.

ב י ע ו ר ח מ ץ |ביער/בייער כאַמעץ| - דער, בא.

1. דאס פארברענען דעם חמץ ערב פסח אין דער פרי.

... "מע האט אים נאכן אָפּכאַפּן דעם ערב־פסחדיקן
אָנבייסן און נאכן 'ביעור-חומץ' געגעבן א העמד און 8031
געזאגט אים, אז מיר קאנען גיין אין מרחץ".
שע, לכבוד יום-טוב I, 'בחפזון', ז' 28.

1946 " דעם גאנצן משך-הזמן ביז נאך ביעור-חמץ
איז אלץ געווען פארנומען מיט |...| הוראות פון 2107
סילוק-החומץ". לדב, נ"י, ז' קל"ד.

2. (פיג) דאס באזײַטיקן ניט געוווּנטשענע זאכן, ווי
פארבאָטענע ליטעראטור, גנבֿהשע סחורה אדגל.

3. (שגל) "אויסדרוק צום ווארענען ביים שמוגלען". 2104
בלום.

▱ מאכן א ביעור־חמץ - (גלש) באגנבענען.

ב י ע ל |א ווייכער ל׳| – דער, בא. (סטאלעריי)
דער שיכט האלץ נאענט צו דער קאָרע.

1929 " דער ערגסטער טייל פון ברעט זענען די טייל
רינגשיכטן, וועלכע ליגן הארט אונטער דער קארע, 2114
דער סאמע קאנט, וועלכער איז באקאנט אונטער פאר-
שידענע נעמען ווי: זאבאָלאָן, בעליוגא, ביעל אא".
י. מ. בערמאן, מעבל-ארבעט, ווארשע, ז׳ 11.

ב י ע ל י ד ל ע – די? דאס?. (פויל, נא) "א ווייסער
כעמישער שטאף, א מין פודער געניצט צו וואשן וועש"
|קטוו|. 2121

< p: bielidło

ב י ע ל ק ~~ע~~ – די, =ס. (רוסיש, נא) ווערוועלקע.

1868 " צום גליק האבן מיר נאך אנגעטראפן דארט אזא
מין ביעלקע, וואס זי איז גרויס ווי א היפשע [טעקסט: ביעלקאַ] 2126
קעצל". אמד, דיא וויסטענייא זאהארא, ווילנע.

1887 " באמת אבער מוז זיך א רעדאקטאר פון א יידיש
|טעקסט:יודיש| ~~ביעלקא (וועווערקע) אבך אזר שטענדיג~~ 2128
~~ארבייטן דער~~ – זשארגאן-ציטונג דרייען אין זיינע
לייטארטיקלען ווי א ביעלקא (ווערווירקע) אין איר
שטייגל אויפן ראד". יהלל, ג׳ 35, ז׳ |585|.

ב י פּ אַ ק אַ ל – אדי. וואס האט צוויי פּאָקוסן.
% ביפּאקאלע ברילן.

?נ? ב י פ ט י י - דער? באַ?.(אַמ) דער סאָוס פון געבראָטנס אָדער די זופּ אין וועלכע/עס קאָכט זיך דאָס פלייש.

1916 " דאָס אייגענע קאָן מען אויך זאָגן וועגן פאַרשיידענע צוגעריכטע פלייש-עקסטראַקטן, ביפטיי. 2132/ו
אדגל". ו. מעריסאָן, היגיענע, ז'....

ב י פ ל אָ ן - דער, =ען. צווייפליגלדיקער אַעראָפלאַן.

1932 " דיין בריגאַדע האָט געזעצט זיך אויפן פריילעכן ביפלאַן". א. כאַריק, קיילעכיקע וואָכנ, מינסק, 2132/ג
ז' 109 |?|.

ב י פ ל אַ ק ס - ←-- בופלאַקס.

ב י פ ס ט י י ק - דער, =ן. פּפּ: ביפשטעקס, ביפשטיק. (אַמ) א געפּרעגלט שטיק רינד-פלייש.

1868 " |...| און באַקום תיקון אין בית המדרש - א גוטן עכטן ביפשטיק, ווי גאָט גיט". קמ ג' 26, II - 190. 2132/ח

1928 " איר געפעלן די מיאוסע, ווי רויע 'ביפסטייקן', צעוירענע פּנימער פון די שפּילער". אפאַ II, ז' 87, וואַרשע, 2132/ח

ב י פּ ע - די, =ס. "קרעדענץ, געוויינטלעך אין אַן עסצימער. למשל: מיין נייע סאַלאַמאַנדשע האָט צוויי ביפּעס, איינע מיט א שפּיגל און די אַנדערע אָן א שפּיגל" |קטוו|. 2132/14

באַמ: מסתמא פאַרגרייזט פון "בופעט".

ב י פ ע ל ך ה א ב י ר – באָפּעל-האָבער.

1702 " אלזו פֿר בליב פוליפוס איין ביפּעלך האביר איבר דאס גאנצי לאנד ישראל". ר' אלחנן בר' ישׂשכר כ"ץ מק"ק קרעמזיר, זאת חנוכה ביכל, פרנקפורט דאדרה, ז' 5. 2132/15

ב י פּ ע ן – אוטוו |?|. (לאָקל, דרילטש) " זאָגן קאַטע- גאָריש, פאַרזיכערן"ₓ |ייפּאָ, נ' 14|. 2132/16

ב י פּ ע ט – מצ |?|. "טייל פּלייש"ₓ |קטוו|. 2132/18

ב י פּ ק ע – ←-- ביבקע I, II.

ב י פּ ש ט י ק – ←-- ביפּסטייק.

ב י פּ ש ט ע ק ס – ←-- ביפּסטייק.

ב י צ ה |בייצע| I – די, מצ ביצים |בייצים|.

1. אן איי.

2. (איפּ ארויסרייד בייע, בייִם)ₓ טעסטיקל, טייל פון מענלעכן געשלעכט-אָרגאַן.

|?|1910 " אויב עס איז אנגעשוואלן דער כיס מיט די ביצים |...|, קויפן אין אפטייק בראַווי-פּליין |...| ארייננעמען אייך לעפל אין א האלב גלאז וואסער |...| און צוליגן צו דעם כיס". שאַרלער רבי ראַזענבערג, סגולות און רפואות I, לאדז, ז' 65-66. 2138/ב

1925 "די דרויסנדיקע געשלעכטלעכע אברים זיינען פולקום אַנטוויקלט; די ביצים ליגן שוין ניט אין די פּאַכוועס נאָר אין דעם אייער-בייטל". פגעז נ' 1. 2138/א

3. (איר) דער באַלעם פון ביליאַרדשפּיל. % שטייען לצים, האַלטן לאַנגע עצים און קלאַפּן אין די ביצים |סטוטש 514| - א פאַלקסטימלעכע דעסקריפּציע פון שפּילן ביליאַרד.

ם

2. ←---

... "במבושיו - אָן זינגא ביצים". רייכלין 8, דברים כה - יא. 2138/ב

... "העט אגג קוניק שאָולש ווייפּא ניט בשלין צו שענדן // זא העט איך מיין ביצים נוך אן מיינן לענדן". מגילה מינכן, מ/104 ב. 2128 /א

ב י צ ה [!!] |ביע, בייע| - בא. נאָמען פון זיבעטער מסכתא אין סדר מועד פון משניות, (מיט דער מסכתא "ביצה" פלעגט מען אנהייבן מיט קינדער לערנען גמרא. דאָס וואָרט "ביצה" ווערט אַרויסגערעדט ווי אין אַרמיש: ביע, בייע).

"ווי איר קוקט אים אָן, קען ער שוין, אט דער שנעק, גאַנץ ביצה, קידושין, כתובות און נידה". 1888 ממוס, ווינטשפּינגערל, [illegible] 63 טויבן וויסן, 1913, ז' 89

17 ביצה שנולדה /שלא נולדה ביום-טוב [בייצע שענוילדאַ ביאָנטעוו] - א קלייניקייט, א מינדערווערטיקייט.

.383 ~~108~~ ביִ - 

" עס נעמט אַן א גרויל. אמת אין דעם עולם איז 1969

בבא-מעשה. א ביצה שלא נולדה ביום-טוב, אמת איז 2136/א

ניט בנמצא". א. י. העשל, גק, ג׳ 65, ז׳ 143.

אמפּערן זיך איבער א ביצה שנולדה/שלא נולדה ביום טוב

|סטוטש 324|.

ב י צ יי ט ס - אדוו. ביַ צייטנס.

[16 י"ה] " אונד דעם טרונקנן האלף איך אויך ביצייטס".

כתב יד, ווילמערסדערפער מלכים בוך, צית פ. פאלק, 3057

וואכשטיין בוך, ווילנע, ז׳ 270.

ב י צ י מ ע ר |בייצימער| - דער, =ס/מצ/ ~~[illegible]~~ ?נ?

(אַמ, איר) אַן אירלענדער |"שטאַמט וואַרשיַינלעך פון

דעם וואס ׳אירלאנד׳ ווערט אין ענגליש אויסגעשפּראָכן

׳אייערלאנד׳". [ספּיוואַק, יהואש, אידיש ווערטער-

בוך].

|| ביצימשע - וונ |קשוו|. 2140/א

ב י צ י ק ל - דער, =ס. וועלאָסיפּעד, ראָווער.

1906 " |...| אודות המרכב שיתחדש בזמנינו שקורין

ביציקל שיושב אדם על הכלי המתגלגל ממקום למקום ~~[illegible]~~ 2142/4

האדם היושב עליו, עם מותר לרכוב עליו בשבת".

הרב י. סג"ל פראגער |שו"ת|, שאלה מה, דף מב/4,

וואיטצען.

1973 " דער פעטער יצחק אליין, ווען ער איז שוין

2142/ה געווען אן אב משפחה און גאר נישט אזוי יונג –

האט ער זיך געלערנט פארן אויף א ביציקל...".

נ. בלומענטאל, צוריקבליקן, ת"א, ז' 86.

|| ביציקליסט – דער, =ן. וועלאָסיפּעדיסט,

ראַווערויסט, ציקליסט.

ב י צ י ק ל ע ט – דער, =ן. ~~דזדו~~ ביציקל.

1955 " דערפאר אבער פלעגט ער מיט זיין ביציקלעט

2142/1 דורכפארן לארכה ולרחבה די קאלאניע וועלכע איז

געווען אונטער זיין השגחה". י. מאקאראווסקי,

~~גאפ~~ גאפּ, נ' 8, ז' 45.

ב י צ ע פ ס – דער, =ן. דער צווייקעפּיקער מוסקל

צווישן דער פלייצע און דעם עלנבויגן. % אנטאפּן

דעם ביצעפּס.

1931 " געדעכסט אים ניט? |...| א בחור מיט ביצעפּסן

2142/6 און א גרויסן קאפּ, אן אייזן, ניט קיין בחור".

אי. גרינגייד, שטענדיק יונג, "פּראליט", נ' 4-5,

כארקאוו, ז' 9.

ב י ק I – דער, =עס. 1. אן אָקס.

1932 " רייכע גויים איך רויטע פּעלצן פארן מיט ווייב

2150 קינדער און מיט א ביק צוגעבונדן ביי די הערנער

צום וואגן פון הינטן". י"ז, ~~צווישן בעטלער~~ ווישער קהלב,

ציט אנט, ז' 315.

.385 ~~410~~ בי –

1946 " מאָרגן |...| איז א ׳קארידא די טאָראָס׳ אין סעווילליע; מען גרייט זיך צום נאציאנאלן שפיל, מענטשן קעמפן מיט ביקעס". א. קאראלניק III, נ"י, ז׳ 119. 2161

2. (פיג) א תלמיד מיט א פֿאַרשטאָפּטן קאָפּ.

1894 " |...| באַמיט זיך |דער מלמד| אויפזוכן עפעס א נייע הסברה,// געבן צו פארשטיין זיינע ביקעס די גמרא". א. צווייפל, קליין וועלטל, לאנדאן, ז׳ 45. 2159

3. (שלש) א צעוואקסענער, דיקער מענטש.

// פֿפֿ: שטיין ווי א ביק אין גן-עדן |סטוטש 434|. – וועגן א בטלן, ליידיק-גייער.

ווארטשפּיל: לעולם יהא אדם – איי, ביק! זיי א מענטש! |י. משערניאק, יישפ XXIII – 2, ז׳ 42|.

ב י ק II – דער, =עס. אן אָנשפּאַר פאר א בריק איבעם וואסער. % דער הילצערנער בריק איבערן טייך איז געשטאַנען אויף בעטאָנענע ביקעס.

1885 " די בריק איז לאנג 275 סאזשען |...| און שטייט אויף 10 שטיינערנע ביקעס (סטאלבים) און 2 אוסטאָיס (אָרקים)". יופּאל נ׳ 36, ז׳ 561. 2170

~~1932~~ ... " אויף דער אלטער הילצערנער בריק האט זי זיך אנגעשפּארט |...| דארט ארום די ׳ביקעס׳ איז דער אייז געווען אויפגעריסן". קצז, גש IV 613, ת"א, 1972, ז׳ 351. 2172

2166 ב י ק !!! - דער. =עס. (פאלאניזם) א פעלער ביים
שרייבן, א גרייז, א טעות אין חשבון.
< P: бук.

ב י ק אַ ו י ע ץ |הארטערב| - דער, מצ ביקאווצעס.
(פאלאניזם) לעדערנע בייטש, געמאכט פון אָקסנפּעל.

?נ ב י ק אָ ז - קאַנ. (אמ,נא) ווייַל, וואָרעם.
1936 " און 'גאט', מאכט ער, וועט אייך ניט אויפנעמען,
2188 ביקאז איר זענט געקומען אום-איינגעלאדן!" נאד,
פּאלעמיק, נ"י, ז' 195.
" איר האט א טעות, רב אליהו! ביקאז דאס זענט 1916
איר אליין טאקע דער אי-די-אָט!" שע, מאטל II,
קאנ: ~~2184~~ [illegible] נ"י, 1937, ז' 189.

ב י ק אַ ר ב אָ נ אַ ט - (כעמיע) יעדער זויערע זאלץ
פון קוילן-זייערס. איןפראקטישן געברויך: דער
צוויי-קוילנזויערער נאטריום. ווערט גענוצט ביים
פאבריצירן מינעראל-וואסער, אין קאנדיטעריי אע.

?נ ב י ק ו אַ ד ר אַ ט - דער, =ן. (אלגעברע)קוואדראט
פון א קוואדראט-גרייס, ד"ה א גרייס אין פערטער
מדרגה [$(b^2)^2$].

ב י ק ו א ד ר א ט י ש - אדי. וואס איז שייך צו א ביקוואדראט.

27 ביקוואדראטישע גלײַכונג – א גלייכונג ווו די גרייס גייט אריין אי אין דער פערטער אי אין דער צווייטער מדרגה, אבער ניט אין דער ערשטער אדער דריטער מדרגה, למשל: $ax^4+bx^4+c=0$.

ב י ק ו ר - ח ו ל י ם |ביקער-כוילעם| - דער, =ס.

1. דאס באַזוכן קראַנקע און זיך מטפל זיין מיט זיי (פון די עלטסטע צייטן איז דאס פאררעכנט ביי יידן פאר א גרויסער מצווה און איז א באשטאנדטייל פון יידישער עטיק און לעבנסשטייגער). % ער האט שטארק געהאלטן פון ביקור-חולים און באזוכט אלע חולאים פון שטאט, ארעם און רייך.

1973 " ביקור-חולים ווערט נאך אין דער גמרא פאר-
רעכנט, צוזאמען מיט פינף אנדערע זאכן, צווישן 2205
די מיצוות, וואס זייערע פראצענטער עסט דער מענטש
אויף דער וועלט און דעם קרן אויף יענער וועלט".
מורג I, ז' 196.

1951 " מיינע עלטערן האבן ארויסגעוויזן איבער-
געגעבנקייט צום שאולער יידישן שפיטאל און האבן 2216
שטארק געהאלטן פון דער מיצווה ביקור-חולים,
באזוכנדיק פערזענלעך די קראנקע און זען וואס
וועמען פעלט". י. פרענקעל, ליטע I, ז' 965.

2. דער נאמען פון פילאנטראפישע געזעלשאפטן אין יידישע ישובים וואס האבן זיך פארנומען מיט מעדיצינישער הילף, ווי אויך דער נאמען פון זייערע היילאַנשטאַלטן.

... " אין דעם ביקור-חולים 'זיינעם', ווו ער איז
גבאי, לאזט ער דעם דאקטאר קיין קאפ ניט אויפהייבן". 2216/א
ממוס, די אלטע מעשה, ז' 14.

... " |...| איינגעפירט א שטיקל תלמוד-תורה אין
שטאָט מיט א ביקור-חולים, ווי אין אלע לייטישע 2216/ב
שטעט". שע, טביה דער מילכיקער, ז' 46.

1943 " ער איז דאָך אליין גבאי אין ביקור-חולים,
ער ווייסט דאך, ווער ס'קומט אהין אן". נס.

ב י ק ו ו א ד ר א ט י ש  – אדי. וואס איז שייך צו א ביקוואדראט.

17 ביקוואדראטישע גלייכונג – א גלייכונג ווו די גרייס גייט אריין אי אין דער פערטער אי אין דער צווייטער מדרגה, אבער ניט אין דער ערשטער אדער דריטער מדרגה, למשל: $ax^4 + bx^4 + c = 0$.

ב י ק ו ר - ח ו ל י ם |ביקער-כוילעם| – דער, =ס.

1. דאס באזוכן קראנקע און זיך מטפל זיין מיט זיי (פון די עלטסטע צייטן איז דאס פאררעכנט ביי יידן פאר א גרויסער מצווה און איז א באשטאנדטייל פון יידישער עטיק און לעבנסשטייגער). % ער האט שטארק געהאלטן פון ביקור-חולים און באזוכט אלע חולאים פון שטאט, ארעם און רייך.

1973 " ביקור-חולים ווערט נאך אין דער גמרא פאר-רעכנט, צוזאמען מיט פינף אנדערע זאכן, צווישן די מיצוות, וואס זייערע פראצענטער עסט דער מענטש אויף דער וועלט און דעם קרן אויף יענער וועלט". מורג I, ז' 196. 2205

1951 " מיינע עלטערן האבן ארויסגעוויזן איבער-געגעבנקייט צום שאוולער יידישן שפיטאל און האבן שטארק געהאלטן פון דער מיצווה ביקור-חולים, באזוכנדיק פערזענלעך די קראנקע און זען וואס וועמען פעלט". י. פרענקעל, ליטע I, ז' 965. 2216

2. דער נאמען פון פילאנטראפישע געזעלשאפטן אין יידישע ישובים וואס האבן זיך פארנומען מיט מעדיצינישער הילף, ווי אויך דער נאמען פון זייערע הייל-אנשטאלטן.

... " אין דעם ביקור-חולים 'זיינעם', ווו ער איז גבאי, לאזט ער דעם דאקטאר קיין קאפ ניט אויפהייבן". ממוס, די אלטע מעשה, ז' 14. 2216/א

... " ...| איינגעפירט א שטיקל תלמוד-תורה אין שטאט מיט א ביקור-חולים, ווי אין אלע לייטישע שטעט". שע, טביה דער מילכיקער, ז' 46. 2216/ב

1943 " ער איז דאך אליין גבאי אין ביקור-חולים, ער ווייסט דאך, ווער ס'קומט אהין אן". נס, משפחה מאשבער I, קאפ. ז' 190.

ב י ק י נ י - די, =ס. א פרויען-באדקאסטיום, וואס באשטייט פון צוויי טיילן.

1963 " עס זיינען דארט געווען סווימינג-פולס, אבער אין זייערע בלויע וואסערן זיינען ארומגעשווומען האלב-נאקעטע נימפעס אין ביקיניס". ח. איאלטי, 2231

איק, ר"ה תשכ"ד, II/56.

ב י ק י ר - די, דער (שניידעריי) " שטיפליווונט מיט וואס מען פילט אויס קלאפעס און קאלנערס" |קסוו|. 2232

ב י ק י ש - אדי. (ווי) פון א ביק, אקס.

1935 " א שטיק פורפור פאר ביקישע בליקן". א. נ. שטענצל, במזל טלה, בערלין, ז' 71. 2234

ב י ק ל I - דאס |?|, =ער. 1. פקפ פון ביק.

1928 " דער פויער האט געפירט אויף א שטריקל א יונג ביקל". אפא I, ווילנע, נ' 209. 2177

2. מצ =עך/=ען. (קינדערשפיל) א קייקל, א קיילעכל צו שפילן אין ניס |סטוטש 517|.

1875 " זיי האבן געשפילט אין ביקלעך אום שבת". איבן נ. ש. פייגענזאהן, מדרש איכה ובאור דרכי ציון, ווילנע, ז' 128. 2183

1967 " ווו איז דאס געהערט געווארן, אז מאנצביילן ~~טאחר גארנישט טאן, נאר קלאפן אין די ביקלען~~" זאלן גארניט טאן, נאר קלאפן אין די ביקלען". א. קארפינאוויטש, ביים ווילנער דורכהויף, ת"א. 2235

ב י ק ל II - "שפּיצהאָק"|קטור|.

... " וכּפּטיש - אונ' אז אַיין שטיין ביקל, כּמ'

פּטיש מפרק". רייכלין 8, ירמיה כג, כט. 2184

אַרכיטעקט פלאָש" [קטור]

ב י ק ל י ע - די, =ס. (פּד) א פּלאַש; % א ביקליע

ביר.

1885 " איינער האט געהאלטן א גרויסע ביקליע מיט

בראָנפן". א. נוסבוים, פּעסעלע די גאבעטע, 2240

ווארשע.

.............................................................

באם: פארגרייזט פון 'ביטל(יע)'?

.............................................................

ב י ק ס I - די, =ן. א קליינגעווער צום שיסן.

מיט א לענגערער רער

1873 " באַגדאַנס זינדל, גרייט צו דער פּאָלעוואַניע

|געיעג|, מיט א ביקס אין דער האנט|...|".

ממוס, קליאטשע, קאַנק" 329150.

1907 "אויפן יעדן טריט, זאגט זי, איז דא א סאלדאט

מיט א ביקס און שיסט". שע, מאטל I, ~~קאנק~~ 176. (ג.ז. אויסג 1937, ז')

1961 " פון שווערדן, ביקסן און נאך אזעלכע זאכן //

וועט מען אקערס מאכן און קיכגעשיר// ווי עס 2300

שטייט אין ישעיה, קאפּיטל צוויי, פּסוק פיר".

לעווין קיפּניס, אונטערן טייטלבוים, נ"י, ז'55.

0 מינים ביקסן: מאגאזין-ביקס, נאָדלביקס,

ווינטביקס, לופטביקס, קרעמענביקס, קנאַלביקס,

מאַקסים-ביקס, מיני-ביקס,|?|, שרויטביקס |סטוטש| 454.

ביקס(נ)קויל - די, =ן.

1974 " לאה דערציילט, אז די אנטיסעמיטן פֿאַלאַקן האבן דערהרגעט זאבן מיט א ביקסנקויל". - י. יעלבערג, אויפֿן שפּיץ פון א מאסט, ז' 354. 2355

ביקסקליאַמקע - די, =ס. | ל 2 | |געווער|- צינגל. 2356

בוגאר 39

ביקסשפּיז - די, =ן.|ל 2| באַיאָנעט, באַגנעט, שטיק.(פֿד)

ביקסן-לופֿע - די, =ס. ביקסנרער.

1972 " איך האב זיך מער אויסגעבויגן און דערזען א גרינעם מונדיר, א ביקסן-לופֿע, א קאַסק". 2351

ה. ראזענפארב, דער בוים פון לעבן II, ז' 162.

בוגאר 73

ביקסוואַטע - די. |סטוטש 454|. (עלט) שיסבאַוול, פּיראָקסילין, מין אויפֿרייסמאטעריאל.

□ בוקש, ביקז.

... " מענכן מענשן בלוט וור ורגושן.// דעם ווש אב איין ביין דעם איין ארם// אונ' דען הט איין בוקש דר שושן". בבא בוך, 175, 3 - 5. 2306

1666 " זיא גיבן אים וואז ער ביגערט // ער בידארף קיין ביקז קיין שווערט". יעקב טויסק, איין שוין נייא ליד פון משיח, אמשטרדם, ד-.

■ ביקס II, ביקש - קעסטל, פושקע (ס'רוב געמיינט פֿאַר צדקה).

1595 " ראשים זאל מן ניט ליגן אין קיינר ביקס,
2318 און׳ דיא זעלביגן אנשים, דיא מן היט אויף גיליגט
דיא זאל מן ליגן אין איין ביקס און׳ דיא שמשים
זאלין ט׳ אנשים אויש דער ביקס נעמן". קראקאווער
קהילה תענות.

1701 " און׳ אך האט ער איין ביקש אן דער וואנט
2332 הענגן דא ווערפט איין איטליכער זיין לון זעלברט
דריין". מעשה בוך, מעשה ל"ט, אמשטרדם.

ב י ק ס ל – דאס, =עך. 1. פקפ פון ביקס.

1927 " ער היט זיי מיט סאַלדאטלער, // וואס שיסן
2335 גוט און גיסן בלוט// מיט ביקסלער, האַרמאַטלער//
מיט פולווער און מיט שראָט". ווינטש II, ז׳ 224.

2. א פושקעלע, קעסטעלע. % בשמים-ביקסל.

1935 " טאבאק האט ער ~~געשמעקט פון א טיטוף האט ער~~ [...]
געהאַלטן אין א זילבערן ביקסל". באש, דער שטן
פון גאריי, קאַנק 117.

.2 ←----

1748 " איך טייל לייט האבן בייא זיך צווייא שעכטליך
2336 ~~אונד~~ אין ביקסליך,// דא האבן זיא בייא זיך קלייני
פפעניג גוועקסלט". עפש, סידור תפילות, כא-2.

|ביקסן-געלטער| ב י ק ס ע נ ג ע ל ד ע ר - צדקה-
געלט וואס מען זאמלט אין א פושקע (א ביקס).

1692 " דיא ביקסענגעלדער זאל מן אויפצעהלין, זאלל
דער גבאי איין מבורר אדר איין זקן נעממין אונד 2344
המעות אויסצעהלין". תקנות פון פראגער חברה קדישא.

ב י ק ס(נ)ש מ י ד - דער, ־ן. | סטוטש 454|.
(עלט) וואָפּנשמיד. א ספעציאליסט צו אויסארבעטן
ביקסן, געווער.

ב'יקעווען (זיך) - אוטור. "זיך פּאַשען,
פּרעסן, זויפּן, כאליען, זיך אנטאן תענוגים (זיך
אויפפירן ווי א ביק)"|קטוו|.

ב'יקעלעך - מצ. "מיך געבעקס" |קטוו|.
פל " שלח-מנות האט געקראָגן דער קליינער שמערל://
צוקערלעך, ביקעלעך און א גאָלדן שערל".

ב י ק ע ן - דאס, בא. דער וואָרף, דאס וואָרפן|ל2|. 2374

ב י ק ש - ---> ביקס II.

ב'יקשעווען - ---> בוקסעווען.

ב י ר I - דאס, בא. א פערמענטירנדיקער אַלקאָהאָלישער
געטראַנק, וואס ווערט אויסגעפּאַרטיקט פון תבואה-
קערנער, דער עיקר פון גערשטן, מיט א צוגאַב פון
האָפּן. % ~~אפשאנע|אורשיאניך?~~ ביַיריש, פּילזנער,
יאַסנע ביר.

פל "דו וועסט מיר אויסזאַפּן דאס בלוט פון מיין האַרצן,
// אזוי ווי א שענקער צאַפּט אויס דאס ביר". 2419

1836 " אויך ביר צו טרינקען |איז גוט פאר א זויגערין|,
נאר ניט שטאַרקע און ניט יונגע". מלכה בערלאַנט, 2387
די גליקלעכע מוטער, ווילנע |אויסלייג מאָדערניזירט|.

1919 " ראש חודש אייר טרינקט מען דאס בעסטע ביר,
ד"ה, דאס מאַרצאָווע ביר". עלזעט, יידישע מאכלים II, 2416
ווארשע, ז' 107.

1967 " מען פּוישט אן דעם בויך מיט וויין און ביר".
באש, שוים, פּאַר, VIII/19. 2421

0 מינים ביר: באַקביר, לאַגערביר, וואַרעמביר,
~~ווארעם ביר~~, קריַיטערביר, גילביר; וואַרצלביר,
ריטביר; האָלבביר, כמעט-ביר, שיערביר, ניערביר;
העלביר, טישביר, איינגבערביר, אייערביר א"א.

ביראויגן - במ. אויגן פון א ברוינלעכן קאָליר.
1963 " א הויכער מאַנספּאַרשוין מיט א מוסקולירטן פּנים
און ביראויגן". ה. בורקא, טמז, III/12. 2427

בירגלאָז - דאס, =גלעזער|סטוטש 263|, א גלאז צו
טרינקען ביר, א קופל.

בירהייוון - במ. מיקראסקאפישע שוועמלעך וועלכע זיינען גורם דעם יוירונג-פראצעס ביים מאכן ביר.

.......................................................

רעד: אפשר מיינט מען נישט סתם הייוון, נאר דאס געוויקס האפן, וואס דינט צו מאכן ביר?

< Pol: CHMIEL

Ukr, Rus: ХМЕЛЬ

.......................................................

ביר העקעלעך - ס'רוב אין מצ. דרייקאנטיקע קליינע ניסלעך וועלכע וואקסן אין פיל ערטער פון אייראפע; מען רופט זיי אויך שיכור-ניסלעך, ווייל עסנדיק זיי 2463

אין א גרעסערער צאל פארשיכורן זיי אזוי גוט ווי ביר. אין בריסק האט מען זיי גערופן "שיכור-קערלעך". קשוו.

1923 " עפל און בארנעס... פאמעראנצן... באקסער און ביר-העקעלעך". י. מ. ניימאן, שבת-אויבס, 2464

ווארשע.

בירזופ - די, (עלט) א מעלזופ מיט ביר, צוקער און אייער.

1836 " און אנשטאט קאפע קאן מ'(ע)ן באנוצן שאקאלאד אדער בירזופ וואס ווערט צוגעגרייט פון ביר צומישט מיט וואסער און פון געלעכלעך פון אייער מיט א ביסל צוקער אדער האניק". מלכה בערלאנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע, ז' 10.

בירטרינקער - דער, =ס. דער וואס טרינקט שטענדיק ביר.

1948 " און [א] דייטש וועט זיין א בירטרינקער..." א ~~זאטער, און פעלקער - הינט...~~" סעג, איצטער, 2466

נ"י, ז' 12.

בירמאלץ - דער/דאס. תבואה - קערנדלעך, ס'רוב
גערשטן, געווייקט אין פראצעס פון שפראָצן ביים
פראדוציִרן ביר, בראנפן ~~אד"גל~~. א(ז)ג"ל.

בירפאבריק - די, =ן. אונטערנעמונג צו פראדוציִרן ביר;
ברויז, בראָוואַר.

1947 " דעם נייעם וואגן |...| האט געשענקט מרקוס פעלד,
און די פערד - שוועדישעס בירפאבריק". רעד' ר.מאהלער, 2472
יזב, טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 34.

בירקיכל - דאס, =עך. " בירקיכלעך האט מען געבאקן
מיט אייער, מעל, צוקער, בוימל און אויפן ארט פון
וואסער האט מען אריינגעגאסן ביר". |וו. יוניק, 2476
שפראכווינקל, פאר, 1973.|3.XII.

גוט ביר, אבער ניט פאר דיר! |סטוטש 505|.

מיר דאס ביר, דיר די טיר! |קטוו| - אזוי זאגט א
מענטש א שלעכטהארציקער, א קארגער.
וואס קומט ארויס פון דעם גוטן ביר און דער שלעכטער פאס

~~גוט ביר אין א שלעכטער פאס (וואר: אז די פאס איז
א שלעכטע) |סטוטש 333| - וואס קומט ארויס פון
א גוטן אינהאלט אָן א געהעריקער פאָרמע?~~

1723 " ווען ווייך אונטער ביר איז גימישט גיווארן
ווען דאש רוב ביר איז מאכט מן שהכל ווען קיין טעם 2403
וויין דרינן איז". שמחת הנפש, אמשטרדם, נו/ג.

ב י ר אָ ב י ד ז ש אַ נ ע ר - 1. דער, מצ דז. איינוווינער אדער אָפּשטאַמיקער פון ביראבידזשאן.

2. אדי, פון/דער שייכדיק צו ביראבידזשאן.

1968 " אין יאר 1934 |...| בין איך ארויסגעפארן פון אטוואצק קיין ראטנפארבאנד אלס פארשטייער פון דער ביראבידזשאנער באוועגונג". מ. ראקאווסקי, יזב אטוואצק, ת"א, ז' 955.

ב י ר א ה |בעיירע| - אדוו. אין מורא, אין שרעק.

1895 " און דער עולם איז געזעסן |...| ביראה ובפחד". ייל, דאס פוילישע יונגל, אדעס, ז' 205. 2604

ב י ר ב אַ נ ט - דער, =ן. ווע בירבאנטקע. (דז) א מענטש וואס פירט א לייכטזיניק לעבן, א הולטיי, הפקר-יונג.

1936 " רעדט, שעמט זיך נישט! דערציילט אלץ, קאמעדיאנטן, |...| איר אייביקע, באגייסטערטע בירבאנטן!" מ. בראדערזאן, פארשטעלונגען (לײפּציג, |א"א|, ז' 81. 2490

ב י ר ב ע - דער/די, =ס; <Lit: birbalas>, (פּעיאָ.) |רעב זאמעט, ליטע| א קינד וואס וויינט א סך, וואס בירבעט (<--- בירבענען) |קטוו|. 2492

ביִרבענען -- אוטוו. <Lit: birbti

(פּויאַ; דרעג ליטע, עסטלאַנד) ווייִנען, באַזונדערס

וועגן קינדער |קטוו|. 249

בירברויז - די, =ן. פאַבריק וווּ מען מאַכט

ביר; בירברויעריי, ברויז, ברויהויז.

1952 " איך א הייסן זומערטאָג איז א חתן-בחור געגאַנגען

זיך באָדן אין טייך לעבן א בירברויז". ייבל XXXVI, 2432

ז' 371.

1912 " לאָמיר ריידן וועגן אויסבויען א בירברויז".

י. קאַטיק, מיינע זכרונות, ווילנע. 243

בירברויזער - דער, =ס. |סטוטש 247|.

מין פּלאַטערל.

בירברויער - ---> בירברייער.

ביר-ברויעריי - דאָס. 1. באַ. די

צוגרייטונג פון ביר.

1948 " איר פּרנסה האָט די משפּחה געצויגן פון ביר-ברויעריי

און דעסטילאַציע פון פּסחדיקן בראָנפן". דוב ראַבין,

גאָפּ, נ' 7, ז' 26.

1968 " חוץ דעם האָט ער זיך פאַרנומען מיט ביר-ברויעריי".

מ. גאָלדשטיין, יזב אָטוואָצק, ז' 467.

2. דזוו בירברויז.

1951 " מיין זיידע |...| איז געווען אן אנגעשטעלטער
אין א דייטשישער ביר-ברויעריי". ב. ריווקין, 2436
לק ליטע I, ז' 414.

ב י ר ב ר יַ ע ר - דער, =ס. פּפֿ בירברויער.
דער וואס פארנעמט זיך מיט מאכן (בריַען/ברויען)
ביר.

1865 " יידן מעכאַניקער, בראָנפֿנברענער, בירבריַער
און בכלל מייַסטערערס |...| איז ערלויבט צו וווינען
אויף געזעצלעכע פּאַספּאָרטן". קמ, נ' 30.

1878 " דער בירברייער-געזעלן |...| פלעגט אונדז
אויף דייטש אָנפֿלוישן א פולן קאָפּ". ימבר"ע, 2442
שפרינצע מיכל, בוקארעסט, ז' 34.

ב י ר ג אַ ל / ב י ר ג אָ ל - |דער?|, =ן. (כלש)
ברוסט פון א פרוי.

1942 " היי, לאַבושניק, מאָטער אויף די שעכטע,
וואַסערע בירגאלן און סאַראַ באַקער זיקרעס |=היי, 2495
קלעזמער, קוק נאר אן דאס מיידל, וואסערע ברוסטן
און סארא צוויי אויגן|". מיכל געלבארט,
פון משוררים-לעבן, נ"י, ציט מ. וו. בערנשטיין,
יישפ XIX - 1, נ"י, 1959.

ב י ר ג ע ל ט - דאס, בא. געלט (חוץ דעם לוין)
וואס מען גיט א קעלנער, א שווייצאר, א שאפער אא
פאר א באדינונג; טרינקגעלט, טייגעלט.

1824 " אז מען לייזט, קריגט מען אָפּט בירגעלט".
מסדר אגרת, ווילנע - גראדנע, ז' 104, בריוו 65
| ציט, ריב[יידישע געלט, ז' 45|.

1876 " מארגן וועל איך נאך באקומען בירגעלט פאר
דעם וואס איך וועל מיך א ביסל אָנפּאַרקען מיט די 2447
מחותנים". גאָטלאָבער, דעקטור, ווארשע, ז' 34.

1919 " די יינגלעך, וואס ברענגען אפ די ארבעט,
באקומען 'בירגעלט', ביי מענדעלע הייסט עס 2453
קריטשענע (באנד VI, ז' 33)". עלזעט, [illegible]
אוצר [...], ז' 25.

1959 " נאכן ווייטער קומט דער באַרבער, ער פארלאנגט
ניט קיין פאפירגעלט, אבער איר מוזט אים איבערלאזן 2450
א ביסל זילבער — בירגעלט". ל. עפראן,
אמעריקאנער, 23/I.

בירגער - דער, מצ דז/=ס. ווע בירגערין
מצ =ס. 1. אפיציעל (יורידיש) אָנערקענטער
פולבאַרעכטיקטער אנגעהעריקער צו א געוויסער מדינה.

1898 " |...| פון 21 יאר אָן הייבט שוין דער בירגער
אן צו טראגן אויף זיך אלע חובות צו דער מלוכה". 2504
ווי האבען די בעלגישע ארבייטער געשטריטען פאר דער
פרייהייט, אפריל, ז' 18.

1948 " דער ייד איז א שותף, א בירגער, א שכן, א
שותף צו אַלץ, וואס אין לאנד איז געשען...". 2530
סעג, איצטער, נ"י, ז' 135.

1956 " די יידן אינטערנירטע אין פּאַוויאַק, וואס
האבן געהאט פאפירן אז זיי זיינען אויסלענדישע 2508
בירגערס און געווארט מען זאל זיי אפשיקן אין די
ספעציעלע אינטערנירלאגערן". נ. בלום, יישפ XVI-3.

2. (עלט) אַנגעהעריקער צום שטאַטישן מיטלקלאַס.

1951 " דער ליטוויש-רוסישער מעשטשאַניק (שטאָט-בירגער)
האט זעלטן זיך אַנטשלאָסן אוועקצוּוואַרפן זיין 2518
ווירטשאפט" זב. ליטע I, נ"י, ז' 58.

3. (עלט) שטאַט-איַינוווינער.

... " ~~און אז~~ [...] דער מלך איז ארויס אין גאס פארקליידעט

ווי א בירגער פון דער שטאט ~~....~~". אר, 2531

דעם מלך'ס שרעק [?].

בירגער-חוב [כויוו] - דער, מצ חובות |כויוועס|.

אן אקט וואס א בירגער דארף אויספירן, לויט די

געזעצן פון לאנד.

1910 " כ'מוז אויך מיין בירגער-חוב ערפילן".

ש. פרוג, אלע שריפטן, באנד II, נ"י, ז' 144. 2535

בירגערמוט - דער, בא. דרייסטקייט ארויסצוטרעטן

קעגן אן אַנגענומענער מיינונג אדער פערזאן אין

פארטיידיקונג פון בירגערלעכע אינטערעסן פון כלל

אדער פרט. % עמיל זאָלאַ האט באַוויזן בירגערמוט

אין דעם דרייפוס-פּראצעס.

בירגער-מילץ - די, בא. אַרטיקע פריַיוויליקע וואַך

וואס ווערט געשאפן פון צווישן די שטאָטבירגער.

1954 " די בירגער-מיליץ ביים מאגיסטראט האט ביינאכט

אליין געראבעוועט, געבערענט און אויך דערהרגעט א יי

יידן". יזב כעלם, יאהאנעסבורג, ז' 563. 2562

1949 " אין אנפאנג פון דער דייטשער ממשלה אין כזשאַנאוו

האט די שמוציקע ארבעט פון כאפן יידן אין גאס און

אין די שטיבער אויסגעפירט די פוילישע בירגער-מיליץ ". 2561

מ. באכנער, יזכב כזשאנאוו, רעגנסבורג, ז' 243.

**בירגערקלאס** -ן דער, =ן. א מאל - כלל=שטאָטישע ...
איינוווינער.

1951 " די יידן-העצרישע עלעמענטן זיינען דאס רוב
2564 געווען פון די שטאטבירגער, די 'מעשטשאנעס',
דער שטאטישער בירגערקלאס". ש. ווישניצער,
זב ליטע I, ז' 177.

**בירגערשוץ** - די. דזוו בירגער-מיליץ.

1973 " די מערסטע צייט פלעג איך פארברענגען אין
2599 דרויסן, אפילו ווען כ'בין פריי געווען פון
דיזשורוואַך, א פליכט פון דער בירגערשוץ".
דניאל פרייבערג, פינצטערניש אויף דער ערד,
ת"א, ז' 38.

?נ? **בירגערשולע** - די, =שולעס/שולן. (עלט) ניט-רעליגיעזע
בילדונגס-אינסטיטוציע.

1866 " ער האט דאָ א בירגערשולע און א פּאַנסיאָן
2597 געגרינדעט". קמ, נ' 26.

**בורגה.**

2. <------

1723 " דא האט גלאזט אויז רופן די בורגר זאלין
2514 זעלברט איר שטאט מויאר אין רייסן". איין נייא
קלאג ליד פון חורבן ק"ק וורמיישא, ז' 7,
אמסטרדאם, צייט פש, !!!.

ם |בירגערוואַך| ב ו ר ג ע ר וו א ך - די, בא. - שטאטישע תפיסה.

1732 " ... מן גאב איין איליכים פון אונש איין
אַנדרי תפיסה... מיך... אין דער בירגערוואַך 2533
און' זעלדלא אין דער שכטל". א. פראגער פאמיליען-
מגילה". | ש. פרידלאנד, וואכשטיין-בוך|.

ב י ר ג ע ר ט ו ם - דאס. כלל בירגער ב 2.

1974 " אין ווארשע האט דאמינירט דאס בירגערטום
וואס האט געלעבט פון מיסחר און מלאכה". 2584
פראגער, [illegible]

ס קליינבירגערטום - דאס. דער כלל בעל-מלאכות,
קליינהענדלער און ענלעכע פון זעלבן סאָציאַלן מצב.

1947 " מיט דעם וווקס פון נאציאנאלן באוווסטזיין פון
יידישן בירגערטום און בפרט פון קליינבירגערטום 310
האט זיך שטארק צעשפרייט און פארפעסטיקט די
ציוניסטישע באוועגונג. רעד' ר. מאהלער,
טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 11.

ב י ר ג ע ר ל ע ך - אדי/אדוו. (ווי) פון בירגער,
שייכדיק צו בירגער.

2651 " אין 1863 האבן די קאראַימער באקומען אין
רוסלאנד פולע בירגערלעכע רעכט". מ. אוריאל, 2613
זב ליטע I, נ"י, ז' 206.

1973 " פראנצויזישע, האלענדישע און דייטשע יידן
האבן זיך גענומען ציען צו בירגערלעכע רעכט". 2585
מורג I, ז' 178.

2. פון בירגערלעכן, בורזשואַזן קלאַס.

1912 " אמעריקע איז דאס איינציקע לאַנד וואס איז
פריי פון א מיליטערישער און א פעאָדאַלער אריסטאָק- 2609
ראַטיע. זי איז __בירגערלעך__ דורך און דורך".
__זשיט II__, נ"י, ז' 233.

3. ציוויל, ניט רעליגיעז.

1965 " אויך די, וועלכע וווינען אין ישראל און דאָרטן
זיך ווי ציוניסטן, קעמפן פאר ענלעכע אומווירדיקייטן, 2616
פאר __בירגערלעכע__ חתונות". __ש. ז. שרגאי, טמז,__
__I__.22.

|| __בירגערלעכקייט__ - 1. באַוווסטזיניקע באַציונג
צו בירגערלעכע רעכט און התחייבותן.

2. בירגערלעכער שטייגער (אין נעגאַטיוון זין).

1970 " אין דער היים האט ער ניט געפונען קיין שום
נייע טראַדיציע פון אלטן יידנטום און אויך ניט 2620
קיין נייעם אידעאל, נאר הוילע __בירגערלעכקייט__".
__ר. מאהלער, יעקב סאנץ,__ ת"א, ז' 583.

ב י ר ג ע ר מ ײַ ס ט ע ר - דער, =ס. דער הויפּט
פון א שטאַט-פאַרוואַלטונג; שטאַט-פּרעזידענט.

1902 " צי דאַרף א סאציאַליסט אננעמען די שטעלע פון
א מיניסטער? |...| צי דאַרף זײַן קעגן די וואַלן 2559
פון סאַצ-דעמ. באַאמטע, ווי __בירגער-מייסטער__ |...|
און אנדערע?" __זש' דער אידישער ארבייטער,__
נ' 13, לאנדאן, ז' 80.

1965 "|...| געווען אבער אין פוילן א געגנט, ווו
מיר האבן א <u>בירגער-מייסטער</u> גערופן: רישאיירע 2557
|...| דאס הייסט: ריש עירן, דער קאפ, דער אנפירער
פון שטאט. <u>צייט</u>, <u>טמז</u>, I/29.

?נ? ב י ר ג ע ר - ק ר אַ נ ק יי ט - <u>די</u>, <u>בא</u>. "א שווערע
קראנקייט פון די אדערן (טראָמבאַנגיטיס אָבליטעראַנס)".
|<u>ד"ר יעקב ב. גלען</u>, <u>צו געזונט און צו לעבן</u>|. 2565

ב י ר ג ע ר ק ר י ג - <u>דער</u>, =ן. באוואפנטער קאמף
צווישן בירגער פון דעם זעלבן לאנד.

1947 " דער <u>בירגערקריג</u> אין שפאניע איז געווען א
לאבאראטאריע פון וועלט-פאשיזם". <u>רעד' ר. מאהלער</u>, 2571
<u>וַלְקְ</u> <u>טשענסטאכאווער יידן</u>, נ"י, ז' 157.

1968 " די יארן פון דער וועלט-מלחמה, רעוואלוציע
און <u>בירגערקריג</u> אין רוסלאנד זענען פאר אים געווען 2570
יארן פון שווערער אינטענסיווער געזעלשאפטלעכער
טעטיקייט". <u>ב. ראזען</u>, <u>יזב אטוואצק</u>, ת"א,
ז' 625.

ב י ר ג ע ר ר ע כ ט - דאס, <u>מצ</u> <u>דן</u>, ס'רוב אין <u>מצ</u>.
1. זכותן און פריווילעגיעס אנערקענטע און גאראנ-
טירטע דורך געזעצן פון לאנד.

1865 " זייט גאנץ אלטע צייטן איז דער ייד אויסגעשלאסן
געווען פון מיליטער-דינסט, אזוי גוט ווי פון 2580
אנדערע שטאטסדינסט און <u>בירגעררעכט</u>". <u>קמ'</u>, נ'19.

1887 " אין דעם גרויסן אוניווערסיטעט מוז איך
יוריספרודענץ שטודירן, אלגעמיינע פעלקעררעכט, 2577
בירגעררעכט, מענטשנרעכט, אפשר עקזיסטירט ערגעץ
א ייִדנרעכט...". ר' שלמה וואונדערהאלד,
ה'א'נ'ק (א. כהן פון הוראדנא), ווילנע.

1900 " די אדעסער יידן |...| האבן פארשטאנען וואס
עס פעלט די יידן אין רוסלאנד - רעכט! בירגעררעכט!". 2579
דער פנקס נ' 1, אפריל, ז' 27.

" איר האט באקומען ערד אין יהודה און הינטער
רוים. איר האט רוימישע בירגעררעכט...".
יִיט, קישורו יאזעפוס, ציט אנט, ז' 374.

2. אפיציעלע אָנערקענונג דורך דער געזעלשאפט, זכות-קיום.

1934 " א באוועגונג, אין וועלכער פראקציעס זענען
אפיציעל אנערקענט, אין וועלכער זיי האבן באקומען 2573
בירגעררעכט, איז פאקטיש א פעדעראציע פון באזונדערע
טיילן, וועלכע לעבן לעת-עתה אונטער איין ארגאניזאציא-
נעלן דאך". ע. מוס, יחיד, מאסע, פירער, ווארשע,
ז' 79.

ב י ר ג ע ר ש אַ פ ט - די, =ן. אַפיציעל אָנערקענטע
אנגעהעריקייט צו די פולבארעכטיקטע בירגער פון
א מדינה.

1951 " א גרויסע צאל פון די פליטים האבן במשך פונעם
יאר באקומען בירגערשאפט. ל. בערגער, זב ליטע I, 2595
נ"י, ז' 237.

1964 " |...| האט די רעגירונג פון איראן ארויסגעגעבן
א פאראָרדענונג, אז די, וועלכע וועלן פארבלייבן 2591
אין אויסלאנד לענגער פון דריי חדשים, וועלן
פארלירן די בירגערשאפט |...|". טמז, X/6.

0 בירגערשאפט-פאפירן - במ. דאקומענטן וואס באשטעטיקן די בירגערשאפט.

1972 " יעדער ווערט אויפגעפאדערט צו באווייזן זיינע בירערשאפט-פאפירן". שמעון דייטש ממונקאטש, הן גאלתיו" , נ"י, ז' 40. 2596

בירדערזאץ - דער. " אפזאץ פון ביר, טייל ביר, ~~טייל ביר~~ וואס איז געווארן געדיכטער, שווער-וואגיקער", |קטוו|. 2628

בירהאלע - די, =ס. פפ בירעלע. ספעציעלער גרויסער לאקאל צו טרינקען ביר.

1947 " זי דערמאנט אים די בירהאלע אין האמבורג |...| ווו זיי האבן צוזאמען געטרונקען ביר". 2458
רעד' ר. מאהלער, טשענסטאכאווער יידן, ז' 39.

בירהויז - דאס, מצ הייזער. (עלט) דזוו בירשענק.

1884 " דער פאטער האלט א בירהויז". ייפאל, נ' 14. 2460

בירוזא-שטיין - דער, =ער. א מינעראל וואס ווערט גענוצט ווי אן איידלשטיין אין בירונג.

בירור-המידות |ביירער-האמידעס| - דער, בא. (לל) לײַטערונג פון זיטן, דאס דערווערבן גוטע מידות(א טערמין ביי די מוסרניקעס).

~~1957 " דער ווירע האט זיך מוסר נפש געווען בעועל~~ ממש,

1957 " דער זיידע האט זיך מוסר-נפש געווען בפועל-ממש,
2636 אף נוטע זיין ביי חסידים עבודת-הלב, בירור וזיכון
המידות". לדב, נ"י.

1968 " א בעל-מוסר איז שטענדיק פארטאן אין בירור-
2638 המידות און אין ארויסהאבן די אייגענע כוחות-הנפש".
חג, צמח אטלאס II,

ב י ר ו ש ה |בעירושע| – אדוו. איבערגעגאנגען/
איבערגעגעבן פון עלטערן צו קינדער, פון דור צו
דור, (וועגן מאטעריעלע, גייסטיקע ווערטן אדער
פיזישע אייגנשאפטן).

|...| " אלע פארענדערונגען וואס קומען פאר אינעם
2652 גוף און אין דער נשמה, ווערן איבערגעגעבן בירושה
פון דור צו דור". ממוס, בישיבה של מעלה,
ז' 14.

1917 " דער ווילן צום לעבן פון א קאלעקטיווער
2659 פערזענלעכקייט |איז| א רעזולטאט |...| פון דער
בירושה אנגעזאמלטער ענערגיע". זשיט, שריפטן VII,
נ"י, ז' 220.

1943 " דעם סידור האט דער פעטער לוזי באקומען בירושה
פון זיין טאטן". נס, משפחה מאשבער I, ז' 53.

|| בירושהדיק – אדי/אדוו. וואס גייט איבער בירושה.

1922 " די שול וועט סוף-כל-סוף באקומען די בירושהדיקע
2671 אומפעיקייט צו ארבעט". ימ, איינהייטלעכע
פאלקשול,

1935 " פסיכישע עלעמענטן, וואס ווען זיך ניט לאזן
2668 ארויספירן פון דרויסנדיקע השפעות, ווען מיר
אנערקענען, אז דאס זיינען בירושהדיקע עלעמענטן".
מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. ווילנע,
ז' 29.

בירזע I - די, =ס. (עלט) אכסניא, איינפאַרהויז.

1869 " |...| איז אריינגעפארן אין דער בירזע פון גאלדענעם אָדלער איין גרויסער הער מיט פופצן רייטער און מיט א גרויסן עקיפּאַזש". אמד, דער טויטע(ר) גאסט, ווילנע, ז׳ 40.

..........................................................

רעד: ס׳קען זיין, ס׳איז א טעות פון דיקן מיט זיין אויסשפראך, און ס׳דארף זיין בירזשע אדער טאקע בערזשע, נעענטער צום פּוילישן מקור.

..........................................................

בירזשאַר - דער, =עס. < Ru: birjar

1. (רעג, רומעניע) בעל־הבית פון אן אכסניא, בירזע.

2. פורמאן/קוטשער פון א בירזשע(פיאַקער).

|| בירזשארסקע - אדי. (פעיאַ) שייכדיק צו בירזשאַר.

% בירזשארסקע שטיק.

בירזשע I - ---> בערזע. (צוגעבן ביי בערזע -פּפּ בירזשע).

ב י ר ז ש II - די, =ס. <Ru: birja

"פיאקער, דראָשקע, פאַעטאָן"|קטוו|. 2701

ב י ר ז ש ע ו ו י ק - דער, =עס. דער וואס האנדלט אויף בירזשע(בערזע).

... " איך בין אליין |...| א בירזעוויק, א מעקלער |...| פון דער בערזע". שע, דראמאטישע שריפטן, שווער צו זיין א ייד, ז' 46. 2709

|...| " דארט ווו אונדזערע אדעסער בירזשעוויקעס רייבן די פּאַדעשוועס". שע, דריי לוחות.

ב י ר ז ש ע ר ? ע - די, =ס. (רעג,רומעניע) "סטאנציע פון בירזשעס, פיאַקערס"|קטרו|.

ב י ר ט י ק - אדי. (עלט) געבוירן.

... " |...| איך בין זיך פון דער ליטע, א בירטיקער פון דער ווילנע." עס, סערקעלע, צייט אויסג ווילנע, 1925, ז' 427. 2712

ב י ר יי ק ע - די, =ס. "שכור-ניסל, א דרייקאַנטיק ניסל פון וואס מע ווערט פארשיכורט"|קטוו|. 2715

..............................................

רעד: אין פויליש איז דא: bereka, געוויקס פון דער משפּחה רויזנבלומיקע (Rosaceae), די פרוכט די גרייס פון ווײַנשל. אין אוקראיניש: берека (Pyrus torminalis לאט). איז עס דאס אייגענע וואס די בירייקע פון אונדזער זאמלער?

..............................................

ב י ר כ ו ת - דזוו בארכעס.

1723 " און זאל דען אונטערשטן קוכן נעמן, און זאל
2718 אין אויפשניידן איין גרויס שטיק פיל מער אז ער
פפלעגט בירכות צי שניידן אן דער וואכן".
לט 1, אמשט, 58/2.

ב י ר ל יי ם - דער. שוסטערקליי|ש. ווינטער
(וולאצל.), צו דער טערמינ. פון מלאכות, פש!!,
2469 1930, ווילנע|.

?נ? ב י ר ן - (דטשמ) דזוו בארנע. ~~|סטוטש 2721|.~~

2723 || בירנדל - דאס, =ער, פקפ פון בירן(בארנע)
|ר. מאהלער, יישפ|V - 3 - 6|.

1748 " מן זאל ניקש אנדרשט נעמן צום (הרוסת)
2382 אלז עפפיל אונ' נוסין אבר קייני בירן ווי דר
(עולם) דען (מנהג) האט". י. מ. עפשטיין,
סידור תפילות, אמשטרדם, קמג -1.

ב י ר נ ב ו י ם - דער, ~ ביימער. (דטשמ)
2722 דזוו בארנבוים.

2725 ב י ר נ ע - די, =עס. "עלעקטריש לעמפל" |קטוו|.

ב י ר ס ו כ ע ר - דער, =עס. "געבעקס געבאקן פאר
|דער מאנשאפט פון| א שיף" |קטוו|.

ב י ר ע ל ע - דאס, =ך. דזוו בירהאַלע.

1930 " און יאטקעס, טישלעך, בירעלעך און שפּייכלערס

2719 פול מיט תבואה". |מחבר?| מיר אליין, קאָוונע,

ח' 17.

1967 " און פארן געלט געעפנט א בירעלע נעבן דער

2727 פּאַרשיווער רעמיזע". א. קארפינאָוויטש,

ביים ווילנער דרכהויף, ת"א.

ב י ר ק ה אַ ן - דער, ~הענער, ~ווע בירקהון,

מצ~הינער. א גרויסער וואלדפויגל |ווסב (Lyrurus tetrix)

1909 " |...| "גיי מיט די יעגער |...| צו באקומען

2733 א טויבן בירקהאַן". איבז, פ. האלפערין, וו.קאראלענקא,

דער וואלד רוישט, זש' שטראַהלען, העפט 1,

ווילנע, ז' 74.

1924 " פון אנדערע פייגלען געהערן צו די עופות

2734 |...| אויך די פּארטויבהון, האַזלהון און די בירקהון,

וואס וווינען אין די וועלדער". איבז איסעל,

אטטא שמייל, זאאלאגיע, ווילנע, ז' 94.

/איבז ב. מארשאק,

1936 " די בירקהינער האבן געמורמלט". ערענבורג,

2735 דער טאג דער צווייטער, קיעוו, ז' 130.

ב י ר ק ה ו ן - ---> בירקהאַן.

2736 ב י ר ק ל - דזוו בירקע.

ב י ר ק נ יי פּ ע - די, =ס. א בירשענק פון געמיינערן

גראַד.

ביר קע I - די, ~~...~~ (דטשמ) בערעזע.

1915 " הילכן וועט באלד אין וואלד// פון די קלעפ

די העק// בירקע, סאסנע און יעל// פאלן וועלן פאר

שרעק". י. ראלניק, לידער, נ"י, ז' 15.

1916 " אין די ערשטע וואכן פון פרילינג, ווען די

צווייגן פון די בירקן |...| שאקלען זיך אזוי

געהיימניספול". א. ש. זאקס, דאס לעבן פון די

פלאנצן". נ"י.

0 בירקנהאלץ - דאס, בא. (דטשמ) האלץ פון בערעזע.

1829 " און יעקב האט גענומען צו זיך איין שטעקן

פון גרין בירקן האלץ". תחת, |ארט?|, בראשית ל-ז. 2742

ם 1691 " אונטער דען אייכן בוים |...| אונ' בירקן

האלץ". סהמ|| הושע, ד - יג, ~~פראג~~. 2738

בירק(ע)ן-שיפל - דאס, =ער. א שיפל פון בערעזענע האלץ.

|..?| " דאן |...| הייאוואטהא אויסגעדרייט זיין

בירקן-שיפל". ~~...~~ יהואש, 2737

הייאוואטהאס פיש-פאנג.

ב י ר ק ע II - די, ס=. < R: бирка. א צעטל אדער א בלעכל צוגעבונדן צו א זאק, פּעקל אדגל מיט באצייכענונג פון וואָג, סאָרט אאזוו. 27511

ב י ר ק ע III 1. "שטעקנס, פּירקאַנטיק ארומגעטעסעט, וואס די טשעסאַקעס צייכענען אָן אויף זיי דורך 2763
קאַרבן די צאל ארומגעהאקעטע שפּאַלן", |קטוו|.

1941 " דערמאנט|ער| זיך, אז נעכטן |...| האט ער ניט ארייִנגעטראָגן די צוויי בירקעס, וואס דער 2763
טשעסאק האט אים איבערגעגעבן". י. מארגאליס, סאכרים, קאוונע.

בירקעלער - דער, ס=. א קעלער-לאָקאַל צו טרינקען ביר.

1974 " ער האט געזוכט די רוצחים |...| אין די 2479
בירקעלערס און אין די נאכטלאָקאַלן". י. עלבערג, אויפן שפּיץ פון א מאסט, מאנטרעאל, ז' 263.

בירשענק - פּפּ בירהויז. דער/די, =ען. א לאָקאַל צו טרינקען ביר.

1951 " קרעמלעך, בירשענקלעך, |...| רעשטלעך פון די אמאליקע קרעטשמעס |...|". מ. ליכטענשטיין, 2485
זב ליטע I, נ"י, ז' 1477.

1975 " אפילו אין די בירשענקען, אין די קנייפּעס, האט דער המון אויסגערעדט אסור לדבר אויפן רב". 2483
ש. ראָטשטיין, פּאַר, IV/ 11.

ב י ש אָ ף-דזוו ביסקופֿ.

1850 " אויף דער גמרא וואס הייסט תלמוד בבלי האט
דער בישוף געהייסן מען זאל אלע ספרים די גמרות 2794
פארברענען". ספר שבחי בעש"ט, זאלקווא, ז׳ 13-II.

1910 " און באלד שווימען אויף, ווי פון כישוף //
די רערן פון אָרגל...// דאס בענטשוואָרט פון גרייַז- 2779
גרויען בישאף". ש. פרוג, באנד II, ג"י, ז׳83.

1743 " האט דער בישוף איין גזאמלט (בעלי מלחמות
אונ׳ האט זיא גקליידט גלייך אלש ווען זיא מינכן 2785
ווערן". מ. מן, שארית ישראל, אמשט, דף כב/א.

ב י ש אָ פֿ - ---> ביסקופֿ.

?נ? בישול - ג ו י |בישל-גוי| - דאס קאכן פון א ניט-ייד.

1685|?| " ווען אבר דער יהודי אודר יודני עטוואש
דער צו העלפט צו דש גוי זייך באקן אודר קאכין עז 2802
מאג זיין דיא קולין שארין אודר האלץ אן ליגן
הייזט שון קיין בישול גוי מין |...|". עפש.
דרך הישר לעולם הבא, פפדם, תמ"ה |?|, סב-1.

ב י ש ו ף - ---> ביסקופֿ.

?נ? ב י ש ט - ---> ביסט.

ב י ש ע ל - דער? מצ? "א קאמפלעט פון 28 איי̇נ-
2816 געפֿעדעמטע נאָדלען"|קטוו|.

בּ י ש ע ף - דער, =ן, פֿפ בישאַף,(זן) בישאָפֿ.
דזוו ביסקופֿ.

1894 1894 " די בישאָפֿן, די פרינצן, די מלאכים און די
2788 פֿאַבסטע|פּויפּסן| אפילו, יעדער פון זיי האט געהאט
זיין יידישן דאקטאר". פ. קריטשעווסקי,
יודען אונד יודענטהום, בערדיטשעוו.

1973 " אין א דאקומענט פון 1286 באקלאגט זיך דער
בישאָף טאמאס אז די יידן |...| פירן אומגעשטערט
זייער ארבעט". ולב סאסנאָוויץ, ת"א, ז' 153.

ב י ש ק אָ פּ ט - דער, =ן. <P: biszkopt. <(פֿד) א
לאנג ווייך קיכעלע;ביסקוויט.

ב י ש ק ו ט - ביסקוויט, קיכל. < It: biscótto

1533 " אונ' קאף דיר איין קישט בישקוט אונ' דיין
2821 עשן שפּויז ווש דו בידארפשט בישקה לבֿלונה".
פֿב, ציט ייבל, נ' 3-4.

ב י ש ק י ו ק ע |אַקצענט?| - די, =ס. "הוליאַנקע
2823 (וואַלין)"|קטוו|.

|| בישקיווקעניק - דער, =עס. "הוליאַקע, זויפֿער,
פֿרעסער (וואָלין)" |קטוו|.

1906 " איז מײַן מוטער אַרײַנגעלאָפֿן צום רבין און
אָנגעהויבן |...| שרײַען צו די באַהעלפֿערס: זולל 2822
וסובאַניקעס! פֿאַרעווע קישקעס! בישקיווקעניקעס!"*
זאב הלוי, דער רבי קלמן סענדערס, בערדיטשעוו.

ב י ת I |בײַס| - דער/די. צווייטער אות פֿון אלף
-בית |--> ב|.

ב י ת II |באַיִס| - דער, מצ נאָר אין סמיכות:
אצ בית=|בײַס#|, מצ בתי=|באָטיי#|.

1. דאס בית-המקדש.

" דער חורבן פֿון דעם צווייטן בית און דער [1956?]
אַרײַנפֿאַל פֿון יידן אין גלות |...| איז דאס צוליב 2832
די זינד פֿון אומזיסטע פֿײַנטשאַפֿט". ליקוטי אמרים,
תניא, 618-304.

2. מצ בתים|באַטים| דאס פֿאַרמעט שײַדל פֿון תפֿילין
(של יד און של ראש), אין וועלכן מען לייגט אַרײַן
די פּרשיות.

--> 2.

1796 " די תפֿילין של יד געהערט צו לייגן אויף דעם לינקן
אָרם |...| דר קשר געהערט אַן דען בית צו זײַן 2836
|...|". עפש, דרך הישר לעולם הבא.

3. הויז, וווינונג, שטוב.

... " דאש בית טאהר מען נישט אוש קערן מיט איין בעזים הן אים שבת הן אים י"ט". ספר שלחן ערוך I, ז' יא/ב. 2841

... " זוא מוזן יעדר איין אייגן בית האבין". פנקס אה"ל תפ"ל, ציט ייבל XXXIII, ז' 122 א. 2844

?נ? ב י ת - א ב ו ת |בייט-אוואָט| - דער. (אין ישראל) מושב-זקנים. % "אין דער יידישער מדינה איז אָפגעשאפט געווארן דער נאמען מושב זקנים און מען רופט עס בית-אבות" |קטוו|.

ב י ת - א ס ו ר י ם |בייס-אסורים| - דער. (עלט?) תפיסה, טורמע.

1864 " דער קייזער |...| האט מיך באפוילן, דאס מען זאל אייך באלד ארייננזעצן אין בית-אסורים". 2857
אמד, ספרי מהגאון בעל המחבר תוספת יום טוב ז"ל, ווילנע.

ב י ת - ד ו ד |בייס-דאַוויד| - דער. די דינאסטיע פון דוד המלך.

1957 " דער מעזריטשער האט געהאלטן, אז ער קומט ארויס פון מלכי בית דוד". ה. צייטלין, ארייגפיר אין חסידות, נ"י, ז' 31. 2858

ב י ת - ד י ן |בעז דן| - דאס, מצ בתי-דינים
|באַטיי-דינים|. רבנישער רעליגיעזער געריכט, וואָס
פסקנט לויט דער הלכה; באַשטייט מיינסטנס פון א
רב און צוויי דיינים.

1860 " ער קומט גלייך צו דעם סוחר אין שטוב אריין
און ווייזט זייא דעם גט אונטער גישריבן פון דעם 2884
בית-דין" . מעשה פון ווילנא, ווילנע.

1912 " אבער דערפאר קאנט איר מיר שלעפן צום בית-דין,
און דער בית-דין וועט מיך איבערענטפערן צום תליין". 2887
זשיט I, ז' 41.

1966 " נאך דעם ווי דאס בית-דין האט ארויסגעגעבן
א פסק, פרעגט מען ניט אַפּ". טמז, II/24. 2866

אנטאָן ארבע מיתות בית-דין - [יישפּ XXVI - 3] -
פּייניקן, פאַרשאַפן גרויסע יסורים. פּפּ: שטיין ווי
פארן בית-דין - שטיין הכנעהדיק.

זידן/קאָכן ווי חיהלע פארן בית-דין - וועגן הייסבלו-
טיקייט, כעס, פּולק: מיר וועלן צום בית-דין
ניט גיין ~~|קשו|~~. - מיר וועלן אויסקומען, מיר
וועלן קומען צו א פשרה.

1602 " אודר מיינט דאז בית דין שרייבט אונטער דיא
עדים דען דיא עדים מעכטן שטערבן דאז היישט קיום 2885
השטרות". מ. שערטעליש, ספר ירמיה לב, יד,
פראג.

1713 " דאש בית דין זאל פסקן צווישן איינם בר ישראל
אונ' דעם אנדרן וואש געלט אן טרעפט". מחזור II, 2893
שלוש רגלים, אמשטרדם, תכו - 1.

ב י ת - ד י ן  ה ג ד ו ל |בעזדן האַגאָדל| - דאס.

דער גרויסער פולער סנהדרין פון 71 ריכטער, וואס איז געזעסן אין לשכת הגזית אין ירושלים און האט זיך אָפּגעגעבן מיט ענינים וואס זיינען נוגע כלל ישראל ווי א פאלק.

1865 " דער בורא ברוך הוא האט זיך כביכול מישב געווען מיט זיין בית-דין הגדול, ווי שיין ער זאל מאכן זיין |אדמס| יעדעס גליד באַזונדער". 2897

אמד, דיא קרעמערקעס |...|, ווילנע, ז' 9.

1882 " אז ארץ-ישראל וועט קומען אין ארדענונג, וועלן מיר דארט געוויס האבן א בית-דין הגדול 2894

פון געלערנטע און שטארק אנטוויקלטע רבנים, און זיי וועלן שוין וויסן צו מאכן שלום צווישן הייגטיקע באדערפעניששן און אונדזערע אלטע טראדיציעס". מקור?

ייפאל, נ' 9, ז' 131.

1724 " דיא שופטים אונ מלכים זיין גיזעצט ווארן דארך דען בית דין הגדול איז אזו פיל צו זאגן |...|". 2895

ר' אלכסנדר עטהויזן, בית ישראל ובית הבחירה, אמשטרדם.

ב י ת - ד י ן  צ ד ק |בעזדאַן צעדעק| - דער.

1. אן ערנטיטל פאר א רבנישן געריכט.

... " מען לאזט אויסרופן אין אלע שולן |...| אז ווער עס ווייסט עפעס א חטא |...|, זאל קומען מודיע 2901

זיין אין בית-דין צדק". ממוס, אנטדעקונג פון וואהלין, ז' 5.

1893 " מיר ברויכן האבן א בית-דין צדק פון גרויסע ת"ח |...|". שמי פלאי, ספר האמת והשלום, לעמבערג, ז' 40. 2902

1965 " דאס |טעקסט:דער| בית-דין צדק אין מאה שערים האט ארויסגעגעבן אן איסור קעגן דעם שידוך". טמז, XI/5. 2883

2. אן אטריבוט פארן הימלישן געריכט.

... " כדי ער זאל זען, אז דאס בית-דין איז א בית-דין צדק, עפנט זיך אים א פענצטערל פון הימל". פרץ, דער הינטישער סדר, קאנק' 24.

בית-דין שטיבל - ---> בית-דין שטוב.

בית-דין שטוב |בעזדן...| - דאס, מצ בית-דין שטיבער. פפ בית-דין שטיבל, =עך. דאס צימער אין א בית-מדרש אדער ביים רב אין הויז, וווּ דער רב מיט די דיינים זיצן ביי א דין-תורה.

1870 " אויך פלעגט ער מוזן גיין זייער אפט אין בית-דין שטיבל צו האבן דין-תורות מיט קליינע בעלי-חובות". 2907
איבז אמד, לעוואנדע, ר' שלומעלע |...|, ווילנע, ז' 32.

1909 " אין 'בית-דין שטוב' האט די לאמפ שוין נישט געברענט". א. וויעוויארקא, הימעל און ערד, לעמבערג, ז' 55. 2908

1963 " דער רב לאזט מיך זיצן אין בית-דין שטוב און גייט אויפוועקן די רביצין". באש, א טאגבוך פון א נישט-געבוירענעם, גומפל תא, נ"ו, 3-6 קאנק' 261.

1946 " באבע לאה האט געוווסט, אז שדכנים דרייען זיך ביים זיידן אין בית-דין שטוב און ברענגען אים רבישע שידוכים". ייט, פוילן II, קאנק' 178.

בית-דין של מעלה |בעזדן שעל מײַלע| -

דאס. דאס הימל-געריכט, גאטס משפט.

1870 " זיי זענען מחויב צו האבן א תשובה ברורה אויף
2917 דעם בריוו פון דער רעדאקציע, אזוי ווי זיי האבן
געהאט א תשובה פונעם בית-דין של מעלה". קמ, נ׳ 22,
III/163.

... "כלה לעבן! כלה לעבן!// וויין זשע, וויין//
2924 דיינע טרערן האבן אצינד// דעם זיבעטן חן. //
וואָרום דו טוסט דאָך איצט פארן בית-דין של מעלה
שטיין". שע, מעשיות פאר יידישע קינדער II,
׳חנוכה-געלט׳, ז׳ 46.

... " דאס בית-דין של מעלה קלערט א ווײַלע און
2921 גיט ארויס א פסק". פרץ, דער דין-תורה,
ז׳ 9.

1610 " וואו דא שטיט וה׳ דש מיינט הק"בה אונ׳
2916 בית דין של מעלה דז זיין דיא זיבציק שרים איבר
איטליכר אומה איין מלאך". טח - מדרש, בראשית
כא, א.

1705 " |...| ווען איינר איין עזות פנים הט אונ
קיין אפשייא פר לייט אונ שעמט זיך ניט פר לייטן
איז מען איין הימל, בי"ד של מעלה מגורש".
תה, פרק לד, דף ע/2.

בית-דין שמש |בעזדן-שאַמעס| - דער, =ים
(=שאַמאָסים). באדינער פון בית-דין, דער וואס גייט
אין שליחות פון בית-דין.

1881 " דער בית-דין שמש זאל אויסרופן בייעת הרב
2934 הגאון דפה". דער יודישער פאר-פסח, ווארשע, ז׳ 49.

1958 " מען האט געשיקט דעם קעניגלעכן בית-דין שמש
2932 צו רופן פדהצורן, דבורהן און שונמיתן". ייט,
טאג, 20/6.

?נ? בית-דין שקול |בעזדן שקול| - דאס. (לל)
א בית-דין, צונויפגעשטעלט פון א גראדער צאל
דיינים (זוגות), ווען די פארטיידיקער און די
באשולדיקער קענען זיין גלייך אויף גלייך.

ברושי — ... " מע טאר נישט אוועקזעצן קיין בית-דין שקול".
(סנה׳, ג).

(ראה גם בי-417)

?נ? בית-האסורים |בייס האאסורים| - דער/דאס.
(לל) טורמע, תפיסה.

1924 " די דאזיקע |...| האבן טענות, אז די תורה
2939 איז |...| בית-האסורים פאר דעם מענטש".
ר׳ י. י. אנענזאן, המאמין, ווילנע, ס׳ 3.

" משמר מיינט א בית-האסורים". [1956] לקוטי-אמרים,
2940 תניא, אידיש קו - ריז.
(הובא בוועלין, ר׳ שניאור זלמן מליאדי)

בית-הבחירה |בייס-האבכירע| - דער/דאס |?|.
מליצהדיקער נאמען פארן בית-המקדש.

1625 " (הנה מה טוב) ווי גאר גוט און׳ זיס ווערט
זייך (שבת) ווען זיא ווערן זיצן ישראל דיא דא
הייסן (אחים) ברידער און גיזעלן ווען דיא זעלביגן
ווערן זיצן אין בית-הבחירה". סהמ[?] תהילים,
קלג - א.

בית-הבליעה |בייס-האבליע| - דער. 1. (לל)
דער אייבערשטער טייל פון ווסט, דורך וועלכן מען
שלינגט אראפ די שפייז; שפייזרער.

2. (פיג) עפּעטונג, חלל.

1949-53 " דער וואלד האט געעפּנט זיין פינצטערן
2946 בית הבליעה און זיי אריינגעצויגן אין אים".
סמבטיון, א זעקסטער וועלטטייל,|ב׳ ?|, ז׳ 294.

ב י ת - ה ז ו נ ו ת |בייס הזוינעס| - דער/דאס,
שאַנדהויז, באַרדעל.

1883 " נאך דעם |...| געגאנגען אויף דעם סעודה,
2949 וואס די אשה צנועה האט געמאכט אין איר בית-הזונות".
ייפאַל, נ׳ 39.

ב י ת - ה ח ו ל י ם |בייס-האַכוילים| - דער/דאס.
(עלט) שפּיטאָל.

1882 " קיין בית-החולים האבן מיר נישט |...|,
2951 שטארבן מענטשן |...| אויף דער גאס אדער אין
זעמסקי באָלניצע". ייפאַל, נ׳ 45.

ב י ת - ה ח י י ם |בייס-האַכאַיִים| - פּפֿ: בית-חיים.

דער/דאָס, (אייפֿ) בית-הקברות.

1844 " נאָהנט פון ים כנרת איז זייער בית החיים".

2959 ר' מנחם מענדיל בר' אהרן, קורות העתים,

ווארשע.

1868 " און ער האט אויף זיך גענומען די |...|

2966 טירחה געלט איינצוקאַסירן צו רעפּאַרירן די שול

און דעם בית-החיים". קמ, נ' 7, ז' 49 - III.

1972 " אריבערגעצויגן |דעם טלית| איבער דעם קאפ

2961 און די אויגן, ווי ער וואלט געווען א פארהוילענער

מת פון בית החיים". חג, פאר, IV/9.

◻ אָרענע באָרענע// דעמבענע קאָרענע.// ווייצענע

קלייענע// גלײַך אויפן בית-החיים - אויסצײלעניש

(?), קינדערליד (?).

1650 " ווען אייליף חדשים אויז זיינן דז דער אבל

2958 ב"מ |בר-מינן| האט קדיש גיזאגט דא גיט מן מיט

דען אבל ב"מ אויף דען בית החיים". ר' מֹשה בר'

הירש פוריית, דרכי ציון, פפד"מ, ת"י.

1706 " אין גאנצ'ן חודש ניסן איז קיין מנהג דז

2953 מן אויף דאש בית החיים גיאט". הרב צבי הירש

קאַיידנור, קה, פרק פ"ח, דף נז/1.

ב י ת ה ט ב י ל ה |בייס-האַטווילע| פּפֿ: בית-טבילה.

- דער/דאָס. א ספּעציעל הויז מיט א מקווה.

1955 " בויען א קאסטבארע געביידע פאר א בית-הטבילה".

2968 הרב י. קאַמין, דער איד, IX/16.

1957 " בעלי-מלאכות |...| אנגעהויבן בויען די |...|
בתי-כנסיות און, להבדיל, בית-הטבילה. לדב. 2969
דף ס"ה.

ב י ת - ה י ו צ ר | בייס-האַיויצער | - דער/דאָס.

1. ווארשטאט פון א טעפּער.

2. (פיג) אָרט פון שאַפן.

1924 " דא |אין דער געבורט-קליניק| איז אייגנטלעך
דער בית-היוצר, דער ווארשטאט פון דער וועלט". 2970
פּגעז, ווילנע, נ' 5.

1957 " אלע מזרח-אייראפּעישע שטעט און שטעטלעך|...|
זיינען געווען אין א גרויסער מאס דער בית-היוצר
לנשמת האומה". ק. ברוכאנסקי, לאמזשע.
~~איר אויפקום און אונטערגאנג~~, נ"י, ז' 59.

ב י ת - (ה)כ ב ו ד | בייס-(האַ)קאָוועד | - דער/דאָס.

(אייפ) בית-הכיסא.

" דרנאך האט ער גיהייסין מאכין טשייא |...|,
גיטרונקין |...| אונ' איז גיגאנגין אין בית הכבוד 2974
אריין". יוסף פערל, מגלה טמירין, ציט יידישע
כתבים, ווילנע, 1937, ז' 211.

1869 " מילא, ניט אויף דער גאס |רייכערן|, וואס
אָרט אונדז אויפן בוידעם אדער אין בית-הכבוד?" 2975
~~עלי קציר~~ קמ, נ' 16, ~~II~~ ~~114~~ 114.

ב י ת - ה כ י ס א |בייס-האַקיסע| - דער/דאס,

מצ בתי-כיסא |באַטיי-קיסע|. (איפּ) אַפּטרעט,

קלאָזעט, ארט צו טאָן די נאַטירלעכע באַדערפענישן

פון מענטשן.

1880 " און דער חכם האט אומיסנע געפירט דעם מלך אויף

אזא איין ארט וואס עס איז דארט געווען איין 3009

אפלויף פון איין בית-הכסא". הרב י. געלבארט,

ספר מעשה אבות, ווילנע.

? | " שבת געכאַפּט מיט א פּאַפּיראָס אין בית-הכסא.

שע, אין שטורם, ז' 47. 3013

1973 " בית-(ה)כיסא איז א גמרא-ווארט. ווי עס

טרעפט אזוי אפט ביי אייפעמיזמען, האט מען שפעטער 3007

משמעות דאס פארבייטווארט גופא שוין געהאלטן פאר

צו מגושמדיק און ס'איז אנשטאט דעם געקומען

בית-הכבוד". מווג, III, ז' 200.

1676 " אונ' מן זול אל צייט אי ער זיך זעצט צום

טיש דא זול מן פאר גיין אויף דז בית הכסא אונ' 2997

זיך אויש לערין דא מיט דז דער מאגין אונ' די

גידערים זולין ריין זיין אי ער זי ווידר אן בוילט".

ברנט שפיגל, פפדמ.

1723 " אונ' זאל זיין צורך טון אונ' זאל ציכטיג

זיין אויף דעם בית הכסא אונ' ניט זיין שאנד דען 3004

פיר עקין ווייזן ווען עס שון פינשטר איז".

ספר המנהגים, ג/ב, אמשט.

ב י ת - (ה) כ נ ס ת |בייס(הא)קנעסעס| פּפּ: בית-כנסת,

~~דאס~~ מצ בתי-כנסיות |באטע-קנעסיעס|.

דאס הויז צו דאווענען; שול.

1864 " אסור צו עסן, טרינקען, שלאפן אין בית-הכנסת

2991 |...". הרב א. ברודא, הליכות עולם, אונגוואר,

יב - I.

1957 " בשעת אין בית-הכנסת עפנט מען דעם ארון-הקודש,

2984 עפנט מען למעלה דעם עולם ארון ברית ד'". לדב,

ב"י, ז' 454.

1723 " ניארט די זעלביגי לייטן מוזן דאך דאס

2985 איריג טאן אונ זוכן מיט אלים פלייס דאס זיא קענן

מתפלל זיין אין איין בית הכנסת". לט,

אמשטרדם, דף 148 - I.

ב י ת - ה ל ל |בייס-הילעל| - דער. די ישיבה און

אויך די שיטה אין דער הלכה פון דעם תנא הלל און

זיינע תלמידים אין א"י; בית הלל האט זיך אויסגעצייכנט

מיט א שטרעבונג צו פסקנען לקולא (נישט הארב),

להיפך פון בית-שמאי.

... " זיי האבן נישט געהאט צו טאן איבער א זאך ווי

בית-שמאי מיט בית-הלל. א שטייגער, איבער אן איי

וואס איז ערשט נולד געווארן". ממוס, בעמק הבכא,

קאנק 367.

ב י ת - ה מ א כ ל ת |בייס-המעכלעס| - דער/דאס?

3022 (לאקל סאנץ) דער הינטן |ר. מאהלער, יישפ IV,

3 - 6, 1944|.

ב י ת - ה מ ד ר ש - ---> בית-מדרש.

ב י ת - ה מ ד ר ש נ י ק - --> בית-מדרשניק.

ב י ת - ה מ ו ס ר |בייס-האמוסער| - דער/דאס . (לל)
א באזונדערער צימער אין א ישיבה, בית-מדרש פון
מוסרניקעס, ווו מען פלעגט זיך אפזונדערן פאר
חשבון - הנפש.

1959 " חייקל איז געבליבן ביז שפעט אין דער נאכט אין
~~דער נאכט אין~~ בית-המוסר, - א לאנגער און שמאָלער 3103
בית-מדרש". חג, טאָג, X /30.

?נ? ב י ת - ה מ ל ך |בייס-האמעלעך| - דער/דאס. (לל)
קעניגלעך הויז, פּאַלאַץ.

1865 " איך וועל דיר אויססטרויען א שטיבל אז עס
זאל זיין ווי בית-המלך". מציה ישועה על ידי הקדוש 3105/א
האר"י זללה"ה", ווארשע, דף ג/2.

ב י ת - ה מ ק ד ש |בייס-האמיקדעש| - דאס/דער.
דער טעמפל אין ירושלים אין דער תנ"ך-תקופה.

1863 " זיי| די יידן פון אלכסנדריא| האבן זיך
אפגעזאגט פון דעם בית המקדש וואס איז געווען 3140
אין ירושלים". אמד, מסע מצרים, ווילנע.

1916 " פונעם הימל לאזט זיך אראפ פונקט אויפן זעלבן
ארט, ווו דאס אמאליקע בית-המקדש איז געשטאנען, 3130
א נייַ בית-המקדש פון סאמע גינגאָלד". שע,
פונ'ם יאריד, ז' 241.

1948 " די רוימער האבן |...| אלע |...| הייליקטימער
פון בית-המקדש געפאנגען". נס, משפחה מאשבער II, ז' 231.

בית-המקדש מעט |... מעאַט| - שיל, בית-הכנסת.

בית המקדש של מעלה |... שעל מײַלע| - --> בית המקדש של מטה.

בית - המקדש של מטה |... של מאַטע| - דער/דאס.

1863 " דען דאס בית-המקדש של מטה איז מכוון אקעגן
דעם בית-המקדש של מעלה און איינס איז מקושר אין 3034
דעם אנדערן אזוי ווי עס שטייט מכון לשבתך וגו'".
נופת צופים, זשיטאמיר, ז' 203 - I.

שוו: פון רכילות איז דער בית-המקדש חרוב געווארן.
[יישפ II, נ' 5, 1942]. 3110

נים אין איין טאג איז דער בית-המקדש געבויט געווארן
|סטוטש| - יעדע זאך פאדערט צייט באַמיונגען. 433

פּוּל: זינט דאס בית-המקדש איז חרוב געווארן קען קיין
שמחה נים זיין פאר פול. |סטוטש 554|.

|XV| " אסתר, ווש אישט דיין בגער?/ ביש האליבא
דש קוניקרייך איך גיוור//דו מאגשט(ניט) גהיישן 3137
דש // אויש גי שיידן דש בית-המקדש". מגילה
מינכן.

1676 " איך מדרש שטיט איין מעשה פון דרייא כהנים
די קאמן אונ' זאגיטן וויא מן איך העט געבן איין 3116
חלק פום הייליגן בראט אויש דעם בית-המקדש

איינר שפראך איין שטוף אז איין אויף בער, דער
אנדר שפראך איין שטוך אז איין באן דער דריט
שפראך איין שטוך אז איין שוועגצל פון איינם
אילטש דא דאש רבנים האבן גיהוירט דאש דער אונערליך
רעט אונ' גידענקט איין שרץ ביי דעם הייליגן בראט".
ברנט שפיגל, פפדם, פרק טו.

1796 " אונזרי שולן היישן אין גלות אונזר קליין
בהמ"ק |בית-המקדש| דז די שכינה דרינן רואט". 3116
עפש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאוו.

1743 " אונ' די שול היישט בית-המקדש מעט
איין קליין בית דא מוז מן מיט היפשי רייני קליידער
אריין גין". קה, פיורדא, דף מו - ו.

ב י ת - ה מ ר ח ץ |בייס-האַמערכעץ| פֿפֿ: בית-מרחץ.
דער/דאס (עלס). אן אנשטאלט צו וואשן זיך און
באדן ; באָד.

1864 " אין בית-המרחץ אדער אין מקווה איז אסור צו
זאגן אדער מהרהר צו זיין דבר שבקדושה". 3144
הרב א. ברודא, הליכות עולם, אונגוואר, דף ו'-1.

1903 " זיי זיינען ביידע געגאנגען לבית המרחץ,
און דער בעש"ט האט געפרעגט דעם בעל-הבית פון 3145
מרחץ וואס ער פארלאנגט |...| פאר א האלבן טאג
שכירות". איין וואהרע און וווּנדערבארע געשיכטע
פון איין כישוף מאכער, לעמבערג.

1951 " אויסערלעך האט זיך קעלם מיט קיין זאך ניט
אויסגעצייכנט |...|. א שולהויף מיט אן אלטער שול 3146
|...| א תלמוד-תורה און אויך א בית-המרחץ מיט
א מקווה". זב ליטע I, נ"י, ז' 1437 .

?נ? ב י ת - ה מ ש ת ה |בייס-האַמישטע| - פּפֿ בית-משתה.
דער/דאס?. א הויז ווו מען טרינקט און מען
פארווײלט זיך.

1882 " ווער עס זאגט איין פסוק פון שיר השירים אין
איין בית-המשתה, אין הויז וואס מען טרינקט דארטן, 3149
אזוי גייט די תורה אנגעטאן אין איין זאק און
וויינט פאר השם יתברך". נוצ, דף ב - II.

ב י ת - ה ס ו ה ר |בייס האַסויער| - דער/דאס?
פּפֿ: בית-סוהר. (עלט, לל) תּפיסה, טורמע.

1838 " ער|יוסף|באַקימט חן ביי דעם שר בית הסוהר".
א. פאוויר, גדולת יוסף, יוזעפאף, דף ו' 3151
ב' - II.

1895 " האט מען זיך געפּועלט אז מען זאל מיך פון
דאָרטן ארויסנעמען און מיך זעצן אין דעם בית-הסוהר 3152
וואס די אסירי-מלך זיצן דארט". ספר מגלת איבה,
לובלין, דף 17.

ב י ת - ה ס ק י ל ה | בייס-האַסקילע| - דער/דאס.
א קאַונדער אָרט, ווו מע פלעגט באוואַרפן מיט
שטיינער א מענטש וואס איז פרמשפט געווארן צו
סקילה.

" אונ' זי צוהן איז אין פון אלהניין דש דר 3153
בית הסקילה וואר ~~דר~~ (ר)ווישן אונ' ווייט פון
דעם בית דין". טח - רשי, במדבר טו - לו.

בית-הצניעות - |בייס-הצניִעס| - דער/דאס.

|אייפ̃| אָפּטרעס, קלאזעט. "ער האט געטשאטעוועט 3159

אויף שלמהן אין בית-הצניעות". סמב.

בית-הקברות |בייס-הַקוואָרעס| - דער/דאס,

=ן. דאס ארט וווּ מען באגראבט די פארשטארבענע;

בית-עולם.

1860 " גאנצע נעכט זאל ער בלאָנקען אויף אלע

בית-הקברותן". ייל, דאס פוילישע יונגל", חפץ

1970/71 " די דייטשן האבן באפוילן, אז אלע יידן זאלן

ארויסגיין פון די הייזער און קומען אויפן 3164

בית-הקברות". יזב זלאטשעוו, ז' 330.

0 בית-הקברות-ייִד - דער. קברן.

1884 " ער האט צו איר געשיקט דעם בית-הקברות-ייִד

פאר א שדכן". ייִפּאל, נ' 8.

בית-הקברות-בלעטער - ~~די. מצ~~ בנב.

1933 " צו וואס שרייבן קעגן יידישע שרייבער פון

יענער זייט אזעלכע ווערטער ווי ~~[illegible]~~, 3194

דעגענעראציע, פוילעניש, בית-הקברות-בלעטער אד"גל".

א. וועוויארקע, פרעמדס און אייגנס", ~~פארמעסט~~,

נ' 3 -2, ז' 174.

בית-הקברות-חזן |...כאַזן| - דער חזן וואס מאכט דעם

אל-מלא-רחמים אויפן בית-הקברות.

1895 " דער גארגל איז ביי אים פארבונדן מיט א

פארשמוצטע פּאַטשיילע, וואס דאס איז א צייכן אז ער 3195

איז דער בית-הקברות-חזן". אנאנים, אמעריקאנישע

גליקן, ווארשע.

בית-הקברות-מאַן - דער, מצ ~~[illegible]~~ =לײַט. דזוו בית-הקברות-ייִד.

1888 " דער בית-הקברות-מאַן האט אים עטלעכע מאל מיט

גוטע שטעקנס מכבד געווען און האט אים |דעם הונט| 3197

געוואלט פון קבר אָפּיאָגן". ייִפּאַל, ביילאגע נ' 1.

1905 " די באזוכער פון דער טאווערנע זיינען באשטאנען

איף |אַ יפֿ | אָפּטרעט, קלאַזעט. "ער האָט געטשאַטעוועט 3159
אויף שלמה'ן אין בית-הצניעות". סמבּ.

בית-הקבֿרות |בייס-האַקוואָרעס| - דער/דאָס,
=ן. דאָס אָרט וווּ מען באַגראָבט די פאַרשטאָרבענע;
בית-עולם.

1860 " גאַנצע נעכט זאָל ער בלאָנקען אויף אַלע
בית-הקבֿרותן". י"ל. דאָס פּוילישע יונגל", חפץ

1970/71 " די דײַטשן האָבן באַפֿוילן, אַז אַלע ייִדן זאָלן
אַרויסגיין פֿון די הײַזער און קומען אויפֿן 3164
בית-הקבֿרות". יזב זלאַטשעוו, ז' 330.

0 בית-הקבֿרות-ייִד - דער. קבֿרן.

1884 " ער האָט צו איר געשיקט דעם בית-הקבֿרות-ייִד
פֿאַר אַ שדכן". ייִפּאַל, נ' 8.

בית-הקבֿרות-בלעטער - ~~די. מצ~~ דמ. בנב.

1933 " צו וואָס שרײַבן קעגן ייִדישע שרײַבער פֿון
יענער זײַט אַזעלכע ווערטער ווי ~~[illegible]~~, 3194
דעגענעראַציע, פֿוילעניש, בית-הקבֿרות-בלעטער אד"גל".
א. וועוויאָרקע, פֿרעמדס און אייגנס", פּאַרמעסט,
נ' 3 -2, ז' 174.

בית-הקבֿרות-חזן |...כאַזן| - דער חזן וואָס מאַכט דעם
אל-מלא-רחמים אויפֿן בית-הקבֿרות.

1895 " דער גאַרגל איז בײַ אים פֿאַרבונדן מיט אַ
פֿאַרשמוצטע פֿאַטשיילע, וואָס דאָס איז אַ צייכן אַז ער 3195
איז דער בית-הקבֿרות-חזן". אַנאַנים, אַמעריקאַנישע
גליקן, וואַרשע.

בית-הקבֿרות-מאַן - דער, מצ ~~[illegible]~~ =לײַט. דזוו בית-~~הקבֿרות-ייִד~~.

1888 " דער בית-הקבֿרות-מאַן האָט אים עטלעכע מאָל מיט
גוטע שטעקנס מכבד געווען און האָט אים |דעם הונט| 3197
געוואָלט פֿון קבֿר אָפּיאָגן". ייִפּאַל, ביילאַגע נ' 1.

1905 " די באַזוכער פֿון דער טאַווערנע זײַנען באַשטאַנען
פֿון שקלאַפֿן, בית-הקבֿרות-לײַט, גלאַדיאַטאָרן". 3196
ר. דזשאַוואַניאָלי, ספּאַרטאַק, איבּז פֿון רוסיש

|| בית-הקברותדיק |בייס-האקוואַרעסדיק| - אדי-אדוו.
(ווי) פון בית-הקבֿרות.

1956/7 " מ'האט זיך געשטופּט איבער דער ווייכער
בית-עולמדיקער ערד, אונטער דעם שטילן גערויש 3199
פון די בית-הקברותדיקע לינדנבוימער".
~~פּרץ מארקיש,~~ מעטעקס צוריקקער, פּאריזער צייטשריפט,
נ' 16 - 16, ז' 24.

וואס האט דער כהן צו טאן אויפן בית-הקבֿרות? -
וועגן עמעצן וואס פּאסט זיך ניט צו דעם געגעבענעם ארט. 3173/א

שוו: יחוס אויפן בית-הקברות, און אין דער היים -צרות.

פפ: שטיל ווי אויף א בית-הקברות |~~סטוטש~~| - געזאגט
ווען ס'איז זייער שטיל.

1626 " דיא מתים קאנן גוט ניט לובן, אויך ניט
אל די דא נידרן (דומה) אין דיא אורט פון פר שניידונג
דאש איז דאש בית הקברות, דיאקאנן ניט לובן גוט".
סהמן, תהילים, קטו - יז.

1696 " זא האבן גזאגט חכמינו ז"ל ווען איין מענש
איז צער איז אונ' צרות אויף אים קומן, דא זאל
ער גיין אויף דאש בית-הקברות אונ' זאל תפלה טון".
ר' אבא בר' שלמה, מלמד מבומסלא, סוד הנשמה,
אמשט.

1747 " דיא אבלים די ניט מיט דען מת גינגן אויף
דען בית-הקברות גלייך אז זיא דש פנים ארום ווענדן 3190
היבט זיך גלייך דאס אבילות אן". עפש, סידור
תפילות, אמשט, ע - 2.

ב י ת - ה ש ח י ט ה |בייס-האַשכיטע| - דער/דאָס.

(לל) דאָס אָרט ווו מען שעכט בהמות און עופות לויטן
ייִדישן דין; שעכטהויז.

1928 " דא זיינען געווען פעלן סיי פון געפּגרטע,
סיי פון געקוילעטע בהמות, וואס דער גארבער האט 3209
אין בית-השחיטה איינגעקויפט". ע. איזרא,
שיך אונ קאלאשן, קיעוו, ז' 18.

1958 " מיר זיינען טאקע ארעם, אבער מיין פרוי
פארדינט פון פליקן עופות אין בית-השחיטה". 3202
עלטערן און קינדער, טאג, VIII/ 17.

ם 1711 " זאגט ר' יהושע בן לוי דער מלאך המות האט
געזאגט זאלט איך ניט חס זיין אויף דיא לייט, וועלט
איך זיא אויף פלעקין דש בית השחיטה, וועץ איך זיא
בין שוחט אין דען האלז, אז וויא בייא איין בהמה".
נצ, 1, שמות, פפד"מ, דף ד/א.

ב י ת - ה ת פ י ל ה |בייס-האַטפילע| - דער/דאָס.

דאָס הויז ווו מען דאַוונט; שיל.

1947 " דאס פייער האט שנעל ארומגענומען די אינע-
ווייניקסטע איינריכטונגען פון דער שול, די בענק, 3215
דעם שולחן, דעם ארון-קודש מיט די ספרי-תורות |...|
און אלע אנדערע טיילן פון דעם בית-התפילה".
רעד' ר. מאהלער, טשענסטאכאווער יידן, נ"י,
ז' 216.

ם 1664 " ב' שעות לאחר חצות האט ~~מען~~ מן אים אויז גפירט
לפני בית-התפילה הגדול לעשות מחילה". כתב-יד 3216
וועגן מעצער עלילת-דם, ציט פּש, III, ז' 265.

ב י ת - ו ע ד |בייס-וואַד| - דער/דאָס? (לל)
קלוב, אָרט פאַר צוזאַמענטרעפן און קולטורעלער
פאַרווײַלונג.

1869 " ער איז אָנגעזען ביי די גרעסטע און זיין הויז
3219 איז א בית-ועד פאר אלע געבילדעטע און אָנגעזעענע
לײַט". קמ, נ׳ 19, III - 220.

1916 " דאס הויז פון נחום באַבינאָוויטש איז |...|
3220 תמיד געווען א בית-ועד, א קלוב פון משכילים
און גלאט יונגעלייט". שע, פונ׳ם יאריד II,
~~פונ׳ם יאריד II,~~ ז׳ 130.

0 בית-ועד לחכמים |...לכאַכאָמים| - דזוו דפּוו.

1957 " ביי יעדן חסיד אין הויז, אָן אונטערשייד
3223 פון רייך ביז ארעם, איז געווען א בית-ועד לחכמים".
לדב, נ"י, ז׳ ~~ק"ח~~ ק״א.

1962 " זיין היים "נייע היים" איז געווען א
3221 א בית-ועד לחכמים און דער אדרעס פאר יעדן
קולטור-שליח אין יאהאנעסבורג". פ. זיגלבוים,
'65 גק, נ׳ 63, ז׳ 314.

ב י ת - ז נ ו ת |בייס-זנוס| - --> בית-הזונות.

ב י ת - ח יי ם |בייס-כאַיעם| - --> בית-החיים.

ב י ת - ט ב י ל ה |בייס-טווילע| - --> בית-הטבילה.

ב י ת - י ע ק ב |בייס-יאַנקעוו| - דער/דאס

דאס יידישע פאלק, דער כלל ייִדן.

0 בית יעקב לכו ונלכה |בייס יאַנקעוו לעכו ועניילכאָ|.
פר. (ישעיה, ב - 5). ר"ת ביל"ו - נאמען און
לאָזונג פון א פרי-ציוניסטישער ארגאניזאציע אין
רוסלאנד, וואס איר שטרעבונג איז געווען עולה
זיין קיין ארץ-ישראל.

חפץ ... "מע זאגט: בית יעקב, לכו ונלכה! - הויבט אן
גימפל בשעת ס'ווערט צווישן עולם א שושקעניש".
ממוס, צוריק אהיים.

... "דער אלטער קראַנקער ישראליק האט זיך ווי
3250 אויפגעכאפט פונעם שלאף, |...| קוקט זיך ארום
~~וואו~~ ווו ער איז אין דער וועלט, און זאגט "בית יעקב
לכו ונלכה - קומט, קינדער, לאמיר גיין!".
שע, קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות,
ז' 119.

1956 "א ווידערקול קלינגט אָפּ: בית יעקב, לכו ונלכה!"
3251 א. שומיאטשער, לידער, ז' 114.

ב י ת - י ש ר א ל |בייס-יִסראָעל| - דער/דאס.

דאס יידישע פאלק.

... "יעדער נפש פון בית-ישראל האט אין זיך פון
3254 דער בחינה פון משה רבינו ע"ה". לקוטי אמרים,
תניא, אידיש, נט - קו"ז. (גופא [אלטער], ר' שניאור-זלמן מליאַדי)

ברושי ... "א דריטל פון בית-ישראל איז פארשניטן געווארן".
חג, מיין קריג מיט הערש ראסיינער.

ב י ת - י ת ו מ י ם |בייס-יעסוימים| - דער/דאס.
געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציע ווו עס לעבן און ווערן דערצויגן יתומים.

1953 " דער בית-יתומים |...| האט זיך אנטוויקלט אין זייער א וויכטיקער |...| געזעלשאפטלעכער אינסטיטוציע". 3256
מ. מוקאסי, יזב באראנאוויטש, ת"א, ז. 132.

ב י ת - כ נ ס ת |בייס-קנעסעס| - ---> בית-הכנסת.

ב י ת - מ ד ר ש |בייס-מעדרעש| - דער/דאס, מצ בתי-מדרשים, פּפ בית-המדרש. א הויז ווו מע דאוונט און מע לערנט תורה; שול/שיל.

1832 " יעקב אבינו וואס ער איז פון גבארן אן פרום גוועץ און איז געזעסן אין בית-המדרש און האט תורה גילערינט - זייא זיך מרחם איבר זייני קינדר". 3033
מחזור לימים נוראים, צה/א, סלאוויטע.

1888 " א שיינער ייד, קוקט אריין אין א ספר און רייבט זיך אין בית-מדרש אונטערן אויוון". ממוס, 3299
אלע ווערק, IX, 1913 ווארשע, ז׳ 7.

|...?| " וועלכע שטאט פארמאגט אזא אלטן איינגעהוי-קערטן בית-מדרש?" שע, פונ׳ם יאריד I, 3279

1927 " קלויזן מיט בתי-מדרשים זיינען דא א סך, [illegible]נאר איך לערן אין א שול". י. בודזאהן, (2061)3247/א
א מעשה פון א רב, ווילנע, ז׳ 11.

1957 " זעקס א זייגער אין דער פרי הערט מען שוין, אז דער ותיקין-מנין אין בית-המדרש האט שוין אפגעדאוונט". לדב, נ"י, ז׳ קס"ז. 3045

0 בית-מדרש-געלט – דאס, מצ דער. געלט וואס
געהערט צום בית-מדרש און איז באשטימט פאר געזעל-
שאפטלעכע צילן.

1885 " און אז עס מאכן זיך ניט א מאל טעג |יומא דפאגרא׳ס|
קויפט מען |דעם ביטערן טראפן| פון בית-המדרש-געלט". 3076
ייפאל, נ׳ 3.

בית-מדרש-פּאטשט – די, =ן. (איר) נישט באגרינדעטע
שמועות, אומגלייבלעכע ידיעות.

1866 " און אז זיי |די אויפגעקלערטע| הערן עפעס א
מעשה וואס זיי גלייבן נישט, |זאָגן זיי:| דאס 3094
איז א בית-המדרש-פּאטשט׳". קמ, נ׳ 4, ז׳ 57.

בית-מדרש-פּנקס – דער, =ים. א בוך אין בית-המדרש,
ווו מע פלעגט פארשרייבן פארשיידענע דאטן, אינפארמאציעס
וועגן די קהילה-מיטגלידער (געבורטסטאג, חתונה,
פטירה א"ע).

1881 " בעת דו רעכנסט זיך שוין נאך דער מאמעס
דאָמאַשנע |=היימישע| בר=מצווה = מעטריקע 15 יאר, 3095
נאכן דוכאווגע |=רעליגיעזן| בית-המדרש-פּנקס 18
יאר |...|." מ. דלוגאטש, וועלט-מסורה, ווארשע,
ז׳ 53.

ם בית-המדרש, מצ בית המדרשים/בתי מדרשות.

1610 " דא איז זיין ווייב ארום גילאפן צו דיא
בתי-מדרשות אונ׳ גיפרעגט וועגן דער דא אזו פיל 3274/א
גילערנט האט ווארום איז ער גישטארבן אזו יונג".
סח - מדרש, ויקרא טו - יט.

1712 " גלייך מן היינטיגן טאגש זיכט, דז שון שולן
אונ בית המדרשים אין אמריקא זיין". 'מקוה ישראל', 3069
חברו החכם השלם מנשה בן ישראל בלשון גוים אשכנזים
ועתה נעתק ללשון יהודים אשכנזים. פרנקפורט דמיין,
דף כד/2.

1743 " ניט אלייך דש מן זיא האט צו גשטאנדן שולין
אונ' (בתי-מדרשות) צו האבן, נייארט זי האבן 2058/3274
פרייא גהאט אום צו (משפטן)." שאר, קכד - 2.

ב י ת - מ ד ר ש - ב ח ו ר |בייסמעדרעש-באָכער| -
דער, =ים. פֿפֿ: בית-המדרש-בחור |בייס-המעדרעש-
באָכער|. א בחור וואס לערנט אין בית-מדרש פאר
זיך, ניט אין א ישיבה, אָן דער הילף פון א רבין.

|...?| " ".מנשה דער בחור און פּיני |...| זיינען 3072
ביידע בית-מדרש-בחורים". שע, פון פסח ביז פסח,
קאָנקורענטן, ז' 142.

1830 " זינד מען נעמט רעקרוטן האט מען נאך ניט
~~ניט~~ אוועקגעגעבן קיין עושר'ס קינד, קיין שום 3074
תקיפ'ס קינד |...|, קיין שום בית-המדרש-בחור,
נאר ארימע-לייטס קינדער נעביך".
די הפקר־וועלט, ~~ווארשע, תרס"ד~~, ציט איטסג
ווארשע, 1904, ז' 33.

1972 " ווי איר קוקט מיך אן, בין איך געוועזן ביז
זיבעצן יאר א בית-מדרש-בחור. באש, פאר, 3319
18/[illegible].

ב י ת - מ ד ר ש נ י ק |בייס-מעדרעשניק| - דער,=עס.

פּפ בית-המדרשניק, |בייס-האַמעדרעשניק|. איינער

וואס פלעגט זיצן גאנצע טעג אין בית-מדרש און

לערנען תורה.

1863 " לאמיר זיך נישט נאַרן, דער בית-המדרשניק

3089 וואס קען קיין אנדער לשון, אויף וואס זעצט ער

איבער |...| וואס ער האט געלייענט אין די לשון-

קודישע צייטונגען?", אשת ח-ר, קמ, נ' 29,

ז' 454.

|...| " קיין בית-מדרשניק ביסטו ניט, עטלעכע קערבלעך

3328 האבן מיר, |...| לאמיר ארויספארן אין א גרויסער

שטאט, קיין יעהופעץ". שע, סטעמפעניו, ז' 240.

1973 " שוין אפּגערעדט פון דוד פרישמאנען, וואס זיינע

3326 קלאסישע איבערזעצונגען האבן דעם געוועזענעם

בית-מדרשניק אריינגעפירט אין דער וועלט-ליטעראטור".

ציט, פֿאַר, !!!/2.

ב י ת - מ ח ס ה |בייס-מאַכסע| - דער/דאס. (עלט)

קהלישע אינסטיטוציע צו(ר) הילף אָרעמעלייט.

1847 " ר' משה מאנטעפיארע און אנדערע גרויסע לייט

3334/ב' האבן געשטיפּט פארשידענע אנשטאלטן |בתי מחסה|

פאר ארעמע".ווארשויער יודישע צייטונג,

שנה ראשונה, נ' 8, ז' 88.

ב י ת - מ ק ד ש |בייס-מיקדעש| -- ---> בית-המקדש.

ב י ת - מ ק ו ב ל |בייס-מקובל| - דער/דאס. דזוו

בית-קיבול.

1924 " פאר פרויען איז זיך צו פארהיטן פון א טריפֿער
נאָך שווערער ווי פאר מאנסבילן. דער בעסטער מיטל 3338
איז: פאר דער באַציִונג ארייַנלייגן אין דאס שיידל
בית-מקובל| א וואַטקע". פגעז, נ׳ 12, ווילנע.

ב י ת - מ ק ל ט |בייס-מיקלעט| - דער/דאס. (מליצהדיק)
אַן ארט אויצובאהאלטן זיך.

1866 " איר זאלט אייך פארט ארומקוקן |...| עס איז נישט
שיין |...| אז א בית-מדרש |...| זאל דארט זיין 3339
א בית-מקלט פאר אלע גנבֿים". קמ, נ׳ 25, ז׳390.

ב י ת - מ ר ח ץ - ---> בית-המרחץ.

ב י ת - מ ש ת ה |בייס-מישטע| - ---> בית-המשתה.

ב י ת - ס פֿ ר |בייס-סייפֿער| - דער/דאס. פפֿ: בית-הספֿר.
מצ בתי-ספר |באַטיי-סייפֿער|. (עלט) שול(ע) צו
לערנען, |אין די 20 - 30=ער יארן פון XX י"ה
געניצט ספעציעל פאר די העברעיִשע שולן אין פוילן|.

1908 " הגם ווי די בתי-ספר זיינען איינגעריכטעט
געווען איז דײַטלעך אין תלמוד ניט אנגעוויזן". 3353
ממוס, שלמה ר׳ חיים׳ס, 2, ציט אויסג 1913,
ז׳ 59.

ב י ת - ע ב ו ד ה - ז ר ה |בייס-אַווידע-זאָרע| -
דער/דאס, מצ בתי-...|באַטיי...|. געצנדינערישער
טעמפּל.

1862 " נאר דארט |איך ארט נהריים| רופט מען אן א
3355/א טיש פתורה |...|, ווייל זיי זענען געווען פון די
בתי עבודה זרה". נוצ, II, ז' 225.

1706 " און זיא |אסתר המלכה| האט מוזין גין
3357 צווישן צוויא בתי עבודה זרות וואש גרושי קליפות
זיינן דרינן גיוועזין". קה, חלק שני, דף עז/2.

ב י ת - ע ו ל ם |בייס-אוילעם| - דער, =ס. בית-הקברות.

1868 " עס האט זיך נאך ניט געטראפן, דאס מען זאל
3359 פירן א מת צוריק פון בית-עולם". אמד, דער
אונצייטיגער בעזון, ווילנע.

|...| " ער האט זיך אויסגעקליבן אן ארט אויפן
ברושי בית-עולם ביים לעבן". שע, בערל אייזיקס.

1968 " אין זיין מוח איז שטיל געווען ווי אויף
קונקורד א בית-עולם". חג, צמח אטלאס II, נ"י, ז' 123.

|| בית-עולמדיק - אדי/אדוו. שטיל, טרויעריק,
אפגעשטארבן, טויט.

1940 " אלצדינג אין טאלעדאָ איז בית-עולמדיק,
3410 לויטער פאַרגאנגענהייט". קאר, III, ז' 122.

1948 " בית-עולמדיק האט איצט דער שטענדיק יידישער
3420 טייל שטאט אויסגעקוקט". גאפ, נ' 2, ז' 47.

1958 " |...| די צוויי אַלטיטשקע פעלדמעסטערקעס |...|
וועלכע שניידן זיך אין זכרון מיט זייערע
דארע, בית-עולמדיקע געשטאלטן". שנ, יידישע
שרייבער פון סאוויעטן-פארבאנד, יוני, ז' 101.

בית-עולמש - אדי. דזוו בית-עולמדיק.

1934 " דאס אויג דערביי האט זיך געקלאמערט // אַן
עדעלשטאטס בית-עולמשן גראניט". הל. די באלאדע 3417
פון דענווער סאניטאריום.

אנמאכן א בית-עולם - זיין אין א טיפן טרויער; ביטער קלאגן, יאמערן|סטוטש 512|.

שור: אויף א בית-עולם ווינטשט מען ניט קיין אריכות-ימים- - וועגן א זאך וואס איז געמאכט נישט אויפן פאסיקן ארט, נישט אין די פאסיקע אומשטענדן אדער נישט אין געהעריקן מאמענט.

פון בית-עולם נעמט מען נישט צוריק - וועגן א דערשיינונג וואס עס איז שוין נישטא קיין מעגלעכקייט די צוריק צוקערן; עס איז שוין פארפאלן, מען קען שוין גארנישט ענדערן.

פוול: ווי קומט דער חזיר אויפן בית-עולם? - וועגן
אומשייכות צווישן צוויי דערשיינונגען אן שום 3393
צוזאמענהאנג צווישן זיי.

דריי יידישע תענוגים: א פריילעכער בית-עולם, א ווארעמע מיקווה און א ליכטיקע לבנה - (יאיר) נישט קיין איבערגעטריבענע פאדערונגען, דאס באגנוגן זיך מיט פשוטע זאכן. |"א פריילעכער בית-עולם" האט אויך אַן איראַנישע קאַנאָטאַציע|.

קללות: אוועקטראגן זאל מען אים אויפן בית-עולם.

איך וועל דיר געבן אן ארט אויפן בית-עולם.

אדון עולם - זאלסט ליגן אויפן בית-עולם.

אויפן בית-עולם זאלסטו ליגן. זאלן דיך עסן פליגן,

פליגן זאלן דיך עסן. זאלן זיך לייט אין דיר פארגעסן.

ב י ת - ע ו ל מ י ם |בייס-אוילאָמים| - דזוו בית-עולם.

1610 " אונ׳ צו דעם בית הקבֿרות, דרום מוז ער זאגן

דז דאש זעלביג אורט דש איז דער שטאט איז מוז איין 3419

אורט ריין זיין, אוישר וויניג דיא ~~טבר~~ שאר, אויז דיא

דרייא שארן אונ׳ אין בית-עולמים אויז דיא שטאט:

צו גישונג דיא אשן דיא דא ווערט גימאַך פון דעם

אופּפֿר שטול". סח - רשי, ויקרא ד - י״ב.

ב י ת - ע ל מ י ן |בייס-אַלמען| - דזוו בית-עולם.

1898 " אויף דעם בית-עלמין |...| שטייט אן אלטער

צעבראכענער ייד נעבן זיין ווייבס קבֿר". 3431

א. מארגענשטערן, עגל הזהב, ווארשע, ז׳ 90.

1692 " ווען איינר מעכט ניט - אין איינר רביעת שנה

- אין בית-עלמין קומין - איז ער איין חתום זאלל מן

איהם פיר איינען אינו חתום שטעללען". תקנות פון

פראגער חברה קדישה.

ב י ת - ע ם |בייס-אַם| - דער/דאס. הויז פאר פארזאמ- ?נ?

לונגען, פארוויילונגען אא"וו; פאַלקסהויז.

1926 " דער בית-עם איז געווארן א מאדע אין שטעטל".

א. בערגמאן, דאס פוילישע שטעטל, ווארשע, ז׳ 18. 3438

ב י ת - ק ד ש י - ה ק ד ש י ם |בייס-קאָדעי-האַקאָדאָשים| - דער/דאס. צום מערסטן פאַרהייליקטער טייל אין בית-המקדש.

1862 " און דער לשכת הגזית רינגלט ארום דעם אולם און דער אולם דעם מזבח און דער מזבח דעם היכל און דער היכל דאס בית-קדשי-הקדשים" . נוצ, I- 203. 3453

... " זי |די שכינה| האט גערוט אין דעם בית-קדשי-הקדשים". לקוטי-אמרים, תניא, אַ, ז' 282. 3421

אויבזן ד. וואס ז"ל, ר' שניאור-זלמן מליאדי

ב י ת - ק י ב ו ל |בייס-קיבל| - דער/דאס, פּפ בית מקובל. (לל) 1. אריינגנעם ארט, רוים.

1844 " דעם איז פאראנען אין חצר איין זייל פון מירמל שטיין אונ פון אויבן איז איין גרויסער בית-קבול". ר' מנחם מענדיל בר' אהרן, קורות העתים, ווארשע.

|...| " א קעלישאַק אויף א הויך פיסל און מיט א ברייטן ראנד (פאַרמאָגט) אין דער אמתן א בית-קיבול בלויז פאר עטלעכע טראפנס משקה". חג. זיידע און איניקלער. ברושי

2. (אייפ) בויך.

|...| " עפרויקע האט געהאט א שוואַכן בית-קיבול, ווי נאר ער פלעגט נעמען א ביסעלע אלקאהאל פלעגט ער שוין ווערן בגילופנדיק". וואלקאוויסקער יזכ I, ז' 492. 3449

ל פּוול: ער האט א גוטן בית-קיבול - ער איז א גרויסער פרעסער.

3. (אייפ) דער ווייבלעכער געשלעכט = אָרגאַן.

בית ר שאת |בעיטער-סייס| - אדוו. (לל) ?נ?

נאך מער, מיט מער כח, נאך שטארקער.

1890 " אונדזער פריערדיקע השערה וועגן דעם רעזולטאט

פון די וואלן |...| איז מקוים געווארן נאך 3465

ביתר שאת. ייפאל, נ' 9, ז' 6.

ב י ת ר |בייטאַר| - ציוניסטישע יוגנט-ארגאניזאַציע

|ראשי תיבות פון בשם יוסף טרומפּעלדאָר|

|| ביתראוויעץ/ביתריסט/ביתרניק - מיטגליד פון

דער ארגאניזאציע "ביתר".

1968 " געווען אין אַסוואַצק ציוניסטן פון אלע שאַטירונגען:

אלגעמיינע ציוניסטן און מזרחי, החלוץ און השומר 3464

הצעיר, רעכטע און לינקע פועלי-ציון, רעוויזיאַניסטן

און ביתרניקעס". יזב אַסוואַצק-קאַרטשעוו,

ת"א, ז' 254.

1973 " חלילה אז א ביתראוויעץ זאל גיין אין לאָקאל

פון החלוץ". ד. שטאקפּיש, ספר פשוטיק, 3455

ת"א, ז" 127.

ב י ת ש ל י ש י |באַיס שלישי| - דער דריטער ?נ?

(צוקונפטיקער) בית־המקדש; געמיינט אויך מדינת

ישראל.

1967 " זיי האבן געוווסט, אז זיי קעמפן פארן עצם קיום

פון אונדזער "בית שלישי". ~~דאס דא וועט געבויט ווערן".~~ 3440

שערבער, ~~פראג.~~ אורט [וואר.?], י. רבין, יג'ן,

נ' 62/63, ז' 28.

1602 „דאס איז ניט געשען דאן, ווען דאס אנדער בית המקדש

האט געבויט, דארום גיט ער אויף דאס בית שלישי

דאס דא וועט געבויט ווערן". שערביר, לא-טע.

ב י ת - ש מ א י |בייס שאַמײַ| - <u>דער</u>. די ישיבה און אויך די שיטה פון דעם תנאי שמאי און זיינע תלמידים אין א"י. בית שמאי האט זיך אויסגעצייכנט מיט א שטרעבונג צו פסקנען לחומרא (האַרב), להיפוך צו בית הלל.

1861 " <u>בית שמאי</u> זאגן צו מעריב זאל זיך דער מענטש איינבייגן און לייענען קריאת שמע". <u>משניות, זרעים</u>, 1/2, קעניגסבערג. 3474

" א גליק |...| וואס אין יעדן פון אונדז האט 1928
זיך פארוואלגערט א ניצוץ פון <u>בית שמאי</u>". אפּאַ[טאָשו] V, ווילנע [illegible]. 3475
~~קלעצקין~~, VI, ז' 226.

1961 „בית שמאי" גייען אַלע מאָל נאָך [illegible] [illegible] ווי צו קאָן [illegible] דער האַלטערס כוחות". <u>לקוטי שיחות</u>, א–א, ש"י, ז' 147.

|| <u>בית-שמאיניק, בית-שמאיניצע</u> - אנהענגער(ין) פון בית שמאי.

1870 " זי |די רביצן| איז דווקא א כשרע נשמה, א מחמרת, א <u>בית-שמאיניצע</u>". <u>קמ</u>, נ' 20, <u>III</u> - 146. 3478

ב י ת-ש נ י |באַיס שיני| - <u>דער</u>. דער צווייטער בית-המקדש, אויסגעבויט דורך די יידן וואס האבן זיך צוריקגעקערט פון גלות בבל.

1832 " און אונזרי תפלות זאלין אך ג(ע)נומין ווערין בזכות עזרא וואש ער האט אונז משמח גוועזן מיט דעם <u>בית שני</u>". <u>מחזור לימים נוראים</u>, עז/ב, סלאוויטע. 347

1862 " די קללות פון פרשת בחוקותי זענען אקעגן חורבן בית ראשון און די קללות פון משנה תורה זענען אקעגן <u>בית שני</u>". נוצ 13, II, ז' 299. 348

... " פארטיק איז דער <u>בית שני</u> נאך דער מי פון יארנלאנג". <u>יהואש</u>, <u>בית שני</u>.

ב י ת - ת י פ ל ה |בייס-טיפֿלע| - <u>דער/דאס.</u> (<u>פֿעיא</u>)

קלויסטער, נישט-יידישער טעמפּל.

1894 " און קיין מענטש ווייסט נישט וואו זיין |משה*ס|

קבר איז, כדי מען זאל ניט מאכן א <u>בית-תיפלה</u> 3490

אויף זיין קבר". <u>א. מאלקאוו</u>, <u>ספר דרך אמת</u>,

ז' 10.

1743 " דא האט ער גזאגט דש מן דיא <u>בית-תיפלה</u>

וואו דש בין דער פון איז אהער גקומן זאל וואושט 3488

מאכן אונ' זאל זיא איבר אקרין". <u>מ. מן</u>,

<u>שארית ישראל</u>, אמשטרדם.

ב י ת - ת פֿ י ל ה |בייס-טפֿילע| - דער. ---> בית-הכנסת.

1926 " און אונדזער <u>בית-תפילה</u> |...| שטייט איינזאם".

<u>סעג</u>, <u>פאעמען</u>,ווארשע, ז' 111. 3489